STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01207

YUD ZIS

Lion Feuchtwanger

*Permanent preservation of this book was made possible
by Alan & Selma Kraft
in honor of
Abraham Warshaw*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ליאָן פֿייכטוואַנגער

דער הערצאָג

(„יוד זיס" III טייל)

ראָמאַן

אידיש ז. קאַלמאַנאָוויטש

„ביכער פאַר אַלעמען" ריגע

1929

y780, c.1
v.3

באם ים כנרת זיינען זיי געגאנגען, רבי יצחק לוריא, דער ארי הקדוש, דער פאטער פון דער קבלה, מיט זיין געליבטן תלמיד חיים ויטאל. פון מרימס קוואל האבן זיי וואסער געטרונקען, האבן זיך אויף דער אזערע ארויסגעשיפט. דער ארי האט תורה געזאגט. איבער די וואסערן האבן די גייסטער געשוועבט, דאס שיפל איז געשטאנען שטיל. עס איז געווען א נס, וואס עס איז ניט איינגעזונקען; ווארום שווער מיט לעבן פון מיליאנען איז געווען דער רבי און זיין ווארט.

און די מענער האבן זיך אומגעקערט צוריק צו מרימס קוואל. און זיי האבן ווידער אמאל געטרונקען. און פלוצים האט דער קוואל אומגעביטן זיין שטראָמונג. ער האט געבילדעט א בויגן אין דער לויפט, צוויי אויפרעכטע שטראלן, איין באלכסון־שטראל איבער זיי. און דער ארי איז אריין אין דעם בויגן ווי א דריטער אויפרעכטער שטראל. אזוי איז פון אים און פון קוואל געווארן דער אות שין, דער אנהויב פון געהייליקטסטן גאטס נאמען שדי און דער אות איז געוואקסן און געוואקסן און האט זיך אויסגעשפרייט איבערן כנרת און האט זיך אויסגעשפרייט איבער דער וועלט. און אז רבי חיים ויטאל איז געקומען צו זיך פון זיין צעטומלטקייט, האט דער קוואל געשטראמט אזוי ווי פריער, אבער דער רבי, דער ארי הקדוש, איז שוין מער ניט געווען.

אט דער מיטלסטער שטריך פון דעם הייליקסטן אות איז געווען דאס איינציקע, וואס ער האט אופגעשריבן פון זיין תורה. ווארום די רייד פון זיין תורה זיינען געפאלן פון זיינע לעפצן און זיינען געווען אזוי ווי שניי. ער איז פאראן, ער איז ווייס און שיינט און קילט; איינהאלטן אבער קאן מען אים ניט. אזוי איז פון זיינע לעפצן די תורה געפאלן און מען האט זי ניט געקאנט איינהאלטן.

דער רבי האָט זי ניט פֿאַרשריבן און האָט אויך ניט דערלאזט, אַז אַן אַנדערער זאָל זי פֿאַרשרײַבן. וואָרום דאָס געשריבענע איז אַ גלגול און דער טויט פֿון גערעדטן, און די שריפֿט איז ניט גאַנץ וואַרעם, נייערט מאַסקע און גרימאַסע, און איז געגליכן צו האַלץ אָנטקעגן דעם לעבעדיקן בוים. ערשט אין מויל פֿון יודעים, פֿון ווייסער, שטייט זי אויף און לעבט.

אָבער נאָכדעם ווי דער רבי איז נעלם געוואָרן, האָט דער תּלמיד זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן פֿון צו פֿאַרצייכענען די תּורה אויף פּאַפּיר מיט די פֿלווידערדיקע, ליגנערישע אותיות פֿון דער שריפֿט. און ער האָט געשריבן דעם ספֿר עץ חיים און ער האָט געשריבן דעם ספֿר הגלגולים.

אָ, ווי גרויס איז געווען דעם רבינס חכמה, וואָס ער האָט זײַן ווײַבן ניט מטמא געווען דורך דער שריפֿט, וואָס ער האָט די תּורה ניט געפֿעלשט און צעדרייט דורך דעם מיאוסן כּישוף פֿון די אותיות. אין זײַנע חזיונות האָט זיך באַוויזן אליהו הנביא, אין זײַנע נעכט רבי שמעון בן יוחאי. פֿאַר אים איז געווען אַנטפּלעקט די שפּראַך פֿון פֿויגלען, פֿון בוימער, פֿון פֿלאַם, פֿון שטיין. ער האָט געקענט זען די נשמות פֿון די וואָס ליגן אין די קבֿרים און די נשמות פֿון די לעבעדיקע, ווען זיי שוועבן אַרויף פֿרײַטיק בײַ נאַכט צום גן־עדן; ער האָט אויך געקאָנט פֿון די שטערנס פֿון מענטשן זייערע נשמות אַראָפּלייענען, צוציען צו זיך, ריידן מיט זיי דערנאָך אָפּלאָזן זיי ווידער אין זייערע גופֿים. די קבלה האָט זיך פֿאַר אים געהאַט אויסגעברייט, דורכלויכטיק איז פֿאַר אים געווען דער קערפּער פֿון די זאַכן, ער האָט פֿאַר איינס געזען גוף, גייסט, נשמה; לופֿט, וואַסער, ערד איז געווען פֿול מיט שטימען און זע־אונגען, ער האָט געזען גאַנץ ווירקן אין דער וועלט. מלאכים פֿלעגן קומען און שמועסן מיט אים, ער האָט געוואוסט, אַז או־מעטום איז פֿאַראַן אַ סוד, אָבער פֿאַר אים האָט דער סוד די אויגן געעפֿנט, האָט זיך צו אים געטוליעט ווי אַ הונט אַ פֿאָל־גער, נסים האָבן אויף זײַן וועג געבליט. דער בוים פֿון דער קבלה איז דורך אים דורכגעגאַנגען, זײַנע וואָרצלען זײַנען געווען

טיף אין דער ערד, זיינע אויבערשטע צווייגן האבן געפּאכעט אי־בער כביכולס פּנים.

אָ, ווי פּארענדערט געוואָרן איז די דאזיקע חכמה אין די ביכער פון תלמיד. אין ווילדער פּלאנטערניש האָט פון זיי ארויס־געשפּראצט משוגעת און פארשטאנד. פּאַלשע נביאים און משיחים זיינען ארויסגעוואקסן פון די אותיות. כשוף און פּלאנטער, בטול היש און מופת און זנות און גלוסט צו מאכט און דבקות האט ארויסגעשטראמט פון זיי אין דער וועלט אריין. דער גראָער פּנים פון רבי שמעון בן יוחאי האָט ארויסגעקוקט פון אט די אותיות, און אין דער געדיכטעניש פון זיין זילבערנער באָרד זיינען געלעגן זיבער און אָפּגעשיידט מילע־מיליאַסן צדיקים און קדושים, און עס האָבן ארויסגעבליצט פון די צייכנס פון די דאזיקע ספרים נאַקעטע און חוצפּהדיק די בריסט פון לילית, און פון זיי האבן געזויגט פארשיכורט און פארחושט די קינדער פון תאוה און מאכט.

און אָט זיינען עטלעכע זאַצן פון דער תורת־הסוד, וואָס עס האָט געלערנט דער ארי הקדוש.

„עס טרעפט, אַז ניט נאָר איין נשמה מאַכט דורך איר גלגול אין א מענטשנס גוף, נייערט אז צוויי אָדער עטלעכע נשמות קומען זיך צונויף צו גלייכער צייט אין איין גוף, בכדי צוזאמען דורכצומאכן זייער גלגול אויף דער וועלט. ס׳קאָן זיין, אַז איינע איז באַלזאַם, די צווייטע סם המות; עס קאָן זיין, אַז איינע קומט פון א חיה רעה, די צווייטע פון א כהן און א תלמיד חכם. אָבער זיי זיינען פארט באהעפט מיט אנאַנד, געהערן צו איין גוף ווי די רעכטע און די לינקע האַנט. זיי דרינגען דורך איינע די אנדערע, פאַרבייסן זיך אין אנאַנד. ווערן מעוברת איינע פון די אַנדערע, גיסן זיך צונויף ווי וואַסער. זיי צעברעכן איינע די אַנדערע, זיי בויען זיך אוף, און שטענדיק איז אַזאַ פאַראייניקונג הילף פון איין נשמה דער צווייטער צוליב דער כפּרה פון דעם חטא, וואָס אי־בער אים מוז די נשמה דורכמאכן דעם נייעם גלגול".

אָט דאָס זיינען עטלעכע זאצן פון דער תורת הסוד פון דעם הייליקן ארי, דעם אדלער פון די מקובלים, וואס איז גע־בארן געווארן אין ירושלים, וואס האָט זיבן יאָר געפּייניקט זיין גוף,

Free Public Library, Newark, N. J.

זיך מתבודד געווען אפן ברעג נילוס. דער וואס האָט זיין חכמה געבראַכט צו טראָגן קיין גליל און האָט מופתים באוויזן צווישן מענטשן, דער וואס האָט זיין תורה קיינמאָל נים פאַרשוועכט דורך שריפט און פאַפיר. און דער וואס איז סודותדיק אזוי נעלם גע־ווארן אפן ים כנרת אין אכט און דרייסיקסטן יאָר פון זיין לעבן.

דער פירשט=ביסקופ פון ווירצבורג איז זיך געפארן בהרחבה=
דיק איבערן געבענטשטן לאַנד. דער דיקער מאַן, וואס איז געזעסן
באַקוועם אָנגעשפּארט אַף די ווייכע קישנס פון זיין גוט באַספּרונ=
זשינעטן קאַראָט, האט מיט נחת אריינגעאָטעמט דעם צאַרטן ריח
פון די ערשטע אויבס=בליטן; אַלץ איז געשוואומען אין יונגער זון,
פוכיק איז געלעגן און צערטלעך דאָס יונגע גרינס אַף ערד,
בוים און קוסט. דער ביסקופ איז געפאַרן קיין שטוטגאַרט צום
טורן=טאַג פון יורש עצר. ער איז געווען גוט אופגעלייגט. אַ פיין
לאַנד! אַ רייך, געבענטשט לאַנד! איצט איז דאָס געווען פאַרזיכערט
פאַר רוים און פאַר דער קאַטוילישער קירך.

פרידריך קאַרל פון שיינבאָרן, פירשט=ביסקופ פון ווירצבורג
און באַמבערג, דער ערשטער דיפּלאָמאַט פון דער קירך, וואָס די
קאַטויליקן האָבן אים געריטשט ווי דעם וועלט=חכם און די עוואַנ=
געלישע האָבן אים געזידלט און געלעסטערט און גערופן אים
המן און הורדוס און פאַלשע שלאַנג, איז געווען אַ גוטמוטיקער,
באַלייבטער מענטש. דער אמתער וועלטמאַן, אַ מקורב בײַם ווינער
און בײַם פּויפּסטלעכן הויף, אַ סך וועלט געזען, שטענדיק אין
באַוועגונג, — האָט ער פון מענטשן ,וינציק וואָס געהאַלטן, געזען
זייער שוואַכקייט, גרייט זיי מוחל צו זיין; אַ לייטזעליקער אַבסאָ=
לוטיזם און אַ פריילעך=גוטער קאַטוליציזם האָבן, לויט זיין מיינונג,
געקאָנט ראַטעווען די וועלט. דער המון איז געווען טעמפּ, נאַריש
און פינסטער, דאָס איז געווען גאָטס רצון, גאָט האָט שוין אַזוי
די וועלט איינגעשטעלט, און דער שכל איז מחייב, מען זאָל דאָס
אָננעמען ווי אַ פאַקט. עס איז געווען אַ צער, וואָס אויף דער
וועלט זיינען פאַראַן אַזוי פיל צרות; נו יאָ, דאָס איז טאַקע אַ
שאָד. עס איז אָבער געווען גענוג פון מאָל צו מאָל אַרויסצולאָזן
אַ זיפץ דעריבער; שטענדיק זיין איינגעזונקען אין עצבות אָדער
מעשה עקשן קלערן, ווי אַזוי בייט מען איבער אט דעם סדר פון
דער נאַטור, דאָס איז אַן עסק פאַר טיפּשים און פינסטערע פאַנ=
טאַזיאָרן. ער, שיינבאָרן, האָט זיינע בעסטע יאָרן פאַרבראַכט אין
איטאַליע, האָט זיך אויסגעלערנט זיינע דיפּלאָמאַטישע קונצן אין
ווענעציע, ער האט ליב געהאַט די ליכטיקע, דרומדיקע לופט, ער

האָט זי אין ווירצבורג ווידער געפונען. זיין קאַטויליציזם איז אים געלעגן אין בלוט. זיין עסן און טרינקען, זיין שטיין און גיין איז געווען קאַטויליש. ער האָט געזען די קירך אַזוי, ווי ער האָט זי געהאַט איינגעזויגן אין איטאַליע מיט אַלע חושים. די זאַמלונגען פון וואַטיקאַן זיינען געווען אַ טייל פון דעם. די ווענעציאַנישע דיפּלאָמאַטיע איז געווען אַ טייל פון דעם. אַפילו די אַלבאַנער בערג זיינען געווען אַ טייל פון דעם. אַלץ, וואָס אין דער וועלט איז געווען שיינס, — און דאָס זיינען, גאָט צו דאַנק, געווען אַ סך זאַכן, מעסעס און קירכן און ווייַן און קונסטווערק און מלוכה-איבערקערענישן און אַ שיינע דרשה און אַ גוט געוויקסיקע פרוי, אַלץ וואָס איז געווען ליכטיק און פריילעך, איז געווען רוימיש און קאַטויליש. אָבער דאָס וואָס איז געווען דומפּיק און פאַרמוכלט און נעפּלדיק און גרוי ווי שפּינוועבס איז געווען עוואַנגעליש, זאַקסיש, בראַנדנבורגיש. ער האָט דעם פּראָטעסטאַנטיזם נים פיינט געהאַט; וואָרום ער האָט קיין זאַך אויף דער וועלט נים פיינט געהאַט. אָבער ער איז אים געווען טיף דערווידער. אָט די גרויע, ניכטערע ליטורגיע, אָט די אָנפאַרביקע, פאַרפלאָנטערטע, פאַרנעפּלטע טעאָלאָגיע. דאָס איז געווען שלעכטע לופט, חכמה פאַר גראָבע יונגען, פוסטע פלאַפּלעריי. אַפילו די אַפּאָסטאָלן אַליין, ווען זיי וואָלטן איצט געקומען צוריק, וואָלטן גאָרנישט נים פאַרשטאַנען פון דעם, וואָס די דאָזיקע אַזוי געדופענע טעאָלאָגן זיינען איבער דעם זיך מתווכח, אַטעמען האָט מען נים געקענט אין אָט דער פאַרדומפּטער, גראָער וועלט. אָבער געלויבט איז דער אויבערשטער! פון אָט די דאָזיקע הימלעבע שוואַבישע פעלדער ווערט איצט דער נעפּל צעריסן. ער, פרידריך קאַרל, האָט אַ סך מיטגעהאָלפן צו שאַפן פאַרן לאַנד די ליכטיקע, קאַטוילישע לופט, וואָס פּאַסט דעם אַ סך בעסער. איצט איז ער געפאָרן, בכדי צו טויפן אַ נייעם הערצאָג אין ריכטיקן גלויבן. אָט דאָס איז אַ פיינע וועלט! עס איז דאָך אַ מחיה צו לעבן. און ער האָט פריילעך אריינגעאָטעמט די מילדע לופט און ער האָט זיך געוויצלט מיט זיינע קלוגע יועצים און ער האָט געשאָנקען די קינדער אויף זיין וועג מטבעות און ער האָט געקוקט מיט הנאה אויף דער שיינער

מיידל וואָס האָט באַדינט אין אַכסניא. און זיין שווערער גוף האָט זיך געשאָקלט צופרידן, און זיין פולער, קלוגער פּנים האָט אַרויסגעשטראַלט נחת רוח אויף אַלץ וואָס אַרום.

אָבער פאַרן לאַנד איז ער אויפגעגאַנגען ווי אַ בלוטיק רויטע פולע לבנה, וואָס זאָגט אָן פּורעניות. אוי ווי, דער נצחון, וואָס מען האָט אָפּגעהאַלטן אין שטעטנפעלזער עסק, איז נאָר געווען אַ ליכט אויף אַ וויַיל. איצט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס לאַנד איז געלעגן אין נעץ, וואָס האָט דאָס אַרומגענומען פון אַלע זייטן. וואָס האָבן געהאָלפן אַלע אויסריידעניש און אָפּגעהיטע באַוואָרעניש אַנטקעגן די טייוולאָניש־דורכגעטריבענע איינטיטש־קונצן פון די ווירצבורגער יועצים! און אַפילו ווען מען איז דאָס גובר געווען, ווען מען האָט זיי שוין אָפּגעפרעגט פּונקט פאַר פּונקט, האָט דאָך אויך גאָרנישט געהאָלפן; וואָרום הינטער די ווירצבורגער איז געשטאַנען דאָס מיליטער. זיינען געשטאַנען די באַנגעטן פון הערצאָגס אַרמיי. אויב דער איד האָט צוגענומען דעם גוף און דאָס געלט, איז איצט געקומען דער קאַטויל און האָט געפּרעכן די נשמה. קאַטוליציזם דאָס האָט געהייסן מפקיר זיין זיך אַליין, מפקיר זיין די גאַנצע מענטשלעכע און פּאָליטישע פרייהייט. דאָס האָט באַטייט מיליטערישער אַבסאָלוטיזם, לעכערונג פון אַלע בירגערלעכע מעלות און מידות טובות, האָט באַטייט אַ טעמפּער המון פון קנעכט און אַ קליין הייפל צעלאָזענע הויפלייט איבער זיי. קאַטוליציזם האָט באַטייט די ממשלה פון בעל־זבוב, האָט באַטייט לוקסוס, חוצפּה, טיראַניע, זנות, פרעס־און־זויפעריי. און דאָס לאַנד האָט זיך געצאַפּלט ווי אַ וואָרים. אָבער עס איז געווען אַ צאַפּלען אָן כּח, אָן האָפענונג. דער איד האָט געהאַט גוט צוגעגרייט, האָט דער קאַטויל שוין געהאַט אַ גרינגע מלאכה. פאַריאושט און טעמפּ, איינגעשראָקן דורך דעם פּריצישן באַנעמען זיך פון באַאַמטע, דורך די קלעפּ פון די קאַטוילישע אָפיצירן, זיינען די בירגער געזעסן איינגעהויקערט אין די שיינקען און פאַר דעם אָקאָרשט אָנגעקומענעם ווירצבורגער האָבן זיי געהאַט נאָר אַן אָנמעכטיקן, הוזקדיק טעמפּן געלעכטער. אָט נאַט אייך! אָט זעט מען דאָך בפירוש! אָבער ווייטער האָט דער כּעס ניט אַרויסגעוויזן זיך,

און אַלע זיינען זיי איצט געזעסן, פונקט ווי דער קאָנדיטאָר בענץ מיט די חזירשע אויגן, גיפטיק בייזע, מיט די קעפּ צווישן די אַקסלען.

די געהיימראַטן האַרפּרעכט און בילפינגער האָבן זיך שווער און קרעפטיק אַנטקעגנגעשטעלט קעגן דעם הערצאָגס פּלענער. אָבער אויב זיי האָבן עפּעס געפּועלט אַפן אַדמיניסטראַטיוון וועג, האָט דאָס קיין גרויסן באַטרעף ניט געהאַט. וואָרום זיי האָבן זייער וואויל איינגעזען אַז די סכּנה איז געקומען פון אַן אַנדער זייט, זי איז געלעגן אין דער קאַטוליזירונג פון דער אַרמיי. און דאָס האָט מען ניט געקענט אָפּשטעלן. די ווירצבורגער הערן, די יועצים פּיכטל און ראַב, האָבן זיך צוגעקוקט צו די גיינג פון די ווירטעמבורגער שטילערהייט, מיט פאַרגעניגן, מעשה מבינים; זיי פּלעגן אַפילו אַמאָל מיט איראָנישער גוטגינציקייט העפלעך לאָזן זיי כאַפּן אַ שאַנס. עס איז געווען טשיקאַוו צו קוקן, ווי אָט די צוויי שווערע, כשרע פּראָטעסטאַנטן מאַטערן זיך, האָרעווען; זיי, די קאַטוילן, האָבן געוואוסט, אַז פאַר זיי אַרבעט די צייט. אַזוי געוויס ווי עס קומט נאָך אַפּריל מאַי, אַזוי האָבן זייערע פּראָיעקטן געמוזט פאַרווירקלעכט ווערן.

נאָר איין ערנסטע מפּלה האָבן די קאַטוילישע געליטן. די עלפער-קאָמיסיע פון פּאַרלאַמענט האָט אויסגענוצט אַ לייכטע קריינק פון ווייסענזיי, בכדי אַוועקצוזעצן אַפן אָרט פונם צווייטיקן מאַן זייערן אַ מענטשן אַ זיכערן עוואַנגעלישן און דעמאָקראַט, דעם רעגירונגס-ראַט מאָזער, דעם פּובליציסט, וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק געהאַט אויסגעצייכנט בעתן שטעטנפעלזער עסק. אַזוי זיינען די עלף געזעסן, האָבן געשטורעמט, געכעסט זיך, געשאָלטן. מיט ווערדע און ערנסט האָט זיך איינגעשטעלט פאַרן לאַנד דער פּרעזידענט שטורם, אין גראָבע ווערטער און זידלערייען האָבן אויסגעלאָזן זייער כעס די בירגערמייסטערס פון בראַקנהיים און ווינסבערג, פּאַטעטיש און געהויבן האָט גערעדט מאָזער, ברוגז און מיט ביטול צו דער וועלט אין די ווינקלען פון מויל דער קאָנסולענט נייפער. יאָ, נייפער איז שוין מער ניט געזעסן אויף די שטאַפּלען פון טראָן. ער האָט איינגעזען: די מאַכט האָט ניט גע-

שטורעמט פּאָראויס, מיט דונער און בליץ און אין גרויסן גלאַנץ,
איבער אַלץ און איבער אַלעמען, ווי ער האָט זיך דאָס
אויסגעמאָלט; ניין, זי איז געווען צונויפגעשטעלט פון לויִ=
טער קליינע שפּיצלעך, זי האָט געקעמפט מיט מיאוסע קונצן און
מיט הינטערפיסלעך, בקיצור, זי איז געווען ניט מער ווערט פאַר
דער פרייהייט. סיי דאָ און סיי דאָרט האָט געשטונקען פון טויזנט
לעבער, אַלץ איז געווען הוילע שמאַטעס, מאַכט צו פרייהייט, אַבסאָ=
לוטיזם צו דעמאָקראַטיע, עס איז נאָר געווען אַ בלישטשעדיקער צו=
דעק, וואָס אונטער אים האָבן זיך אויסבאַהאַלטן מיאוסע, קליינ=
לעכע, נאַרישע תּאוהלעך און געפילכעלעך. איז שוין בעסער גע=
ווען צו שטיין אַף דער זייט, וואָס מען געהער צו איר פון גע=
בוירן. האָט ער זיך אָפּגעווענדט מיט פאַראַכטונג פון הויף און
האָט געשטעלט זיין פאַרביסענעם, ערנסטן פאַנאַטיזם ווידער אין
דינסט פון פאָלק, פון פּאַרלאַמענט, פון די עוואַנגעלישע.
אָבער צי מען האָט אָפּאָנירט ערנסט און זאַכלעך און מיט
וואָג ווי שטורם אָדער מיט פינסטערן פאַנאַטיזם ווי נייפּער, אָדער
מיט גראָבע זידלרייד ווי די בורגמייסטערס יעגער און בעלאָן, אַ
פעולה האָט דאָס געהאַט אַ קנאַפּע. אויף די פאַרשיידענע בפּרטיות=
דיקע רעקלאַמאַציעס, טענות, פּעטיציעס, אונטערטעניקסטע רעזאָלו=
ציעס פון פּאַרלאַמענט פלעגט אָנקומען פון הערצאָגס קאַנצעליאַ=
ריע אַ קורצער, עזותדיקער ענטפער, אָדער עס פלעגט גאָר קיין
ענטפער ניט זיין. פאַרקערט פלעגט מען הערן אין הערצאָגס נאָ=
מען בייזע רייד: ער וועט לאָזן מאַרשירן אַ באַטאַליאָן גרענאַדירן
פאַרן לאַנד=הויז און טאָן מיט די שוטים דאָרטן אינעווייניק, ווי
עס האָט שוין איין מאָל געטאָן אַ הערצאָג פון ווירטעמבערג.
אָפטמאָלס האָט ער זיך אויסגעדריקט, ער וועט באַלד אָט דער
פאַלשער און מורדישער הידרע צעטרעטן דעם קאָפּ. באַזונדערס
איין רעקלאַמאַציע פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער קאָמיסיע איז גע=
ווען אָנגעשריבן אין באַזונדערס שאַרפע און ניט פאַרזיכטיקע ווער=
טער, האָט קאַרל אַלכּסנדר געלאָזט זיך באַשטעטיקן פון געהיים=
ראַט פיכטל, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַרן גרעסטן קענער פון
דעם קאָנסטיטוציע=רעכט, די עקספּערטיזע, אַז קיין לאַנד=פאַרטרע=

טונג מאָר ניט אַרויסלאָזן אַזעלכע רעזאָלוציעס און פּראָטעסטן, וואָס אין זיי זאָל אַנגערירט ווערן דער כבוד פון פירשט. דער מחבר פון אַזאַ שריפט פאַרדינט, מען זאָל אים דעם קאָפּ אַנידערלייגן פאַר די פיס. אוידיענצן פון פּאַרלאַמענטאַרישע דעפּוטאַציעס באַם הערצאָג האָבן ניט געהאַט קיין בעסערע פעולה. דאָס גראָבע אופטרעטן פון בורגמייסטער פון בראַקנהיים האָט אַפילו איין מאָל קאַרל אַלכסנדר אַזוי אַריינגעבראַכט אין כעס, אַז ער איז צו צום מאַן מיט דער כוונה אים צו לערנען דרך ארץ מיט דער פלאַכער זייט פון זיין שווערד; קוים מיט צרות האָט דער דערשראָקענער דעפּוטאַט זיך אַרויסגעראַטעוועט.

אַזוי איז געווען דער מצב, בעת יאָהאַן יעקב מאָזער איז אויסגעקליבן געוואָרן אין דער עלפער=קאָמיסיע אַנשטאָט ווייסנזיי. ער איז געווען דער אינגסטער אין דער קאָמיסיע, אָבער הגם ער איז געשטאַנען ערשט אין אָנהויב פון די דרייסיקער, האָט ער דאָך שוין געהאַט אַ סך דורכגעמאַכט; ער איז געווען היציק, וויכטיק=מאַכעריש, מיט נטיות פון אַן אַוואַנטוריסט, האָט ליב געהאַט האַסטיקע, גרויסע ווערטער און פּאַטעטישע זשעסטן, איז געווען געניט מיט דער פעדער, אַ ליידנשאַפטלעכער פּובליציסט. שוין אין די יונגע יאָרן האָט דער דאָזיקער מענטש באַוויזן זיך אָנצושטאָפּן מיט ידיעות אָן אַ שיעור. צו זיבעצן יאָר האָט ער שוין געלאָזט דרוקן חיבורים, צו ניינצן יאָר האָט ער דריסט און מיט באַוואוסטזיין ווערדע זיך צוגעמאַכט צום הערצאָג לודוויג עבערהאַרד און איז געוואָרן אויסעראָרדנטלעכער פּראָפעסאָר אין טיבינגען. צו צוואַנציק יאָר האָט ער זיך אַריבערגעכאַפּט צום ווינער הויף, איז געוואָרן רעגירונגס=ראַט, האָט זיך צוגערוקט צום קיסר. בכדי זיך צו זיכערן קעגן אינטריגעס, האָט מען אים צוריקגערופן קיין ווירטעמבערג. מען האָט אָבער מיט דעם עקשן און בעל=גאווה ניט געקאָנט דורכקומען, איז ער אוועק קיין פּריסן, איז געוואָרן רעקטאָר פון אָפּגעלעגענעם און אָפּגעלאָזענעם אוניווערסיטעט אין פראַנקפורט אויף דער אָדער, האָט אָבער באַלד אוועקגעוואָרפן די דאָזיקע אָרעמע שטעלע און האָט זיך אומגעקערט אונטער קאַרל-אַלכסנדר קיין שטוטגאַרט. בעת אַלע די דאָזיקע יאָרן האָט ער

געשריבן און גערעדט כסדר און א פולע, עס איז ניט געווען קיין זאך פון טאג און פון אייביקייט, וואס אָן איר זאָל ער ניט האָבן געפרואווט זיין רייד-קונסט אדער זיין פען. בײַ דעם אַלעמען האָט ער, וואס איז פריער געווען סקעפטיקער, דערנאָך דעאיסט, געפונען נאך צייט צו ווערן מיסטיקער און צו שטעלן זיך אין דער ריי פון לוטער, אַרנדט, שפּענער, פראַנקע.

דורך זיין ענערגישן און דרייסטן ארויסטריט אין שטעטנ-פּעלזער ענין האָט ער זיך קונה שם געווען און האט זיך איצט גע-שפּירט ווי דער באַרופענער אויסלייזער פון ווירטעמבערג. זיך שטיצנדיק אַף זיין רעטאָריק, האט ער באַשלאָסן, גאָר פּראָסט און פשוט צו גיין צום הערצאָג, אַזוי ווי נתן הנביא צו דודן, און ריידן צו אים מיט קראַפט, ווי מענטש צו מענטש. באַזיכערט אין דעם כח און דעם איינדרוק פון זיין פּערזאָן, האָט ער אויסגע-בעטן פאַר זיך אַן אוידיענץ. ער איז אַוועק צום הערצאָג צוגע-גרייט אַפן בעסטן אופן, פּובליציסטיש, אַדוואָקאַטיש, נביאיש, אַנגעדרודלט און אין געהויבענער שטימונג, ווי א קאָמעדיאַנט, וואס איז צופרידן מיט דער גוט איינגעחזרטער ראָלע, וואָס פּאַסט פאַר אים. נאָר די אוידיענץ איז זיך פאַרלאָפן גאָר ניט ווי מען האָט זיך געמעגט ריכטן. קאַרל אַלכסנדר האָט אים אופגענומען אין קעגנוואַרט פון זיסן. נאָר מאָזער האָט זיך דורך דעם ניט געלאָזט אַראָפּשלאָגן פון וועג. ער האט גערעדט מעשה געלערנ-טער, מיט טיפקייט, מיט איבערצייגונג, געבראַכט מאָראַל-טעאָלאָ-גישע באַווייזן, ביישפּילן פון דער היליקער, פון דער אַלטער, פון דער נייער געשיכטע, האט אויסגעמישט מלוכה-רעכט מיט פּראַקטיש-ריכטיקן, האט געבראַכט משלים פון דער נאַטור, בקיצור, ער איז געווען זיכער, אַז ער האָט פאַרכאַפּט די געמיטער. דער הערצאָג און דער איד האָבן זיך צוגעהערט מיט קאָפּ; נאָך מער דער הערצאָג האט אייגנהענטיק אָפּגערוקט אָן אַ זייט אַ שטול וואס איז געשטאַנען אין וועג מאָזערן, וואס איז אין זיין היץ און אימפּעט ארומגעגאַנגען אהין און צוריק איבערן צימער. אָבער אַז דער פּובלי-ציסט איז נאָך אַן ערך צוואַנציק מינוט ריידן געבליבן שטיל, אופגעהויבן א האַנט פאַרקיילעכט אין א שיינעם זשעסט, האָט

דער הערצאג אים א קלאַפּ געטאָן אפן אקסל און געזאָגט: "ווען דאס קינד וואס די הערצאגין ריכט זיך אף דעם, וועט זיין א אינגל וועט ער מיט אים מוזן לערנען רעטאריקע" זיס ווידער האָט געמאַכט אייניקע באַמערקונגען מכח דעם אונטערשייד צווישן דייטשער און וועלישער דעקלאמאַציע. און אַז דער פאַרשוויצטער פּובליציסט איז אַ געפּלעפּטער אוועק פון דעם אין זיך שמיי־כלענדיקן הערצאג, האָט ער געמוזט מודה זיין: "ארים לאַנד! אָרים פאטערלאַנד! דיר קאָן אפילו איך נים העלפן!"

בכן. האָט דער ווירצבורגער געמעגט טאַקע שמעלצן זיך פאַר נחת, איצט אריינפארנדיק קיין שטוטגארט. דאָס וואס דער פּרינץ יורש פון שוואַבן ווערט געטויפט אונטער אזאַ גינסטיקן מזל, איז געווען א נצחון פון קאַטוילציזם וויים איבער די גרע־ניצן פון ווירטעמבערג. איז טאַקע די טויף אָפּגעריכט געוואָרן מיט גרויס פּאַראַד און מיטן אנטייל פון אַ סך קאַטוילישע פירשטן, און אַדלליים. דער פּויפּסט האָט באַ דער געלעגנהייט געשיקט דורך א שליח מיוחד דעם ריטער־קרייץ פון מאַלטער ארדן פאַר דער הערצאגין. אין גאַר דער וועלט זיינען נאָך צוויי דאַמען געווען באַפּוצט מיט אט דעם ארדן. די קעניגין פון שפּאניע און די פירשטין אוטשעלא אין רוים.

מאַריע אויגוסטע איז זיך געלעגן קאָקעטיש. דאס פּאַסטעל־פּנים אינגאַנצן דורכזיכטיק. אין איר בריימן פּאַראַד־בעט. אונטער איר צוקאָפּנס איז געלעגן די קמיע, וואס זיס האָט איר געגעבן, מיט די פּרימיטיווע סטראשנע פויגלען און מיט די קאַנטיקע, אויסטערלישע אותיות, הגם איר גלח האָט דאָס געהאַט פאַר־באָטן; זי האָט צוגעשמייכלט מעשה קונדס, ווען זי האָט א טראכט געטאָן, ווי וואלט ער דאָס געברענט פון כעס, טאָמער וואלט ער דאס געוואוסט. זי אליין איז געווען זיכער, אַז נאר די קמיע האָט זי געראַטעוועט; ווארום דאָס האָבן איז געווען א שווערס און א ווייטאקדיקס. איצט. אַז דאָס איז געווען פאַרביי. האָט זי שטארק מורא געהאַט, אַז זי זאָל נים זיין מיאוס געוואָרן אף שטענדיק. און די מעדיקער דאָקטאָר ווענדעלין ברייער און דאָקטאָר געאָרג בורקהארד זענער האָבן געמוזט איר כסדר פאַרזיכערן, אַז קיין

שום שניטן און זילבערנע קניימשן וועלן נים בלייבן אפן לייב פון איר דורכלויכט. אבער מער ווי די דאָקטוירים האָבן אף איר געווירקט בארואיקנדיק די רייד פון דער אלטער באַרבאַראַ האָלציכע, וואָס האָט מיט גוואלדיקן וויסן און אוטאריטעט באַשטעטיקט די רייד פון די דאָקטוירים. בכלל האָט מאַריע אויגוסטע געפונען די סיטואַציע העכסט קאָמיש. טשיקאַוו און אמיזירט האָט זי באַטראכט דאס מענטשל. וואָס זי האָט געבראכט אף דער וועלט. א קליינקייט צו זאגן! — זי האָט געשאָנקען דעם לאנד א יורש עצר, זי האָט זיך באַקוקט נייגיריק אין שפּיגל מיטן ברייטן גילדערנעם ראם: איצט איז זי טאקע געווען אין דער אמתן לאנדס־מוטער. קוריאָז איז דאס געווען, אמת קוריאָז. קארל אלכסנדר האָט נים געוואוסט רעכט וואס ער זאל זאגן; ער האָט זי באשאָטן מיט מתנות, וואס האבן באַוויזן מער דעם גוטן ווילן, ווי דעם פיינעם טאַקט פון געבער. דערנאָך, אַז זי האָט שוין געמעגט אופנעמען געסט, האָט זי געשיקט די פליסנדיקע אויגן איבער רעמכינגען איבער ריאָל, האָט זי געקוואלן פון דער אומבאהאָלפנקייט פון די הערן, וואס, זייער ווייט פון קינדער, האבן זיי איבער געוואלד ארויסגעקוועטשט פון זיך באוואונדערנדיקע פראזעס מכח דעם נייגעבארענעם.

און דער פירשט־ביסקופ פון ווירצבורג האט געטויפט דעם פרינץ־יורש פון ווירטעמבערג און טעק, גראף יורש פון מעמפעלגארד, גראף־יורש פון אוראך, יורש פון היידנהיים און פאָרבאך א. א. וו. א. א. וו., אפן נאָמען קאַרל אויזשען.

און די הארמאַטן האָבן געקנאלט, און די גלאקן האבן געקלונגען. פאראד־סעודה, פייערווערק. פאַר א גליקוואונש האָט מען געטיילט געבראטנס, פאַר א „גאָט העלף״ האָט מען געגעבן ווייִן. און הגם דאס פאָלק האָט געשאָלטן דעם קאטוילישן יורש־עצר, איז דאָך באלד נאָך האלבן טאָג שוין נים געווען געבליבן קיין איין ביסן געבראטנס, און פון די אן א צאל גוואלדיקע פעסער איז קיין לעק וויין שוין מער נים געווען.

בעת אָט די אַלע פאראדן האָט זיך געהאַלטן פארוקט אין זיין ווינקל פריער האָט ער זיך שטאַרק צוגעחנפעט צום ביסקופ און צו די ווירצבורגער הערן; איצט האָט עס כמעט געקאָנט דוכטן, אַז אַז ער מיידט זיי אויס מיט אַ כיוון. דער קאטוילישער פראיעקט וואָס איז איצט געווען דורכאויס דער צענטער פון דער שוואבישער פאליטיק, איז געווען אין גאַנצן אין די הענט פון די ווירצבורגער דיפלאמאַטן און פון די מיליטער־לייט. די הערן האָבן זיך גערעכנט, אַז זיי וועט קאסטן אַ סך מי און פיל קונצן און אויסריידן, ביז זיי וועלן דעם פינאנס־דירעקטאָר קאָנען אָפשטופן אָן אַ זייט. איצט האָבן זיי פאַרחידושט געזען, אַז ער אליין היט זיך אָפ ניט אָנצורירן קיין זאַך וואָס האט אַ שייכות מיט אָט דער פראַגע. זיי האָבן דאס ניט פארשטאַנען, האָבן געמיינט, אַז דאָ שטעקט עפעס אַ שפיצל, האבן משער געווען, אַז דער איד אינטריגירט דירעקט באם הערצאָג. אָבער אויך צו קאַרל אלכסנדר פלעגט זיס קומען נאָר דעמאָלט, ווען מען פלעגט אים רופן. דער הערצאָג איז געווען שטאַרק ניט אופגעלייגט; ער איז געווען אין כעס. וואָס ער האט אין דעם עסלינגער פראצעס געמוזט טאָן צוליב דעם אידן, צום שפּאָט פאַר גאַנץ דייטשלאַנד און בא יעדער געלעגנהייט פלעגט ער וויזן זיסן אַ ברוגזן, צערייצטן פנים. זיס ווידער איז גאָר ניט ווי זיין שטייגער, געבליבן איינגעהאַלטן און רואיק און האָט גאָרנישט ניט געטאָן, בכדי ווידער צו געווינען דעם צוטרוי פון פירשט.

ער האָט זיך שטריינג באַגרענעצט מיט דער פארוואלטונג פון די פינאַנסן. פריער פלעגט ער, ווי דער פינאַנס־דירעקטאָר, קאָנטראָלירן יעדער קלענסטע רעדל אין מלוכה־אַפּאַראַט, וואָרום סוף כל סוף איז דאָך אַלצדינג געווען געבונדן אַזוי אָדער אַנדעריש מיט געלט. איצטער האָט ער גענומען אָפּשטופן כמעט אַלץ, וואס מען האָט אים פארגעלייגט, ווייל עס געהער זיך ניט אָן מיט זיין רעסאָר. די לייט פון דער רעגירונג האָבן אף אים געקוקט מיט חשד, האָבן געשטערט נאָך זיינע פאַרבאַהאַלטענע געפערלעכע מאָמיון, האָבן זיך געשפירט ניט גוט, ווייל זיי האָבן

זיך אויסגעמאָלט, אַז אַזאַ כּלומרשטע פּאַסיווקייט איז אַ צוגרייט פאַר עפּעס אַ גרויסן קלאַפּ.

אויב דער הערצאָג האָט ניט געשפּירט, אַז עס פעלט אים אויס געלט, ווייל דער איד האָט זיך געהאַט צוריקגעצויגן, האט ער דאָס געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם קורפאַלצישן ראַט, וואָס ער האָט איצט געהאַלטן בּאַ זיך, דעם דאָס בּאַרטעלעמי פּאַנקאָרבּאָ. מיט ווילדער זשעדנעקייט האָט אָט דער מאָגערער מענטש מיטן בלאָ־רויטן אויסגעדאַרטן פּנים זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אַלץ, וואָס זיס האָט ארויסגעלאָזן פון די הענט. האָט זיך פאַרהאַקט פּעסט, מיט גרימצאָרן, ווי אף אייבּיק, אין יעדער פּאָזיציע, וואָס יענער האָט בּאַפרייט. האָט איינגעשלונגען גלוסטיק אלץ, וואס יענער האָט אַרויסגעלאָזט פון זיינע ציין. די שווערע, שטאַרק פאַרפּלאָנטערטע און פאַרצווייגטע פינאַנסירונג פון קאַטוילישן פּראָיעקט האָט ער גענומען כמעט אין גאַנצן אף זיך; דערמיט איז צו אים אין די הענט אריין די אויבערשטע הנהגה פון די מלוכה ענינים. ער איז אפילו אַריינגעדרונגען אין עצם גבול פון דעם אידנס ממשלה. אַזוי אַשטייגער די מעשה מיטן טאַבּאַק־מאָנאָפּאָל. לויט זיס' איניציאַטיוו האָט אַ אידישע קאָמפּאַניע נאָך פאַרשיידענע האַלבּע עקספּערימענטן געגרינדעט אין לודוויגסבּורג אַ טאַבּאַק פאַבּריק. די געזעלשאַפט האָט געאַרבּעט מיט גרויסע מיטלען און מיט אַ ווייטן אויסקוק, האָט געעפנט פיליעס אין שטוטגארט, טיבּינגען, געפּינגען, בּראַקהיים, האָט זיך אַריבּערגעכאַפּט אף יענער זייט גרענעץ. האָט בּאַרטעלעמי פּאַנקאָרבּאָ, אונטערנעמער פון קורפאַלצישן טאַבּאַק־מאָנאָפּאָל און מומחה אין די דאָזיקע פראַגן, געמסרט דעם הערצאָג, אַז דער אָפּצאָל, וואָס די דאָזיקע אידן טראָגן אריין איז אַ צו קליינע און האָט אָנגעבּאָטן מער. זיס איז אָפּגעטראָטן אָן אַ קאַמף, גלייך בּאַם ערשטן אָנפאַל, האָט פאַרגיטיקט מיט גרויסע היזקות זיינע אידישע שותפים, האָט איבּערגעלאָזן די גוט איינגעאָרדנטע פאַבּריק דעם פאַרחידושטן, צופרידן שמייכלענדיקן פּאָרטוגעזן.

אויך דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבּן, וואָס האָט פריער אַזוי ווילד געשטורעמט ארום אים, האָט ער געלאָזט איינשטילן. עס

האָט איצט געטראָפן, ער פלעגט אנהויבן אַ פלירט און אַוועק=
וואַרפן אים פאַרן ציל מיד און געלאַנגווייליקט. צווישן די אָן אַ
צאָל פרויען פון זיין בעט, וואס ער האָט זיי פאַרלאָזן, וואס ער
האָט צום טייל פאַרגעסן, זיינען געווען אַזעלכע, וואס האָבן מיט=
געמאַכט יעטווידן שפּאַט, וואס האָט אים באַשמוציקט. געווען
אַזעלכע, וואס האָבן געהיט די איבערלעבניש ווי עפּעס קיצלדיקס,
פאַרבאָטן=שיינס, ווי אַן ערך אַ צירונג, וואָס מען מעג זי אָנטאָן
ליידער, נאָר אין פאַרשלאָסענעם אַלקער פאַרן שפּיגל, און זיי
פלעגן שווייגן, ווען מען האָט פון אים גערעדט. געווען אַזעלכע
וואס פלעגן שטיין בײַ זיין וועג, ווען ער פלעגט פאַרבײַרייטן,
שמייכלען מיט גרויסע אויגן, פלעגן שטיין, ביז ער פלעגט פאַר=
שווינדן פון זייערע אויגן, און האָבן צו אים קיין טענות ניט גע=
האַט, וואס ער האָט זיי אַזוי גיך אַוועקגעוואָרפן, זיי פלעגן אים
דאַנקען אַלע טאָג פאַר יענע קורצע שעהן, זיי האָבן געהיט ווי
אַ טייערן אוצר די יוערטער, וואס ער האָט געהאַט געזאָגט
ווער ווייס צו וויפיל און זיי שוין לאַנג פאַרגעסן.

ארום יענער צייט האָט יוסף זיס זיך גענומען צוקוקן צו
זיין דינער און סעקרעטאר ניקלאַס פעפּלע. ער איז אַלע מאָל
געווען גוט צו אָט דעם פעטן, רואיקן, פאַמעלעכדיקן און פליי=
סיקן יונג, ווי מען איז גוט צו אַ מענטשן, וואס מען קען אים
אויסנוצן און פאַרלאָזן זיך אויף אים. אָבער איצט האָט זיס צום
ערשטן מאָל באַמערקט, אַז דער דאָזיקער מענטש האָט, חוץ דעם
וואס ער טויג צו אַ סך זאַכן און מען מעג אים געטרויען, נאָך
אַנדערע אייגנשאַפטן, אַז ער האָט אויך געפילן און איבערלעבנישן,
וואָס האָבן ניט קיין שייכות צו זיין בעל=הבית. ער האָט מחמת
דעם קיין סך אַנדערש גערעדט צו ניקלאַס פעפּלע. עס וואָלט
גאָר ניט געווען מעגלעך, צו ריידן מיט אָט דעם בלאַסן, פעטן
יונג אַ וואָרט מער. ווי ווייט עס איז נויטיק צו דער זאַך. אָבער
זיין טאָן איז געווען אַנדערש, זיינע אויגן האָבן אַנדערש צו
אים געקוקט, זיין האַלטונג איז געוואָרן ווי פון מענטש צו מענטש.

אויך די קליאַטשע אַסיאַדאַ האָט געשפּירט, אַז איר בעל=
הבית איז געזעסן אויף איר ווי אַן אַנדערער. אפשר איז ער ניט

געריטן מער אין אזא גרויסן גלאנץ ווי פריער. אפשר האט מען ארום אין פאלק שוין געשפירט, אז זיין האנט איז מער ניט די איינציקע באם רודער פון דער רעגירונג; אבער די קליאטשע אסיאדא האט געשפירט, אז איצט איז זי פאר אים אנדערש ווי זיין בגד און זיין צירונג. אז איצט האט ער אירע אויגן געזען, אז ער האט איצט געמערקט, ווי איין לעבן איז געפלאסן אין אים און אין איר.

קורץ נאך דער מעשה מיטן טאבאק=מאנאפאל, בעת אין שטוטגארט און אין לודוויגסבורג האט מען געארבעט מיטן גאנצן ברען איבער דעם קאטוילישן פראיעקט, זיך געסודעט מיט אנדערע קאטוילישע הויפן און פירשטן, געשלאסן מיליטערישע אפמאכן, געסטארעט זיך צו מאכן דער לאנדס=פארשטייערשאפט א שלעכטע מערכה באם קיסר און בא דער רייכס=רעגירונג, צו באגיטיקן די עוואנגעלישע הויפן, בעת פאנקארבא האט, אויסשפירנדיק נאך נייע געלט=קוואלן, זיך אלץ מער ארייַנגעריסן אין דעם אידנס געשעפטס=קרייז, האט אט דער רעטענישפולער מאן פלוצים זיך אפגעזאגט פון אלע געשעפטן, האט גענומען זיך אורלאפ, אנגעטרויט דאס וויכטיקסטע דעם ניקלאס פעפלע און אליין האט ער פארלאזן די הויפט=שטאט אן יעדער באגלייטער. און מען האט ניט געוואוסט, וואוהין איז ער אוועק.

ער איז געפארן קיין הירזאו. אף אט דער איינזאמער נסיעה האט ער אין זיינע אייגנע אויגן אויסגעזען גוואלדיק איידל און געהויבן. זיך פארצושטעלן, אז מיט איין איינציק ווארט, מיט איין איינציקער אופדעקונג וואלט ער געקאנט דעם הערצאג ארויבערציען אינגאנצן אף זיין צד, שטעלן זיך אין סאמע מיטן פון קאטוילישן פראיעקט, צוריקשטופן די רשעותדיקע בייזגינער אין דער פעריפעריע. זיך פארצושטעלן, אז ער עפנט פשוט אוף די הענט און לאזט ארויס ווי אפפאל דאס מיט מי דערגרייכטע, דאס איינציקע, דעם לעצטן ציל, וואס גאר די וועלט שטרעבט צו אים. ווי איידל איז ער, ווי יענעוועלטיק, ווי גרייט צו קרבנות! און ער האט אף זיין פנים אנגעטאן ערנסטקייט, אפגעווענדקייט פון דער וועלט, כהונישע פייערלעכקייט, און ער האט באפוילן

זיין פלינקען, עלעגאנטן קערפּער צו זיין געהויבן פּאמעלעך, און די אומרואיקע, פליענדיקע אויגן זיינע האָט ער געהייסן קוקן ערנסט און פארטראכט.

ער פלעגט געוויינטלעך אויסקלייבן פאר זיין באַזוך צייטן, ווען ער האָט געמיינט, אַז דער מקובל איז אין דערהיים ניטאָ, האָט ער איצט דוקא געזוכט אים צו טרעפן. וואָס דאָס קינד האָט זיך צו אים געטוליעט מיט איר גאַנץ מהות, דאָס איז גע־ווען זעלבסטפארשטענדלעך, דאָס האָט אים דאָך געקומט ווי זיין שכר. הגם באלד אין דער ערשטער רגע פון פאָטערס אָנקום האָבן זיין פּנים, זיין שטים, זיין האַלטונג באוויזן נעמען אן אי־בעריקס מאָל, אז דעם מאַגיסטערס חשדים זיינען טאפּלט פוסט און אָן טעם, נאָר זיין נייע מאַסקע האָט זי אַ ביסל פארטומלט. זי האָט געזען דעם פאָטער, ווי שמשון וואָס שלאָגט די פּלשתּים, ווי דוד וואָס טויט גליתן. זיין נייער פּנים האָט דערצו ניט גע־פּאַסט רעכט, און לייכט ווי אַ שאָטן, אָבער כּסדר ווידער אַמאָל און ווידער אמאָל, האָט זיך אריינגערוקט קיצלדיק און קלעמענדיק אַן אַנדער בילד, דאָס בילד פון אבשלום, וואָס הייגט מיט זיינע לאַנגע האָר אף די צווייגן, און די שטריכן פון זיין פּנים זיינען די שטריכן פון פאָטערס פּנים.

זיסן האָט עס שטאַרק פארדראָסן, וואָס דער מקובל האָט אים ניט אָפּגעגעבן דעם כּבוד, וואָס עס האָט אים איצט בפירוש געקומט. איין מאָל האָט רבי גבריאל צו אים געזאָגט: „דו האָסט איינגעזען, אַז דו מוזט זוכן דעם וועג; דאָס איז עפּעס. אָבער דו האָסט נאָך ניט דעם וועג".

אין דער שטילקייט פון ווייסן הויז מיט די בלומען־טעראַ־סעס האָט זיס געגומען דעם גורל פון זיין פאָטער אין האַנט, באַטראַכט אים, געדרייט אים אהין און אַהער. אין דער צייט פון ליידיק גיין האָבן דעם אומבארוטן מאַן אָנגעכאַפּט די אַלטע גלוסטונגען, ווען ער זאָל איצט אַרויס מיט זיין פאָטערס יחוס, ווער האָט אים געמעגט זאָגן אַ שלעכט וואָרט דערפאַר? ער האָט געגעוג באוויזן אז ער קען זיין אַן ענו: צי האָט ער ניט דאָס רעכט נאָך אַזאַ פּרואוו אַרויסצושווימען פון דער עניוות צו דעם

גלאַנץ וואָס אים קומט על פּי רעכט? וואָס וועט זיין ווען ער צעשניידט איצט די שטריק, וואָס ציען אים אַראָפּ כסדר צו די דערנידעריקטע, ווי נאָר ער פּרוּווט אַרופֿצוקלעטערן אויפֿן שטאַפּל העכער? ווען ער רייסט אַראָפּ פֿון זיך די שמוץ און די פּראַכטונג פֿון המון, וואָס איז צוגעקלעפּט צו אים ווי צו אַ אידן? ווען ער נעמט זיין שיין קינד בּאַ דער האַנט, שיילט זיך אַרויס פֿון דער מאַסקע ווי דער אַראַבּישער קאַליף און טרעט אַפֿיר שטראַלנדיק פֿאַר זיינע עזותדיקע געגנער, אַזוי אַז דער שמייכל זאָל זיי פֿאַרגיין, ער, נים נאָר דער ערשטער לויט זיין ייִחוס, נייערט אויך קריסט און געבּאָרענער אדלמאַן?

האָפֿערדיק האָבּן זיך געהויבּן די טולפּן אין זיינע חלומות, דאָס הויז איז געלעגן ווי אַ ווייסער קובּ אונטער דער זון. ווי שאָטנס האָבּן זיך געמיניעט הינטער זיינע רעיונות די אויסטערלישע פֿאָרמען פֿון די מאַגישע פֿיגורן, די פּירקאַנטיקע אותיות פֿון אלף בּית, סבעמאַטיש איז געשטאַנען דער הימל=מענטש, און דער קבלה=בּוים האָט געבּליט.

זיין פֿאָטער. אין הודאַ געלעבּט, אין שאַנד פֿאַרדאַרבּן, אין קלויסטער געשטאָרבּן. נו יאָ, אים האָט דער מזל נים געשפּילט, דאָס לעבּן האָט אים פֿון זיך אָפּגעשטויסן, ער האָט קיין הצלחה נים געהאַט. וואָס האָט ער אַנדערש געוואָלט טאָן ווי יאָגן זיך נאָך זיין נשמה? ווען עס גילט נים אָפּ, דער מוז זיך פֿאַרקריכן אין ווינקל און פֿאַרטיפֿן זיך אין זיך. מיט אים, זיסן, איז די זאַך אַנדערש. אים האָט אָפּגעגאַלטן, צו אים טוליעט זיך דאָס לעבּן, חנפֿעט זיך צו. איז אים נכנע, אונטערטעניק, פֿאָלגעוודיק.

ער הויבּט אויף די אויגן. פֿאַר אים שטייט דער פֿעטער. וואָס איז דאָס, ער האָט אים געכאַפּט? דער קריכער, דער אויסקוקער, וואָס יאָגט זיך נאָך איטליכן געדאַנק, וואָס ער זאָל דערנאָך אים קענען מיט חוזק פֿאַרהאַלטן. אָך, ער וועט שוין קיינמאָל נים קאַנען לעבּן אַזוי גרינג ווי פֿריער. אויבּ ער וואָלט געטאָן דאָס, וואָס איז נאַטירלעך און וואָס ער האָט דאָס פֿולע רעכט דערצו. ווען ער זאָל זיך אַנטפּלעקן ווי אַ קריסט, וועט ער דאָך שטענדיק שפּירן ווי אַ קעלט אין אַקן די פּאַראַכטונג

פון דאָזיקן לעבערלעבן, שלעכט געקליידטן פארשוין, אך, ווען מע! קאן לעבן אזוי ווי פריער! נעמען דעם טאג, ווי ער געפאלטן צוליב וואָס אט די נארישע, איבעריקע דרינגענישן? ווען ער וואלט נאר אים געקאנט ארויסציען פון בלוט, אָט דעם גיפטיקזיסן, צוגעפוילטן נסיון, וואס שפארט ארויס פון אָט דעם הויז, פון יענעוועלטיקן און פון עניוות און פון נזירות.

נעמי איז געקומען. און באלד האָט ער זיך ארייננגעכאפט אין זיין מאַסקע פון שטילקייט און געהויבנקייט.

בעת ער איז אַזוי ארומגעשליידערט געווארן אַהין און אַהער צווישן קראמפנדיקער, בארימערישער עניוות און צאפלדיקן גלוסט נאך טועכץ און כבוד, איז אומגעריכט אנגעקומען ניקלאס פעפלע. געבראַכט די בשורה, אז א קאָמיסיע פון הערצאג באשטימט האָט געלייגט אַן ארעסט אף זיס׳ ביכער און קאַסעם בכדי זיי צו רעווידירן. עס איז פאראן אַ גרויסער חשד אפן פינאַנס־דירעקטאָר, אז אין מלוכה־ און פריוואט־ענינים האָט ער אפגעטאן א סך פאלשקייטן, עס איז באפוילן געווארן א קרימינעלע אויספארשונג.

זיס׳ שונאים האָבן אויסגענוצט זיין אָפּפאָר צו א גרויסן אָנפאל. גוטע פריינט, וואס מען זאל זיך קאנען אף זיי פארלאזן, האָט ער מער ניט געהאט. דער הויף־קאנצלער שעפער, דער געהיים־ראט פאַו זיינען אפן אריבער אפן צד פון דער קאטוילישער מיליטער־פארטיי און זיינען אף אים אנגעפאלן אָפן פאר אַלעמען. דער פרעזידענט פון די מלוכה־מאַיאָנטקעס לאַמפרעכטס האָט צוגענומען זיינע אינגלעך, וואס האבן בא זיסן געדינט פאר פאזשן, מיטן אויסרייד, אַז זיי זיינען שוין צו פיל אויסגעוואקסן. רעמכינגען,ביידע ריידערס, דער גענעראל און דער מאַיאָר, די פולקאווניקעס לאַובסקי און טאָרנאקא, דער קאמערדינער נייפער האָבן אלע ווילע צוגעטראגן דעם הערצאג נייע מעשיות אפן אידן. אין דער סוויטע פון קאַרל אלכסנדר האבן נאר בילפיגער און הארפרעכט ניט גענומען קיין אנטייל אין דער אינטריגע. זיי זיינען די יעזואיטישע משולחים געווען נאָך מער דערווידער ווי דער איד.

אי דאָס באַרטעלעמי פּאַנקאָרבאָ האָט שוין א לײַנגערע צײַט געהאַט א שאַרף אויג איבער דעם האַנדל פֿון זים מיט טײַערע שטײנער. האָט ער דעם הערצאָג דערציילט, אז דער איד קויפט אײַן די דאָזיקע שטײנער אפֿן הערצאָגס נאָמען. אפֿן וועלט מאַרק בײַטן זיך די פּרײַזן זײער שטאַרק; ווען די מקחים פאַלן, דעמאָלט דערקלערט זים, אַפּטמאָלס אין א יאָר אַרום, אז די צו־טײַער געקויפטע שטײנער געהערן דעם הערצאָג; שטײַגט אָבער דער פּרײַז, דעמאָלט זײַנען זײ זײַנע. קומט אויס, אז גאָר די ריזיקע וואַרפֿט דער איד אַרויף אפֿן הערצאָג, דעם היזק מוז טראָגן דער פֿירשט. דעם ריוח אָבער נעמט דער איד צו פֿאַר זיך. צום גרויסן פֿאַרדראָס פֿונם פּאָרטוגעזן האָט אָט די מעשה אפֿן הערצאָג קײן שום אײַנדרוק ניט געמאַכט; ער האָט נאָר גלײַכגילטיק באַמערקט, אַז דערפֿאַר איז דאָך זים א איד, און איבעריגנס וועט ער ווײַטער זײַן פֿאָרזיכטיקער. צו מאַכן דערפֿון א גרעסערן ווען איז דער הערצאָג לחלוטין ניט געווען נוטה.

מערקווירדיק איז אַז עס איז געווען גאָר א קלײניקײט, וואָס איבער דעם האָבן זים׳ קעגנער דערלעבט זײַן מפּלה. דאָס איז געווען אַזאַ מעשה. דער פֿינאַנס־דירעקטאָר האָט אײַנרעגולירט די קוימען־קערערײַ אין נאָמען פֿון דער מלוכה; קעגן א באַשטימטן אָפּצאָל האָט די מאַכט באַדאַרפֿט רײניקן די קוימענס. די דאָזיקע באַשטימונג האָט דערוועקט אומצופֿרידנקײט און געלעכטער, און דער קאָמערדינער נײַפֿער האָט צוגעשאַרט דעם הערצאָג א פּאַסקוויל איבער דעם, א מיאוס אילוסטרירט בלעטל מיט דער אויפֿשריפֿט: „אומטערטעניקער דאַנק פֿון אַלע מכשפֿות און ניט־גוטע דער אידישער העקסעלענץ איד יוסף זים אָפּנהײמער, צוגעפּגעשטעלט אין אַלעמענס נאָמען און אונטערגעטראָגן פֿון דער עלטערבאָבע פֿון דער נאַכט־ליבנדיקער חבֿריה, דער ציגײַנערין פֿון עין־דור".

בעת דער הערצאָג האָט געלייענט דאָס דאָזיקע בלעטל, זײַנען אים אײַנגעפֿאַלן די אַמאָליקע זעאונגען. ער האָט זיך געזען שפּאַנען אין רעטעניש־פֿולן, געבונדענעם טאַנץ, ער האָט געהערט די ברומענדיקע, ברוגזע שטים פֿונם מכשף, ער האָט געהערט,

געהערט קערפערלעך, זיין שוויגן, געזען אט דאָס שווינדיקע פּויזען צו זיך, אָן געשטאַלט מיט פיל אויסגעשפּרייטע אָרעמס. ע' האָט געוואָלט פּטור ווערן פון אָט דער כשוף־מאַכעריי. צוליב וואָס האַלט ער נאָך דעם אידן? ער האָט דאָך פון אים נאָר שפּאָט און צרות. רויט פאַרלאָפן און פרייכנדיק, הינקענדיק שטאַרק אויף אַ פוס, האָט ער זיך אַרומגעטאָפּטשעט אַהין און אַהער. ער וועט אים באַווייזן, דעם זשוליק, דעם פּאַסער מיט זיין אָפּנאַרעריי און שוואַרצע קונצן. הייזעריק, גרימצאָרנדיק האָט ער דיקטירט דעם באַפעל צו מאַכן אַן אויספאָרשונג און גענויע רעוויזיע פון אַלע חשבונות און ביכער פון פינאַנס־דירעקטאָר.

און דער הויף־קאַנצלער איז געלאָפן, און די גענעראַלן זיינען געלאָפן, און דער פּאָרטוגעז איז געלאָפן, אַרויסגעשטרעקט זיין דאַרן האַלז איבערן שפּיצן־קאָלנער, צוגעהאַקט מיט זיין אויסגעדייוועטן, בלאָ־רויטן קאָפּ. מיט התמדה זיינען געזעסן די רעוויזאָרן איינגעבויגן איבער ביכער, פאַרשוויצט פאַרטיפט. האָבן געניסטערט דורך ברילן, געלאָזט שאָרשקען געניזענע פענעס איבערן פּאַפּיר, האָבן גערעכנט, געלויגט, געשמעקט. האָבן געבויט זיילן פון ציפער, וועלדער פון ציפער. האָבן אַלץ פאַנאַנדערגעשאָטן, ווידער אַלץ צונויפגעקליבן, האָבן אַרויסגעקוקט, געניסטערט, געשוויצט.

בינתים האָט דער פינאַנס־דירעקטאָר געיאָגט קיין שטוטגאַרט, אויף יעדער סטאַנציע געביטן די אויסגעמאַטערטע פערד. די דאָזיקע אינקוויזיציע קעגן אים, דער דאָזיקער שטורעם און פאַל איז געווען פאַר אים אַן אָנגעצוהערעניש. דעם גליק, דעם מזל מוז מען האַלטן פעסט. מוז מען נעמען מיט כח. ווי נאָר מען כאַפּט אים ניט אַרום מיט אַלע חושים, ווי נאָר מען ווענדט צו אים ניט צו אָן אָפּצווענדן דעם געמיט און דעם ווילן, ווערט ער לויז, ווערט ער צוגאַנגען. וואָלט די באַנדע אין שטוטגאַרט ניט געשפּירט זיין אָפּגעלאָזנקייט. וואָלט זי קיינמאָל ניט זיך געהאַט דערוועגט אויף אָט דעם חוצפּהדיקן, אומגעלומפּערטן אָנפאַל.

אַזוי האָט ער זיך שטורעמדיק אויפגעהויבן אין דעם ערשטן ברען באַלד נאָך דער מעלדונג פון ניקלאַס פּעפלע. ניט גע־

זען האט ער מער דעם שטיינערנעם מאסיגן פּנים דעם פעטערס, נים געטראכט האָט ער מער מיט קיין איין געדאַנק, צי פון די טריב-גראָע אויגן קוקט אף אים ארויס חוזק אדער צער, האָט גיך און גרינג אויסגעווישט פון זיין באוואוסט דעם מיידלס טרוי-ער. וועגן איין זאך נאר האָט ער געטראכט, זיצנדיק אפן פערד, אין וואגן, געדרייט דאָס אַהין און אַהער פון אלע זייטן: וואס טוט מען? וואָס טוט מען איצט? נאַריש איז דאָס געווען, אַ משוגער, דאָס וואָס זיינע געגנער האָבן דאָ אָפּגעטאָן, אים צו האַלטן פאַר אַזאַ שוטה, אַז מען זאָל אים פון זיינע פּאַפּירן קענען אויסוויזן דעם קלענסטן פעלער! גולמים זיינען אָט די גוים, אָן אַ נאָז, אָן אַ חוש הריח. ער האָט געמורמלט א שמייכל טאָן: ניין, צו זיי גע-הער ער באמת ניט.

ער האָט געחשבונט. געפינען, הייסט דאָס, וועט מען גאָר-נישט. וואָס וועט מען דעמאָלט טאָן? מודה זיין, אַז מען האָט אים אן עולה געטאָן? קיין מאָל ניט. מען וועט זיך אָנכאַפּן פאַר עפּעס אַ פאָרמאַלער קלייניקייט, אים געבן אַ זאַנפטן אויסרייד פון וועגן אַ פּאַר די האָר צוגעשלעפּטן פאָרם-פעלער. ערנסטער אים צו פאַרמשעפּן האָט דאָך מסתמא קארל אַלכסנדר גאָר אין זינען ניט געהאַט. ער האָט געוואלט אים מער ניט געבן אַ לעקציע, אים באַווייזן, אַז ער טאָר זיך ניט פילן זיכער. בכן, וועט מען אָפּקומען מיט אַ מילדן אויסרייד. פאַר אים וואלט געווען דאָס קליגסטע ניט צו אַמפּערן זיך מיט דעם לייכט צערייצטן הערצאָג, צונעמען שטילערהייט דעם זאַנפטן טאַדל, דערנאָך אָבער נעמען פעסט אין די הענט אריין די געשעפטן, אָפּצורעכענען זיך מיט די שונאים, מיט אַלע טיטלען זיך אריינצושטופּן אין קאַטוילישן פּראָ-יעקט.

דאָ איז ווידער געווען די זעלביקע מעשה: פאַרוואָס תיכף ניט ארויסצוטרעטן מיט זיין יחוס?

ניין, ניין, דאָס וואלט געפּאסט פאַרן פריערדיקן זיס. איצט אָבער, ווען ער איז אזוי ארומגעזוימט מיט ענייות און מיט אָפּ-זאָג פון דער וועלט, מוז ער אַנדערש טאָן. אָט דער אַריינריס פון די שונאים אין און אין זיינע געשעפטן און זיינע פּאַפּירן איז טאַקע

געווען אַן אָנצוהערעניש און רמז. אָבער ניט ער וועט זיך לאָזן שטעלן פון גורל פאַר אַ נסיון. אַ טעות! ער וועט אַליין צווינגען דעם גורל אַראָפּצוּוואַרפן דעם שלייער, אופצוּעפענען די פאַר־מאַכטע וויעס.

בעת די פערד האָבן געיאָגט צו דער הויפּטשטאָט, וואָס איז שוין געווען צו זען, איז זיין באַשלוס געווען פעסט. יעדער טריט פון זיין וועג, יעדער וואָרט, וואָס ער האָט געדאַרפט רעדן, איז געלעגן דייטלעך פאַר אים. ניט קלוג וועט ער זיין, ניט טיכטיק און געשעפט, ניט פּאָליטיש. ער וועט אַרויסרופן דעם גורל צום קאַמף. גיין צום הערצאָג, פאָדערן, ער זאָל אים אָפּלאָזן פון דינסט. וועט אים דער פירשט פריילאָזן, גוט, האָט דער גורל געפּסקנט. דעמאָלט זאָגט ער זיך אָפּ פון אַלץ, וועט זיך ערגעץ וואו לעבן אין דער שטיל, פאַרקריכן זיך, ווי זיין פאָטער. טאָמער פאַרהאַלט אים אָבער דער הערצאָג, דעמאָלט, אָ דעמאָלט: — ווי אַ שונא וועט ער דעמאָלט לעבן, צו נעמען נקמה, דעמאָלט וועט ער זיך לאָזן אָפּצאָלן פאַר אַט דער דערנידערונג. מיט דער האַנט די שונאים פאַרן גאַרגל! צודריקן! ווערגן! קוועטשן!

באַם הויף האָט מען זיך גערעכנט, זיס וועט זיך פאַרטיידיקן קינציק, מיט פיל רייד, אַדוואָקאַטיש; אָדער אַנווייזן אויף זיינע אויפטוען, פאַטעטיש דערווייזן זיין אומשולד; אָדער שלאָגן, כעסן זיך. און מען האָט ניט געטראָפן. געלאַסן איז ער אוועק צום הערצאָג. אויף די ברוגזע און שרייענדיקע טענות זיינע האָט ער קיין איין וואָרט ניט געענטפערט. און אַז דער הערצאָג איז סוף כל סוף פרייכנדיק אַנטשוויגן געוואָרן, האָט ער אין רואיקע, גע־שטעלטע ווערטער געבעטן זיין דעמיסיע. אויב עס זאָל עפּעס אויספעלן צום חשבון, בלייבט דאָך זיין גאַנץ אייגנס אויף צו דעקן. דער הערצאָג איז צוערשט געבליבן שטום. דערנאָך האָט ער גענומען ווידער שרייען און זידלען זיך פאַר גרימצאָרן, נאָר זיס האָט העפלעך און פאַרשטיינערט־רואיק איבערגעחזרט זיין בקשה. אַז קאַרל אַלכּסנדר איז צו אים צוגעהונקען מיט אַן אויפ־געהויבענער האַנט, איז ער אוועק, נאָך אַמאָל מיט באַשטימטע

ווערטער געבעטן צו מאָן אים זײַן פאַרלאַנג. וואָס ער האָט גוט באַטראַכט.

האָט קאַרל אלכסנדר געלאָזט רופן צו זיך די אנקלאגער. געפרעגט, די שטים פאַרשטיקט פון גרימצאָרן, צי זיי האָבן געפונען באַווייזן. אַז זיי האָבן גענומען שטאַמלען, אַרויסדרייען זיך, בעבען, האָט ער זיי באַשאָטן מיט ווילדע, ברוגזדיקע, גאַסיקע זידלווערטער. אין אחור האָט דער איד מער מוח ווי זיי אין זייערע שלאַם=שאַרבנס. ער פאַרשטייט ניט ווי האָט ער דאָס געקאָנט זיך גאָר צוהערן צו זייערע אנמעכטיק קנאה׳דיקע, אידיאָטישע, נאַרישגיפטיקע רכילותן, מיט וויפיל איז אים דער איד ליבער ווי זיי די חזיר=טפשישע קריסטלעכע ליידאַקעס.

אָנגעברוגזט האָט ער אָפּגעשיקט זיסן צוריק זײַנע פּאַפּירן מיט אַ הוספה פון רייכע מתנות. דערשראָקן זײַנען די שונאים זיך פאַרקראָכן אין די ווינקעלעך. כמעט אָן קאַמף האָט זיס איינגענומען ווידער די פאַרלאָרענע פּאָזיציעס. פון קאַטווילישן פּראָיעקט האָט ער זיך נאָך אַלץ געהאַלטן פון ווייטנס; אָבער אין אַלע איבעריקע ענינים האָט ער זיך ווידער געשטופּט. ווידער אָנגעכאַפּט׳ וואו דאָס האָט אָנגערירט זײַנע אינטערעסן.

אזוי איז ער ווידער געזעסן אין זײַן אַלטער מאַכט, האָט אָנגעצויגן די לייצעס און איטלעכער אין הערצאָגטום האָט געשפּירט זײַן האַנט. דאָס וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן פאַר דער צייט וואָס ער איז ניט געווען איז געוואָרן איבערגעקוקט. פאַריכט. די פאַראָרדנונג איבער די קוימען קערערס, וואָס איז שוין געווען אָפּגעשאַפט, איז פאָרט געוואָרן געזעץ; די פּאַסקווילן זײַנען פאַרשוואונדן, מער ניט באַהאַלטענערהייט אין בית=הכּסא פון "בלויען באָק" פלעגט קאָנדיטאָר בענץ באַווייזן זײַנע בעסטע גוטע פרייינט דעם דאַנק=בריוו פון דער נאַכט=ליבנדיקער חבריא צו זײַן אידישער העקסעלענץ. אויך דער מלוכה=מאַיאָנטעק=פּרעזידענט לאַמפּרעכטס האָט ווידער געשיקט זײַנע זין צו דינען באַם אידן; ער האָט זיך מיישב געווען, זיי זײַנען נאָך ניט געווען צו אַלט.

אַזוי האָט פון אויסווייניק אויסגעזען אַז זים זיצט פעסט אין שטוטגאַרט ווי פריער. אויך האָט זיך אָנגעהויבן באַ אים דאָ זעלביקע ברוזנדיקע געזעלשאַפטס־לעבן, ווי אַמאָל. נאָר ער איז געוואָרן שטרייַנגער, ווינציקער פריינטלעך: ער פלעגט זיך ערלויבן בייזיקע, שטעכיקע וויצן, און פלעגט אויך ניט שווייַגן, ווען מען פלעגט אַמאָל זיך וויצלען אף זיין חשבון. איין מאָל, אַז גענעראַל רעמכינגען האָט אים, ווי זיין שטייגער איז, גראָב דערמאָנט אָן זיין אידישקייט, האָט ער אים אָפּגעמאָסטן מיטן קוק פון אויבן ביז אַראָפּ און פון אונטן ביז אויבן, און אַז פון אָט דעם מאָדנע שאַרפן דרויענדיקן קוק איז דעם גענעראַל פאַרגאַנגען דער שמייכל אַפן פּנים, האָט פּלוצים דער איד אים אַרייַנגעלאַכט אין פּנים מיט אַ גרויליקן, אומהיימלעכן געלעכטער.

מאַריע אויגוסטע האָט מיט באַדויערן קאָנסטאַטירט, אַז איר הויז־איד איז להלוטין ניט מער אַזוי פיין און אַמיזאַנט. אָך, אַ סך זאַכן זיינען איצט געוואָרן ווינציקער אַמיזאַנט!

אויך די באַציאונגען צווישן הערצאָג און זים האָבן זיך געביטן. קאַרל אַלכסנדר פלעגט זייער אָפט מיט אים זיך טרעפן, האָט אים אַרויסגעוויזן שטאַרק זיין גנאָד און זיין חסד, בכדי צו פאַרגיטיקן פאַר דעם חשד. אָבער אָפט האָט ער זיך געזאָגט, עס וואָלט בעצם געווען גלייכער פּטור צו ווערן פון אידן, הגם ער האָט גאָרנישט געטאָן צוליב דעם. פלעגט ער זיך פאַרענטפערן דערמיט, וואָס זים וויים צו פיל און קאָן אים גרינג קאָמפּראָמיטירן; אויך וואָלט געווען קרום, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַזוי אָנגעשטאָפּט פון לאַנד, מיט גאַר דאָס גוטס אַרויסצולאָזן אים פון די גרענעצן. ער האָט זיך ניט מודה געווען, אַז דאָס, וואָס האָט אים פאַרקניפּט מיטן אידן, און דאָס, וואָס האָט אים אָפּגעשטויסן, איז געלעגן פיל טיפער און אומהיימלעכער אין זיין בלוט.

אויך איצט האָט דאָס געקאָנט טרעפן, אַז זים פלעגט פּלוצים אַפּלאָזן די הענט, פאַרזונקען אין זיך, אַוועקגעטראָגן ערגעץ ווייט. דעמאָלט פלעגט דאָס באַרטעלעמי פאַנקאָרבאָ אַרויסשטעקן דעם צעדריקטן, בלאָ־רויטן קאָפּ פון דעם ווינקל, וואו אַהין ער

האָט אים געהאַט פאַרטריבן, און שיקן דאָס אויג הינטער א געקנייטשטער וויע צום דימענט אפן אידנס פינגערל. פלעגט פינטלען, קרימען די פינגער צו כאַפן. נאָר ער איז געוואָרן זייער פאָרזיכטיק און האָט זיך באַגענוגט מיט ווארפן אויגן און מיט טאַפן.

מאריע אויגוסטע איז געשטאַנען פאַרן שפּיגל, א נאַקעטע, האָט זיך געשטרעקט, באַקוקט זיך. זאָרגעוודיק, גענוי, שטריך נאָך שטריך, גליד פאַר גליד. אָפּגעאָטעמט, אַ שמייכל געטאָן. ניין, זי איז געבליבן גאַנץ, זי איז ניט געוואָרן מיאוס. זי איז געווען גלאַט און גלייך און ווייס ווי פריער. מיט די קליינע פליישיקע הענט האָט זי געטאַפּט, געקנאָטן איר לייב. אָ, ער איז געווען ווייך ווי פריער און באַרט פעסט. מיט די לייגלעכע אויגן האָט זי ערנסט און שטרייג באַטראַכט דעם קליינעם עגדיש־קאָפּ אין שפּיגל. די שווערענישן פון לאַנגען טראָגן, די ווילדע פּיין פון געווינען האָבן ניט איבערגעלאָזט קיין צוק און קיין פאַרקרימעניש. קלאָר און ליכט און אָן איין קאָרטש האָט זיך געקיילעכט דער שטערן אונטער די שטראַליק שוואַרצע האָר, קיין איין קנייטש האָט זיך ניט געשניטן אַראָפּ פון די באַקן צו די זייער רויטע ליפּן. זי האָט אופגעהויבן די נאַקעטע פרוי, מיט האלב כהונהשער, האלב זונהשער תנועה ביידע אָרעמס צום קאָפּ, אַז עס האָבן זיך אַרויסגעזען די שוואַרצע קרייזלעך אונטער די אַקסלען, און אָטעמענדיק פייכט. האָט זי גענומען שפּרייזן מיט בויגעוודיקע טריט, כמעט ווי טאַנצנדיק, איבערן צימער. אָ, נאָך גליטשט זי זיך ווי פליסיק וואַסער איבער דער ערד. נאָך שפּילן איר פאַלגעוודיק און ווי פון זיך אַלע גלידער אין אַנאַנד. און זי האָט זיך געצויגן כוואַליעדיק און גע־שמייכלט טיפער און דער טאָג איז געלעגן פאַר איר בלאָ און אָן שווערקייט.

אָבער אין דער קומענדיקער נאַכט האָט די זעלביקע שרעק זיך צוגעמאַכט צו איר, צוגעקראָכן, אַרומגעכאַפּט זי אַלץ פעסטער, פאַרשטיקט דעם אָטעם. און דעם צווייטן טאָג איז זי געשטאַנען נאָך לייגער פאַרן שפּיגל, האָט נאָך לייגער אויסגע־טאַפּט איטלעכן בויג פון איר לייב, פלייש, הויט. אַ קרייגקלעכע, גרויליקע שרעק פאַרן אַלט ווערן איז אין איר געווען, עס האָט גאָר ניט געקאָנט געמאָלט זיין, אַז דאָס דאָזיקע האָר זאָל פאַר־לירן זיין קאָליר, די דאָזיקע הויט זאָל צעקנייטשט ווערן, דאָס דאָזיקע פלייש פאַרטריקנט ווערן. זי וועט קוים אַרומטאַפּטשען,

אונטערהוסטן, שפייען, מאנסביל וועלן זיין צופרידן, ווען זיי וועלן האָבן אפגעפטרט די צערעמאניעלע האַנט־קושן און שמועסן' פרויען וועלן איר ניט מקנא זיין. אירע אויגן האָבן זיך פאַר־ שלייערט, ווען זי האָט דאָס געטראַכט; זי איז געווען פארסמט פון אזעלכע פאָרשטעלונגען.

ווען זי פלעגט א טראכט טאן, אַז דאָס קינד האָט פאַר־ גיכערט איר וועלקן, פלעגט זי ווערן אין כעס אפן פיצל. ער איז איר געווען פרעמד. ער איז לחלוטין ניט געווען קיין טייל פון איר. עס איז ניט געווען צו פארשטיין, ווי אזוי דאס האָט געקאַנט וואקסן אין איר לייב. עס איז געווען א גרויס, געזונט קינד, פון פאָטער האָט עס געהאט די גרויסע נאז, די גראבע אונטערשטע ליפ; פונדעסטוועגן האָט עס אויסגעזען חנעוודיק און קלוג. מען האָט מאַריע אויגוסטע פארזיכערט, אז דאָס קינד שטייט איר זייער גוט, אז ווי א מוטער שטעלט זי פאר א שאַרמאַנט און צערטלעך בילד. זי אָבער האָט פאר דעם קינד ניט געקאָנט פילן עפּעס טיפערס, ווי פאר דעם קליינעם מאדישן פינטשער ־ הינטל, וואס זי האָט ווען דעם געוואוסט, אז ער האָט אויסגעזען שיין, ווען דאָס האָט ארויסגעקוקט פון אונטער דעם זוים פון איר ווייסן קלייד.

איר טאָג איז ווי פריער געווען אָנגעפילט מיט בונטער, לארעמדיקער פריילעכקייט. זי איז אבער איצט געווארן צעטראגן, נערוויז. העער דע־ריאל האט אָנגעהייבן זי צו לאנגווייליקן, אויך האָט זי עפּעס ניט גאר פארשטאנען זיינע שארפע ווערטלעך, דער איד איז געווארן ווינציקער ווייליק און האָט זיך שוין מער ניט געלאזט ארייגציען אין איטלעכן שפיל. רעמכינגען מיט זיינע גראבע ניבול־פה־רייד איז איר פשוט געווארן דערווידער. דערפאר האָט זי ארייגגעצויגן דעם דעפּוטאט יאָהאַן יעקב מאָזער אין איר קרייז און האט אנגעווענדט אלע מיטלען, בכדי צוצובינדן צו זיך אט דעם שטאלטנעם, פאטעטישן, פייערדיק איבערצייגטן פובּ־ ליציסט און מאכן אים פאר איר געטרייען דינער.

פארן רעגירונגס־ראט איז דאס געווען א גרויס גליק, הגם דער הערצאג און זיס זיינען געווען איידל גענוג, אנצוקווען פון

זיין מפּלה נאָך פאַר זיך אַליין און האָבן ווייטער ניט דערציילט דערפון, איז דאָך זיין תּקיפות געווען שטאַרק אַראָפּגעשלאָגן. איצט אונטער דער גנאָד און לייטזעליקייט פון דער הערצאָגין האָט ער זיך אויסגעגלייכט, ווי איינגעבויגן קאָרן בײַ אַ גוטער וויטערונג. צו אַלדי רוחות! עפּעס מוז ער דאָך יאָ זיין אַ מהות, אויב אימיצער ווי מאַריע אויגוסטע, וואָס איז אין גאַנץ אייראָפּע באַרימט פון וועגן איר שיינקייט, די ערשטע דאַמע פון דייטשלאַנד, וויזט אַרום אים, איר געגנער, אַזוי באַשיימפּערלעך איר חסד. די קרעמערשע נשמות אין פּאַרלאַמענט איז דאָס אפשר ניט גאָר ניחא, וואָס ער, דער דעמאָקראַט, דער גרויסער שונא פון די טיראַנען, איז אַזאַ אָפּטער אַרייננגייער אין הויף. אָבער זאָלן זיי די נעבעכעס טראַכטן וואָס זיי ווילן. ער האָט זיך געשפּירט גענוג שטאַרק, בכדי בײַצושטיין דעם נסיון.

בכן, האָט אָט דער אימפּאָזאַנטער, גרויסהאַלטערישער און אין זיך פאַרגלויבטער מענטש פאַרבראַכט בײַ דער הערצאָגין איטלעכע שעה, וואָס ער האָט געמעגט. ער איז געווען בײַ איר אופשטיין, ער איז געזעסן, ווען זי האָט זיך געבאָדן, אַף די הילצערנע ברעטער, וואָס האָבן צוגעדעקט די וואַנע, אַזוי אַז נאָר דער קאָפּ האָט אַרויסגעשטעקט. ער פלעגט דעקלאַמירן גרינג און מיט פייער, די גרויסע אויגן פון זיין מאַסיקן צעזאַרקאָפּ האָבן געבליצט. די שאַבליע האָט זיך געשאָקלט ריטמיש אַהין און אַהער, לאַנג קילערנדיק זיינען געפלאָסן די ווערטער פון זיין מויל. אַזוי איז ער געזעסן, דער דעמאָסטענעס פון שוואָבן, און זיין מעכטיקער שאַרבן האָט געציטערט, אַז זיין פּאַריק האָט נעשטויבט. ער האָט פירגעזאָגט דער הערצאָגין פון אַלץ אין דער וועלט, האָט איר געלייענט מאַנוסקריפּטן, באַשטימטע פאַר צייטשריפטן, און גרעסערע ווערק און בראָשורעס. טעאָלאָגישע, יורידישע, פּאָליטיש-עקאָנאָמישע, אַרטיקלען איבער פּאָליטישע טאָג-פראַגן, אָבער אויך איבער עסטעטיק, באָטאַניק, מינעראַלאָגיע; וואָרום יאָהאַן יעקב מאָזער איז געווען זייער געלערנט. ער האָט אַלץ רעציטירט מיטן גלייכן פייער און מיט אַ פולע אויסדרוק. געוויינטלעך פלעגט מאַריע אויגוסטע גאָר ניט גוט זיך

צוהערן; בעת ער פלעגט ריידן, פלעגט זי זיך לאָזן פריזירן אָדער מאַניקירן, פלעגט אַמאָל אויך לייענען דעם פראַנצויזישן „קוריער גאַלאַנט“. אָפטמאָל וואָלט זי אפילו ניט געקאָנט זאָגן צי ער האָט געלייענט דייטש צי לאַטייניש. אָבער דער גלייכמאָסיקער גערויש, וואָס דער דאָזיקער ציצערא פלעגט אַרויסברענגען, איז געווען אַנגענעם פאַרן אויער, עס איז אויך געווען משיקאַוו צו האָבן פאַר די אויגן די וואָקסיקע, באַוועגטע פיגור פון אָט דעם אויפגערעקטן, קאָמעדיאַנטישן מאַנסביל, און עס האָט געקיצלט, וואָס אָט דער דעמאָקראַט און פיינט פון פירשטן פאַרערט זי אַזוי מעשה אינגל און סקריפענדיק קעגן זיך אַליין. טיילמאָלס, ווען ער פלעגט אַף איר אָנשטעלן זיינע גרויסע, פוסטלעכע אויגן פאַרגאַפט און צודרינגלעך, פלעגט זי איר פּאַוואַליע פליסנדיקן בליק לאָזן אַריינגליטשן אין זיינעם און לאַכן, ווען ער פלעגט, אַ פאַרדרייטלטער, שווערער נעמען אָטעמען. אין דער היים פלעגט ער בפרטיות און מיט אַ סך לויפיקע רייד שילדערן פאַר זיין ווייב די שיינקייט פון דער הערצאָגין, און ווי ער האָט באַשיימפּערלעך געפונען חן אין איר אויגן, ווי אַזוי זיין האַרץ אָבער איז דרייפאַכיק געפּאַנצערט. און ער פלעגט זיך אַנידערוואַרפן אַף די קני און מתפלל זיין מיט זיין ווייב פון טיפן האַרץ און אין אַ זייער גוט פאַרפאַסטער רעדע, גאָט זאָל אים אויך ווייטער געבן כח, ווען דאָס וועט נויטיק זיין, צו לאָזן דעם מאַנטל אין דער הערצאָגינס שטוב.

פון צווישן די פרויען האָט מאַריע אויגוסטע, פונקט ווי פריער, זיך באַפריינדעט נעענטער מיט איינער, מיט מאַגדאַלען סיבילע. צו איר האָט זי זיך געחנפעט, צוגעטוליעט זיך, געמאַכט זיך קליין, געריידט צו איר ווי אַ נאַרישע, קליינע שוועסטער צו דער עלטערער, וואָס ווייס אַלץ. אַך, מאַגדאַלען סיבילע, ווי איז זי געווען ערנסט און קלוג און פול געניטשאַפט און וויסן. אין איר דער הערצאָגינס, קליינעם קאָפּ איז אַלץ געפלויגן אין בונטן טומל, ווי קאָלירטע מוקן, און אַלץ האָט זיך פון איר אַראָפּגעגליטשט ווי וואַסער, און קיין זאַך האָט זיך ניט צוגעקלעפּט. אָבער מאַגדאַלען סיבילע האָט אויפגעהיט זאָרגעוודיק אַלץ, וואָס

עס איז געזאָגט און געטאָן געוואָרן, און האָט דאָס באַטראַכט און זיך אָפּגעגעבן דערמיט און געמאַכט דאָס פאַר איר אייגנס. דע־ריבער איז זי טאַקע געווען אַזוי שווער מיט איבערלעבענישן און געניטקייט, און זי, די הערצאָגין, איז געווען אַזוי קליין און אַזוי נאַריש קעגן איר. הגם זי האָט געטראָגן אַ קרוין און איז אין עצם זין פון וואָרט אַ לאַנדסמוטער און האָט איצט אפילו געהאַט דעם מאַלטעזער־קרייץ.

מאַגדאַלען סיבילע איז געווען צו איר איינגעהאַלטן־פרייַנד־שאַפטלעך און האָט זיך געסטאַרעט, ווי ווייט עס האָט זיך גע־לאָזט, איינלעבן אין אַט דעם צעפלויגן־גרינגען באַשעפעניש. טייל־מאָלם פלעגט זי, אמת, אַנכאַפּן אַן אימה פאַר אַזאַ טענצלדיקער גרינגקייט. צי איז אָט די דאָזיקע פרוי, וואָס צי איר האָט זיך קיין זאַך ניט צוגעקלעפּט, ניט מאַן, ניט קינד, ניט לאַנד, וואָס האָט געלעבט מיט איר גוף, צי איז זי געווען אַן אמתע אויף דער וואָר, צי איז זי ניט געווען נאָר אַ געשטאַלט פון לופט, אַ שפּיגל־בילד, אַ זאַך אָן אַ האַפט, אַ קאַלירטער שאָטן?

דאָס געוואוקסיקע מיידל מיט די ברוינלעכע מאַנסבילש־דרייסטע באַקן איז געוואָרן מיד. דער טיפער גלאַנץ פון די בלאָע אויגן, אַזוינע אומגעריכטע, אומווירקלעכע אונטער די טונ־קעלע האָר, איז געוואָרן בלאַסער, די האַלטונג פון די דראַטיקע גלידער איז געוואָרן נאָכגעלאָזענער, ווייכישער. זי האָט זיך מיד געקעמפט, זי איז געווען אויסגעברענט, איצטער איז זי געווען שטיל און ניט מער מסוגל, צו פלאַקערן ווילד און מורדיש.

זי איז דורכגעגאַנגען די עניוות און דעם בטול־היש פון דער ברידער־געמיינדע, די שריפט האָט פאַר איר געהאַט קלאַנג און זין. זי האָט גאָט געזען, די אַפּאָסטאָלן האָבן זיך באַ איר בעט געזעצט און מיט איר גערעדט. דערנאָך האָט זי אין וואַלד געזען דעם טייוול, איז זי אַרויס, שטורקאַרץ און הייליקער פייער־בראַנד, מיט אים מלחמה האַלטן. און דערנאָך זיינען געקומען דער הערצאָג און דער איד און האָבן איר גאָרטן פאַרפלייצט

ווי בלאָטיק געוויסער און אים פארוויסט. גאָר די בליטן און פרוכט און בוים און גרינס זיינען געווען טויט און פארבלאטיקט. און אַז דאָס געוויסער איז אפגעלאפן, איז געבליבן ניט מער ווי נאַסע, וויסטע בלאטע.

און דערנאך איז געקומען צום מיט זיינע ליבע. זי האט אים, נאך, אלעמען געזען, ווי א גרויסע, לעבן־שאפנדיקע זון און האט זיך אים אין גאנצן איבערגעגעבן, אלע באהעלטענישן פון איר גוף און נשמה געעפנט מיט באוואוסטזיניקער געטריישאפט אן א ברעג. אבער ער איז געווען א זון, וואס ווארעמט ניט און וואס גייט זיך איר וועג אָפגעבלאסט און אן רחמנות און ניט צו דעריאגן. זי האָט אנגעווענדט גאר איר ווילן, בכדי אים צו באַנעמען, זי האָט זיך געלאזט פון אים מיטרייסן, און זי האט אויך מער, ווי אַלע איבעריקע געשפירט, מער פאַרשטאנען פון זיין איזאָלירונג. פון זיין פלאָנטער, פון זיינע מלחמות, פון זיינע מפלות, פון זיין געליימטקייט. פון זיין נייעם אופשטייג. אָבער איר שרעקעוודיק און איר אָפן אָנבאָטן זיך האָט צו גאָרנישט געבראַכט; ער איז געווען צו איר זייער העפלעך און פריינדשאַפטלעך און צוטרוילעך, אָבער דער גאַנצער מאנסבילשער ברען איז געווען אויכגעלאָשן.

זי האָט זיך אַ צווייט מאָל ניט מיאש געווען; זי האָט זיך אונטערגעגעבן. איז געגאַנגען איר גראַען וועג אָן אַ זון. זי האָט געטראַכט וועגן זיך קלאָר, פעסט, זאכלעך! זי וואלט געטויגט פאַר אַ בעל־הביתטע פון אַ פריצישן הויף, אַ דאָרפישער אדעליקער. וואס שליסט זיך ניט אָפּ פון דער וועלט, אָבער וואס שפירט זיך צום שטאַרקסטן און זיכערסטן אף זיין נחלה, באַ זיינע פויערים, — דער וואָלט פאַר איר געווען דער רעכטער. האָט אָבער א בייזער שטערן זי פארפירט אין א פאלשער וועלט. זי אליין איז ניט געווען אינגאנצן אומשולדיק: ניט געררופענערהייט באַוויזט זיך בעל־זבוב ניט. דער וואס זעט אים, אזוי ווי זי האָט אים דעמאלט געזען אין וואלד, דער האָט אינעווייניק אין פאַרבאָרגנטן געבייגקט נאָך אים. נאָר ווי דאָס זאל אויך זיין, עס האָט קיין זין ניט, צו חקירהן זיך איבער דעם. איצט בכל

אופן איז זי געווען צוגעשמידט צום דאָזיקן הויף, וואָס האָט איר אויסגעוויזן ווי אַ טומלדיקער אויסגעמיש פון בונטע חיות, און דער איינציקער מענטש צווישן זיי, וואָס צו אים האָט זי געצויגן מיט טויזנט שטריק, איז דורך זיין העפלעכער, צוטרוילעכער פריינטשאַפטלעכקייט פון איר געווען אָך! טויזנט מאל ווייטער, ווי דעמאלט דער טייוול און וואַלד פון הירזאָו.

אָפטער פלעגט זי איצט גיין צו בעאַטאַ שטורם. שוין איז די בלינדע הייליקע ניט געווען מער קיין נאַרישע אַלטע מיידל, די שטילקייט, וואָס אין איר האָט זי אַליין געלעבט, איז איר נעבן דער באַרוטער, פרומער, געלייטזעליקטער פרוי געווען וויגציקער נאַקעט און פאַרדומפן, אָפטמאָלס פלעגט זי אפילו שפירן די שטילקייט כמעט קערפערלעך, ווי א גוטן וואַרימען מאַנטל.

באַ בעאַטאַ שטורם פלעגט זי אָפטמאָלס טרעפן דעם שטאָטדעקאַן, יאָהאַן קאָנראַד ריגער, דעם בעסטן גייסטלעכן רעדנער אין שטוטגאַרט, און זיין אינגערן ברודער עמנואל ריגער, עקספעדיציע־ראַט. יאָהאַן קאָנראַד, דער רעדנער, האָט זיין שטראָמיקע באַרייִדעוודיקייט ניט געקאָנט איינצאַמען אפילו אין באַרוטן שטיבל פון דער הייליקער. ער איז געווען אַ גוטמוטיקער ערלעכער מאַן, אָבער פאַרוואָס זאָל ער ניט לאָזן צאָלן זיך צינז פאַר דעם פונט, וואָס דער אויבערשטער האָט אים דערמיט געלייטזעליקט? און ער פלעגט אויסשפרייטן זיינע שיינע, טונקל פאַרקלינגענדיקע ווערטער פאַר זיינע צוהערער, ווי טייערן סאַמעט, כדי זיי זאָלן דערפון הנאה האָבן. מאַגדאַלען סיבילע פלעגט אָט דער שיין־רעדנער דערמאָנען אָן יאָהאַן יעקב מאָזער, וואָס זי פלעגט אים אַמאָל טרעפן באַ מאַריע אויגוסטע. און איין מאָל האָט זי גערעדט מכח דעם פובליציסט און זיין געניטער רעטאָריק, פשוט און אָן גרויס התפעלות. אָבער דאָ האָט דער בכלל גוטגינציקער פאַסטאָר זיך אָנגעצונדן מיט גרימצאָרן, גענומען שיטן פעך און שוועבל אויף דער טייוולאָנישער פוסטער גאוה פון יענעם רעדנער, און בכלל ווי אַזוי די וועלטלעכע רעטאריק איז אַ פאַרבלענדעניש פון דער טומאה, און די בלינדע הייליקע האָט געהאַט גרויס מי איינצושטילן דעם כעס

פון דעם מאַן קעגן דעם וועלטלעכן קאָנקורענט, ביז ער האָט זיך באַרואיקט, לאַנג נאָך אונטערברומנדיק.

עמנואל ריגער, דער עקספּעדיציע־ראַט, פלעגט זיך צוהערן באַשיידן און מיט כוונה, ווען זיין באַרימטער ברודער פלעגט ריידן. ער איז געווען אַ קליין, מאָגער, שטיל מענטשל; בכדי זיין אינגליש באַשיידן פּנימל זאָל קריגן אַ ביסל מאַנספּילשקייט האָט ער געטראָגן קורצע וואָנסעס, וואָס עס איז געווען קעגן דער מאָדע. שטאַרק נוטה צו זען אין איטלעכן מענטשן נאָר די גוטע זייט, איז ער זיך טיף מצער געווען דעריבער, וואָס זיין ברודער האָט אַזוי אַראָפּגעמאַכט דעם פּובליציסט, וואָס איז געווען בײַ אַלעמען אַזוי אָנגענומען! פונדעסטוועגן האָט ער מחמת באַשיידנקייט ניט דערוועגט זיך אַרויסצוווייזן זיין פאַרקערטע מיינונג אַנדערש, ווי דורך אַ לייכטן מאַך מיט דער האַנט. פאַר דעם פליסיקן און געווינסהאַפטן באַאַמטן איז דאָס געווען אַ טיפע, אינעוויייניקסטע באַדערפעניש, עס איז געווען זיין אָפּרו און נחת־רוח, אָפּצוגעבן כבוד גרויסע מענטשן, און עס איז ניט געווען גאָר שווער צו זיין פאַר אים אַ גרויסער מענטש. עס זיינען דאָך געווען אַזוי פיל מענטשן, וואָס גאָט האָט זיי באַשאָנקען רייך מיט זיין גנאָד. ער האָט צו זיי אַרויפגעקוקט מיט איבערגעבנקייט און מיט אמתער באַוואונדערונג. ער איז געווען גליקלעך צו באַגעגענען זיך אין קרייז פון דער בלינדער היליקער מיט אַזוי פיל אמת באַדייטיקע מענער און פרויען.

אויף מאַגדאַלען סיבילע האָט ער געקוקט מיט פאַרערונג אָן אַ שיעור, מיט קניענדיקן האַרץ. וואָסער פרוי! וואָסער מאַרטירע־רין! אט די ריינסטע און כשרסטע פרוי פון גאָר דעם שוואַבישן קרייז, וואָס האָט זי געמוזט ליידן, וויפיל טויזנט טויטן האָט זי געמוזט שטאַרבן, בעת דער אַפּיקורסישער מושל האָט אויף איר געוואָרפן זיין אויג. געוואָרפן זיין אויג אויף איר, צו קיין אַנדער פאַר־מולירונג האָבן זיינע דרייסטסטע חלומות ניט דערוועגט זיך. און מיט וואָסער ווערדע האָט אָט די היליקע, באַשאָנקען מיט אַלע מעלות פון גוף און נשמה, געטראָגן איר דערנער־קראַנץ.

עניוותדיק האָט אָט דאָס קליינע, שטילע, באַוועגסלטע מענטשל טיילמאָלס געסמייעט אַ רייד טאָן מיט איר. ער האָט גערעדט ניט פון זיין גוואַלדיקער פאַרערונג, דאָס וואָלט ער קיינמאָל זיך ניט איינגעשטעלט, ער האָט גערעדט פון אַ בשותפישן באַקאַנטן, דעם מאַגיסטער יעקב פאַליקאַרפּ שאָבער און הירזאַו. מאַגדאַלען סיבילע האָט געשמייכלט אַ קליין, פאַרנעפּלט שמייכעלע. אַך הירזאַו! אַך דער דיקלעכער גוטמוטיקער, פּוישבאַקיקער מאַגיסטער! דער ריח פון געבראַטענע עפּל און דער פאַרדבקעטער, געצוויגענער געזאַנג פון הימלישן ירושלים האָט זיך אין געדרעכעניש צונויפגעגאסן. דערווייל האָט דער עקספּעדיציע־ראַט ווייטער גערעדט מכח דעם מאַגיסטער. ער האָט דערציילט באַשיידן, בפּרוטרוט און מיט גרויס אַכטונג פון זיינע שירים. און מאַגדאַלען סיבילע האָט צוגעהערט די ערלעכע רייד פון עקספּעדיציע־ראַט שטיל און באַרוט.

די אָן־שיעורדיקע, דבקותדיקע פאַרערונג, וואָס האָט אַרופגעשטייגט צו איר אַזוי נאַטירלעך, ווי עס קאָן גאָר אַנדערש ניט זיין, פון זיין גאַנצן וועזן, האָט איר פאַרשאַפט נחת־רוח. איר לעבן באַם הויף, אַפילו ווען זי האָט נאָר אָפּגעגעבן אין אופנעמען די נויטיקסטע וויזיטן, האָט איר געוואָרפן אָן אַ צאָל מענטשן אין די אויגן, וואָס האָבן אַלע פאַר איר זיך געחנדלט און געפיינט, און האָבן לחלוטין ניט געוואוסט וואָס אָנצוהייבן מיט איר מאָדנער לאַגע. זי איז געווען דעם הערצאָגס מעטרעסע און פּיעטיסטין און פריינדין פון דער קאַטווילישער הערצאָגין, דאָס האָט זיך ניט געגראַמט, דערפון האָט מען ניט געקאָנט קלוג ווערן. אַזוי אַרום האָט פון אָט די מענטשן, וואָס זי האָט זיך געטראָפן מיט זיי, אַרויסגעשפּאַרט אף איר אַ פאַרשטיקטער געמיש פון חוזק און געבונדנקייט און פריקרעקייט און חוצפּהדיקער נייגעריקייט און חניפה, אַזוי אַז אַ ניט געפעלשט, פריי מענטשלעך וואָרט פלעגט זייער זעלטן אָפּקלינגען איר אין אויער. דערפאַר האָט איר פאַרשאַפט גרויס פאַרגעניגן די נאַאיווע, פּשטותדיקע פאַרערונג פון אָט דעם מענטשן.

זי האָט אַלץ מער געבענקט נאָך רו און נאָך אַ קליינעם

לעבן. דער ווילדער און פוסטער הויז פון הויף, דער בלישטשעדיקער און פאַרמאַטערנדיקער אַפּאַראַט פון דער מאַכט איז געווען שולדיק דערין, וואָס זי האָט קיין אינעוויניקסט אויג פאַר איר ניט געהאַט, און אָט דאָס הויפישע לעבן איז איר אַלץ מער און מער געוואָרן דערווידער. עס האָט נאָך אין איר געווירן עפּעס פון דער פאַרשטיקטער, געירשעטער שנאה פון אירע אבות קעגן די גלענצנדע, שטורעמדיקע הערן; צווישן די עלטערן פון איר מוטער איז איינער געווען אַן אָנפירער אין דעם אויפשטאַנד פון אָרימען קאָנראַד און איז פאַרמשפט געוואָרן צו אַ מיאוסן טויט. זי האָט איר הויז פאַרן טייער גענומען איינשטעלן אַלץ פשוטער, זי האָט זיך אָנגעטאָן אַלץ מער ווייבעריש און בירגערלעך, וואו עס האָט זיך נאָר געלאָזט, איז זי געגאַנגען אָן אַ פּאַרוק. קאַרל אלכסנדר, וואָס האָט ווייניק מיט איר געהאַט וואָס צו ריידן און וואָס האָט זי איצט געהאַלטן בעצם מער דערפאַר, ווייל ער האָט געמיינט, אַז די דאָזיקע פאַרבינדונג פּאַסט אים גוט און איז פּאָפּולער, איז געווען נשתומם, האָט זיך אָבער באַגענוגט, ווייל אויך די הערצאָגין איז געווען מער אַמיזירט, איידער שאָקירט, מיט צושאָקלען מיטן קאָפּ: ער פאַרשטייט גאָרנישט.

ווער עס האָט יאָ געהאַט גרויס צער און פאַרדראָס פון מאַגדאַלען סיבילעס פאַרבירגערלעכונג, דאָס איז געווען וויסנזיי. ער איז קיין מאָל ניט געווען נאָענט מיט דער טאָכטער, דאָס דאָזיקע ערנסטע, שווערזיניקע מיידל איז אים אלע די יאָרן אין הירזאָו געווען אפילו א ביסל אומבאַקוועם. אָבער פּאָרט איז זי געווען די לוין פאַר זיין מי און זיין פאַרבאָרגענער שטאָלץ. זי איז געווען פון א פיינערן שטאָף, ווי די אַנדערע מענטשן, זי איז געווען אנדערש, העכער פון זיי. זי האָט געהאַט איר אייגענע לופט אַרום זיך, און אפילו דער סקעפּטיקער, אויך ווען ער האָט געשמייכלט, האָט געדעדט צו איר צאַרטער און ניט ווילנדיק מיט אַכטונג. דער גרויסער פּקח און דער זייער קלוגער מאַן האָט געוואוסט, אַז בײַ גאָר זיינע כשרונות פעלט אים די לעצטע מענטשלעכע וואָגיקייט, אַז ער איז געווען אָן אַ יאָדער; מאַגדאַלען סיבילע אָבער האָט געהאַט די דאָזיקע יאָדער, איר טראָט, איר אָטעם,

איר שמים האָט געהאַט יענע נאַטירלעכע אינעווייניקסטע וואָג,
ער האָט אין איר געזען זײַן השלמה, דאָס וואָס זי איז געווען זײַן
קינד, האָט אים אויסגעוויזן ווי אַ פאַרענטפערונג פאַר זיך אַליין,
ער האָט נים דערוועגט זיך צו קריטיקירן זי אַפילו פאַרבאָרגע=
נערהייט. אַלץ איינס וואָס זי איז געווען, צו דאַמע, צו הייליקע,
אין יעדן פאַל איז זי געווען ווײַט פון פשוטע מענטשן און נים
צו דערלאַנגען, זי איז געווען אַנדערש. אינהאַלט און צוועק פון אַ
העכערער, אין זיך געשלאָסענער וועלט. דערנאָך אַז דער הער=
צאָג איז געקומען און האָט זי צעטראָגן, האָט דאָס, אמת, שטאַרק
אים אַנידערגעוו רפן און אויסגעלײדיקט, אָבער איר בילד אין זײַן
האַרץ איז געבליבן נים גערירט. זי איז געווען אין דער געשטאַלט
פון דער שוואַבישער בתולה אַמענע, וואָס מישט זיך אוים מיט די
בשר=ודם, אָדער לכל=הפחות אַ האַלבע געטין.

איצט אָבער, אַז זי האָט גענומען אַלץ מער און מער פאַר=
בירגערט ווערן אין קליידונג, לעבנס=פיר און ריידן, איז פאַר אים
צעבראָכן געוואָרן אָט דער דאָזיקער ליבסטער געדאַנק זײַנער, זײַן
שטאַרקסטער אָנשפאַר און בעסטער באַוויז קעגן אַלײנפאָרוואורף
און נאָגנדיקער אומצופרידנקייט מיט זיך. אָך און ווי, די איז שוין
באמת, נים אַף צופלייסנס אַ בירגער=פרוי, די מיסטישע שוועס=
טער, די פאַרשטיינערטע מעטרעסע דעם הערצאָגס, וואָס האָט פון
איר מאַכט נים געוואָלט וויסן, וואָס איז מיט דער נשמה געווען
אַף אַן אַנדער שטערן — דאָס זײַנען געווען מאַסקעס. די ניכ=
טערע בירגער=פרוי, וואָס ווירקט פראַקטיש אין וואָכעדיקן טאָג
און איז צופרידן מיט אים. דאָס איז געווען די לעבערלעכע, ענד=
גילטיקע, העכסטע פראָסטע לעצטע פאָרם און ווירקלעכקייט. וואָלט
זי געוואָרן אַ קאָמעדיאַנטין, אַ בראָדיאַגע, אַ הערצאָגין, אַ זונה,
אַ הייליקע — קיין זאַך וואָלט נים אַרויגעריסן זײַן גלויבן אין
איר. נאָר איינס האָט זי נים געטאָרט זײַן, אין די רייען פון די
בראַווע, פראָסטע, נידעריקע, אַלטעגלעכע האָט זי נים געטאָרט
זיך איינקאָרטשען, אָט די איינגשאַפט, די שלעכטע, מוכליקע לופט
האָט נים גנטאָרט זײַן די איריקע.

מיט פיינער שפירונג האָט ער אָנגעשמעקט, אַז אין אָט

דעם ניכטערן ענדגילטיקן גלגול מאַגדאַלען סיבילעס איז אויך
דער איד שולדיק. אויך איצט האָט אים ניט פאַרכאַפּט אַ
וואָלוועלער נקמה=געפיל. נאָר די נייגעריקייט איז שטאַרקער גע=
וואָרן, די פיינע רעטענישפולע, קיצלדיקע, עקבערדיקע נייגעריקייט:
וואָס וועט יענער טאָן אין אַ גלייכן פאַל? ווי וועט זיך זיין פּנים
בייטן, זיין האַלטונג, זיינע הענט? די דאָזיקע נייגעריקייט האָט
געשמאָכן שפּיציק, האָט זיך געכוואַליעט אַרום אים, ווען ער איז
איינגעשלאָפן, איז געקראָכן איבערן חוט=השדרה, געקוואַצט, געצופּט.
האָט אים אָנגעפילט אינגאַנצן.

מיטן גלויבן אין זיין מאַכטער זיינען איינגעפאַלן זיינע לעצ=
טע אָפּהאַלטן. ער האָט זיך געמוזט רעכענען דערמיט, אַז מחמת
זיין לאַנגע באַם הויף, מחמת זיין אָנטייל אין קאַטוילישן פּראָיעקט
וועט ער לאַנג ניט קאָנען בלייבן זיצן אין דער פּאַרלאַמענטאַרי=
שער קאָמיסיע. אָבער אַז מען האָט אים, אויסנוצנדיק זיין קראַנ=
קייט, אין דער מילדסטער פאָרם אויסגעשלאָסן פון דער עלפער=
קאָמיסיע, האָט דאָס פאָרט ווייטאָקדיק און טיף פאַרדראָסן. איצט
האָט ער שוין אָן זיך צו רעכענען מיט עמיצן אַלץ אָפענער
זיך גענומען ארויסשטעלן אַפן צד פון דעם הערצאָגס רעגירונג.
קליגער און מיט אַ שאַרפערן חוש הריח ווי דער אומגעלומפּער=
טער רעמבינגען, דער זשעדנער פאַנקאַרבאַ, האָט ער זיך ניט באַ=
טייליקט אין די אינטריגעס קעגן זיס, ווייל ער האָט ניט גע=
טרויט דער כלומרשטער געליימטקייט און אָנמעכטיקייט דעם
אידנס. בכן האָט ער איצט צום גרינגסטן געקאָנט איינשטעלן די
פאַרבינדונג צווישן די טרעגער פון קאַטוילישן פּראָיעקט און דעם
פינאַנס=דירעקטאָר, וואָס אָן אים האָט מען באַשטימפּערלעך ניט גע=
קאָנט זיך באַגיין. ער איז אין זיס' הויז זיך צונויפגעקומען מיט די
קאַפּוצינער פון דער שטאָט ווייל, אויך מיט אַן איטאַליענישן פאַ=
טער, אַ משולח פונם פירשט=פּריאָר פון איינזידלען. פלעגט ווייכ=
זיי גיין צו אַזעלכע צונויפקומען, פלעגט ער, אמת, לפנים ווען
אַריינגיין אין זיס' שטוב דורך דער הינטערטיר. אָבער טאָן
פלעגט ער דאָס אין מיטן העלן טאָג און אַזוי אָפן, אַז דאָס
האָט געמוזט אויסזען, ווי ער רייצט זיך מיט עמיצן. פון די אַל=

טע גוטע פריינט בילפינגער און האַרפרעכט האָט ער זיך אַלץ מער אָפּגעשיידט; זיי האָבן צוגעקוקט ערנסט, טרויעריק און אָן שנאה, ווי ער פאַלט אַריין אַלץ מער אין אָט דעם אומגליקלעכן און פאַרבּרעכערישן פּלאָנטער.

פעסטער אַלץ פון טאָג צו טאָג האָט ער זיך צוגעטוליעט צום הערצאָג, אויסגענוצט אָן איבערצוקלערן די מאָדנע לאַגע ווי דעם הערצאָגס שווער פון דער לינקער האַנט. ער האָט צונויפ-גענומען גאָר זיין מענטשן-קענטעניש, בכדי זיך צוצופּאַסן צו קאַרל אַלכּסנדרס קאַפּריזן, און דעם הערצאָג, וואָס אַף זיינע נאָענטע יועצים איז ער נאָך געווען ברוגז פון וועגן די אינטריגעס קעגן זיסן, און מיט זיסן האָט ער זיך אויך ניט געפילט אַזוי גוט און מיט אַזויפיל צוטרוי ווי פריער, זיינען שטאַרק געפעלן געוואָרן די חניפות און די גרייטקייט צו דינען ווייסנזיים. אַ סך פון די קליי-נע דינסטן, וואָס פריער האָט זיי געהאַט אָפּצוטאָן דער איד, ווי אָפּצאָלן פערזענלעכע התחייבותן, צופירן און אָפּפטרן פרויען און בדומה נאָך אַזעלכע זאַכן, האָט אומבּאַמערקט און געשיקט דער קירכן-ראַט-דירעקטאָר גענומען אַף זיך. דער ווירצבורגער געהיים-ראַט פיכטל האָט זיך געפרייט, וואָס איצט איז זיין בּכבודער פריינט געוואָרן דער אמתער הויף-מאַן; אים האָט הנאה געטאָן צו זען ווי דעם הערצאָגס פאַרטרויטן און אינטימסטן באַגלייטער, אַנשטאָט דעם מסופּקדיקן אידן, וואָס מען האָט מיט אים קיינמאָל ניט געקאָנט צו-רעכט קומען, ווייסנזיי, וואָס ער האָט אים שטענ-דיק ליב געהאַט. ער האָט דעם קאָסיסטאָריאַל-דירעקטאר פאַרגו-נען פון האַרצן דעם איינפלוס און מאַכט, און אָפּטמאָלם, ווען ער פלעגט זיך מיט אים צונויפטרעפן, פלעגט ער, זופנדיק הייסע קאַווע, פאַרזיכטיק און אומדירעקט, אים אָנווייזן, ווי אַזוי ער קאָן נאָך מער פאַרפעסטיקן און פאַרטיפערן דער הערצאָגס פריינט-שאַפט.

בכדי אים פעסטער צו בינדן, האָט וויינסזיי אים גענומען פירן אַף ראַפינירטע קראַנקהאַפּטיקע קרומע וועגן פון זנות, און דער פאַר זיך געזונטער מענטש, וואָס האָט בּעצם קיין גרויסן טעם ניט געפונען אין אַזעלכע פאַרגעניגנס, און אים איז געפעלן גע-

ווען מער פשוטע שפּיז, האָט דאָך געהאַלטן, אַז פאַר אים ווי אַ פירשט און וועלט־מאַן געשיקט זיך אָפּצושמעקן אויך פון יענע מישן. דער פּרעלאַט פלעגט אים פאַרשאַפן פרויען, וואָס זיינען אים בעצם גאָר ניט געפעלן געווען, וואָס זיינען אָבער גראָד אין איבערגעזעטיקטן פּאַריז געווען אין דער מאָדע, און ער האָט אים פאַרשאַפט אויסלענדישע געהיימע ליבע־מיטלען; ער האָט אים אַלץ טיפער אַריינגעפירט אין פאַרסמטן גאָרטן, און עס איז אַזוי אַרויסגעקומען, אַז אָן אים קאָן מען זיך ניט באַגיין. מאָדנע איז געווען, וואָס די הערצאָגין איז ניט געווען צופרידן מיט דער דאָזיקער פריינטשאַפט קאַרל אַלכסנדרס. זי איז לחלוטין ניט געווען קיין צנועה, זי האָט ליב געהאַט מען זאָל איר דערציילן וועגן זינדיקע מעשים און דערביי פלעגט איר פּנים זיין אָנגעשטריינגט און פאַרחלומט; זי האָט אויך אַף איר שטייגער ליב געהאַט דעם פּאַטערס פּנים, וואָס איז געווען צעקאָרטשעט פון די פיל וויסיקע און פאַרדאָרבענע קנייטשן. אָבער ווייסנזיים פּנים, אפשר דערפאַר ווייל זיין פאַרדאָרבנקייט איז ניט געווען עכט, נאָר געוואָרן אַף אַן אומוועג, האָט געהערט צו די ווינציק פּנימער, וואָס זי האָט ניט געקאָנט ליידן.

קאַרל אַלכסנדר פלעגט מאַכן גרויסע, גלענצנדע געיעגן. ער פלעגט דערויף אויסגעבן גוואַלדיקע סומעס; אין איינעם פון זיינע וועלדער האָט ער געלאָזט אויסגראָבן אַ קינסטלעכע אָזערע, בכדי אַהין אַריינצוטרייבן דאָס געווילד. באַ אַזאַ געלעגנהייט האָט ווייסנזיי אויפגעגעבן אַ פּלאַן, מען זאָל איינמאָל גיין אַף געיעג אין גאָר אַ קליינער געזעלשאַפט. אַזאַ געיעג ווי דער היינטיקער איז אַ רעפּרעזענטאַציע, ניט קיין ווייַלונג. דער הערצאָג האָט מסכים געווען. שפּעטער, אגב אורחא, האָט דער קירכן־ראַט־דירעקטאָר געשמועסט וועגן דעם שיינעם, מיט געווילד רייכן וואַלד באַ הירזאַו; עס וואָלט אפשר געווען אַן אָנגענעמער איבערבייט צו בלייבן דאָרט אַמאָל אַ פּאָר טעג אין געיעג־שלאָס, אָן קאָמפּאָרט, אָן גרויסער דינערשאַפט, אינקאָגניטאָ, באַגלייט נאָר פון צוויי, דריי הויפּס־לייט, אויסרוען זיך, אויסטאָן פון זיך די קרוין, איבערגעבן זיך דעם פאַרגעניגן פון געיעג מעשה געוויינטלעכער דאָרפישער

אַדלמאַן. וואָסער כבוד וואָלט דאָס געווען פאַר אים. צו באַגריסן דאָרט זיין דורכלויכט ווי אַ גאַסט אין זיין הויז, דערפון איז דאָך אַפילו איבעריק צו ריידן. קאַרל אַלכסנדר האָט אָן מחזקות און מיט פאַרגעניגן מסכים געווען, וויסנזיי האָט קונציק אויסגעקליבן די צייט צו זיין פאָרשלאָג; אויך האָט דאָס גראד זיך געמאַכט גוט. וואס דער הערצאָג איז נאָר צוויי מאָל געווען אין באַרימטן קלויסטער. אַזוי איז די רייזע באַשטימט געוואָרן אַף דער נאָענטסטער צייט און שטרייננג בסוד, בכדי אָפצוהיטן דאָס אינקאָגניטאָ.

זינט דעמאָלט אָן האָט וויסנזיי אַרויסגעוויזן אַ מערקווירדיקע רירעוודיקייט און מונטערקייט. ער איז אינגער געוואָרן, זיין טראָט איז געוואָרן בויגעוודיקער, פלינקער, זיינע פקחותדיקע אויגן האָבן מיט טיפערן גלאַנץ געכאַפּט מענטשן און זאַכן. שטאַרק האָט ער געזוכט זיך צו באַגעגענען מיט זיסן; יוען עס האָט זיך נאָר געלאָזן, איז ער געווען נעבן אים. מיט אַ קליין, תאווהדיק שמייכעלע אַף זיין פּנים, שמעקערישן מויל, האָט ער צוגעהערט, ווי יענער רעדט, אָנגעבויגן דעם פקחותדיקן קאָפּ שטאַרק פאַרטאָן, ווי נישמערנדיק. בעת זיס האָט דאָס ניט באַמערקט, פלעגט ער אים אַלע ווײַלע אָנקוקן, אַריינפּרעסן זשעדנע אין זיך זיין געשטאַלט, און יענער. לייכט דורכגעפּרעסמלט. ניט ווייסנדיק פון וואַנען, פלעגט זיך פאַרהאַקן און צולעצט אַנטשוויגן ווערן.

רבי גבריאל האָט פאַרלאָזן דאָס הויז מיט די בלומען=טעראסעס, האָט אנגעהויבן איינע פון זיינע איינזאמע נסיעות.

האָט דורכגעשניטן שוואָבן פון מערב קיין מזרח, האָט געשפּרייזט איבער די שיינע, אַלטע גאַסן פון אויגסבורג, וואו מען האָט מיט מורא אַף אים געקוקט. איז אריינגעפאָרן אין דער קאַלירטער רעזידענץ=שטאָט פון בייערישן קורפירשט, וואו טעמפּע אויגן זיינען געווען אַף אים אויסגעגלאצט מיט חשד. האָט פאַרקערעוועט קיין דרום אין די בערג. באַם פוס איז געלעגן רחבותדיק אויסגעשפּרייט, בונט, אַ לאַרמדיקער מאַרק. פון דאָ אָן איז דער טאָל געוואָרן איינגער, געדריימטער. דער וועג איז נאָכגעגאַנגען אין קרימונגען אָן אַ שיעור דעם רייסנדיקן, ווייסגרינעם טייך. הויך אויבן אַף אַ לאַנקע איז געלעגן צווישן ברייטע, וויטלעך=ברוינע, ריזיק אויפגעטורעמטע ווענט אַ קורפירשטלעך געיעג=הויז.

דער וועג האָט זיך געטיילט. רבי גבריאל האָט זיך פאַרטיפט אין געדיכטן וואַלד. ער האָט געשטייגט אַלץ העכער פאַזע דעם אַלץ דינערן, רעשדיקן טייך, וואָס האָט ליכטיק און פריילעך קלינגענדיק זיך געבראָכן זיין וועג דורכן וואַלד. דער מקובל איז אַריבער דעם גרענעץ, אַריין אין קייזערלעכן געביט. אין שוויגן און אין גרויס איינזאַמקייט איז געלעגן די געגנט; דאָרט וואו דער טאָל פון טייך איז געווען ברייטער, נאָכדעם ווי ער האָט געהאַט געשפּאַנט כמעט צוויי טעג, האָט ער אָנגעטראָפן עטלעכע אָרימע הייזלעך אַרום אַ קליינער קירך. דאָרט האָט ער גענעכטיקט.

מיט אַ פּאָר מײַלן ווייטער האָט אַ הויכער באַרג אָפּגעשפּאַרט דעם טאָל פון טייך, וואָס פאַזע אים איז ער ביז איצט געגאַנגען. פריער האָבן זיך אָפּגעצווייגט דריי נעבן=טאָלן, געבילדעט פון טייכלעך, וואָס פאַלן אַריין אין טייך פונם הויפּט=טאָל.

איז ער געגאַנגען מיטן ערשטן. ער האָט געשטייגט ניט זייער גיך, איז געווען פריינטלעך ערגעץ, די ווענט פון באַרג זיינען געווען באַדעקט מיט וואַלד ביז אויבן אַרויף. — ער איז געגאַנגען מיטן צווייטן, ער איז געווען זייער קורץ. האָט זיך געהויבן

משופעדיק און שווער און האָט זיך געענדיקט באַלד מיט אַ צירקוס־ענלעכן האַלב־עיגול פון ריזיקע, מאַוימדיק נאַקעטע, ווייס־לעך־ברוינע פעלזן־ ווענט. — ער איז געגאַנגען מיטן דריטן, ער איז געווען לייגגער און ברייטער ווי די איבעריקע. דער טייך, וואָס האָט אים געבילדעט, איז ניט גערונען אַזוי שטראָמיק, אָפּטמאָלם פלעגט ער איינגאַנצן פאַרשווינדן, פליסן אונטערערדיש, רבי גבריאל האָט אָנגעטראָפן אַף נידעריקע קוסטעס, אַף זומפּ־ערד. ווייטער אויבן איז געשטאַנען אַ פאַרלאָזענע, גאָר קליינע כאַלופּקע, קענטיק די לעצטע אין דער געגנט.

דער טאָג איז געווען אַ פאַרוואָלקנטער, ניט וואַרעם, אָבער שטיקנדיק. דער דיקלעכער מענטש האָט שווער געאָטעמט, האָט געשפּרייזט שווער און אָן אַ וועג.

הינטער דער כאַלופּקע איז, ווי אַף הידושים, דער טאָל געוואָרן ברייטער. אויסטערליש איז פלוצים געשטאַנען דאָ אַן אַהאָרן־בוים, עטלעכע, אַ גאַנץ וועלדל. די אַלטע בוימער זיינען געשטאַנען גרויס און זייער שטיל, עס איז קיין הויך ניט געגאַנגען, קיין בלאַט האָט זיך ניט גערירט. נאָר מטושטש האָט מען אַרויסגעזען דורך די בוימער די ריזיקע, ווייסע בערג־ווענט, וואָס האָבן ברייט און מעכטיק אַרומגענומען דעם טאָל, און זיי זיינען געווען אַזוי הויך, אַז דורך די בוימער האָט מען זייערע שפּיצן ניט געזען. דריקנדיק איז געלעגן די לופט. דאָס וועלדל פון די אַלטע, ערנסטע, גראָ־קאָלירטע בוימער צווישן די בערג איז געווען אַזוי ווי אַרויסגעכישופט פון דרומדיקן לאַנד, כמעט קערפּערלעך איז געלעגן די טיפע, קלעמענדיקע שטילקייט. דער גאַנצער אומבאַוועגלעכער טאָל איז געווען פאַרכישופט, מען איז אין אים געווען איינגעשלאָסן ווי אין עק וועלט.

דער רבי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן, שווער, מיד, אונטער־קרעכצנדיק, געבן אַ בוים. ער האָט אַרויסגענומען אַ בריוו פון זיסן, געשריבן מיט העברייאישע אותיות, אַ בריוו אָן ערנסטן, צוגעשמינקטן מיט אַ כמעט געקריינקטער פרומקייט. ער האָט זיך פאַרטיפט אין די אותיות, האָט זיי איינגעזויגן. האָט דערנאָך אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ צום שויס, אַרויסגערופן פאַר זיך דעם

פּנים פון יענעם מענטשן, וואָס האָט זיך געיאָגט נאָך זיין נשמה, פון יענעם מענטשן, וואָס מיט אים איז ער געווען פאַרבונדן. אים העלפן! ארויסהעלפן צו דער ליכטיקייט די פאַרשאָלטענע נשמה, אַזוי אַז די אייגענע, וואָס איז מיט יענער פאַרקייטלט, זאָל גרינגער אָפּעטעמען.

אָבער דער דאָזיקער טאָל איז ניט געווען דער עכטער אָרט צו פאַרטיפן זיך. אָך, דער דאָזיקער דרוק פון דער אומבאַוועגלעכער לופט! צי האָט סמאל, דער האַר פון דער סיטרא אחרא, אַהער געשיקט זיינע מעכטיקסטע רוחות, בכדי אים איינג צו מאַכן און אָפּצווענדן פון זיין טועכץ? ראַטעווע מיין נשמה פון שווערד און מיין לעבן פון הונטס ממשלה!

אומהיימלעך שטיף, ווי מתים, זיינען געשטאַנען די אויסטערלישע, אומגעריכטע בוימער. יאָ, יאָ, רוחות אומעטום, אָן געשטאַלט און אין מילע מיליאָסן געשטאַלטן, זיי רינגלען ארום דעם מענטשן און פירן אראָפּ פון וועג דעם וואָס שטרעבט צו א העכערער וועלט. איינגעצאַמט אין מיליאַנען זאַכן קומען אָפּ די נשמות פון די טויטע, איינגעשפּאַרט אין חיה און געוויקס און שטיין, איינגעקערפּערט אין דער זשוזשענדיקער בין איז די נשמה פון פלאַפּלער, וואָס האָט דאָס וואָרט גענוצט צוםן שלעכטן, אין דער ציטערנדיקער פלאַם דער בעל-תאווה, אין שטומען שטיין דער בעל-לשון-הרע און רכילותניק. דער אר״י הקדוש, וואָס האָט אַלע מענטשן אַריבערגעשטייגט מיט זיין קדושה, האָט געזען די נשמות, ווי זיי זיינען ארויסגעגאַנגען פון די גופים, אויך פון די לעבעדיקע, ווען זיי זיינען ערב-שבת בא נאַכט אַרופגעפלויגן אין גן עדן ארויף.

אָך, וואָלט ער געקאָנט זען די נשמה פון דעם דאָזיקן מענטשן! ריידן צו איר, ריידן מיט איר, העלפן איר. די נשמה פון יענעם מענטשן, וואָס יאָגט זיך ארום איבער דער ערד נאָר צוליב די תענוגים פון דער וועלט, זינקט אַריין נאָכן טויט אין וואַסער. אן רו כוואַליעט זי זיך אין וואַסער אַהין און אַהער, צעוואַלגערט, צעריבן, הונדערטפאכיק צעשטויבט אין איטלעכער רגע.

וואָלטן מענטשן געוואוסט פון דער דאָזיקער פּיין, וואָלטן זיי נישט אופגעהערט צו וויינען. מענטש, אומבארוטער, פאַרהאַוועטער, געטריבענער! באַטראַכט זיך! באַטראַכט זיך, מענטש!

עפּעס האָט אים גענומען קלעמען, דריקן, פאַרשטיקן דעם אָטעם. ער האָט געמוזט זיך אַרומקוקן. פון צווישן די בלעטער זיינען טויזנט אויגן געווען אויף אים. דעם קינדס אויגן, די ברוין־לעך־גאָלדענע, זיי האָבן פאַרפולט, יאָ, זיין האַרץ האָט ארויסגעשפּאַרט. נעמים אויגן. און זיי האָבן גערופן, געבעטן זיך רחמים מיט דרינגלעכער, האַרציקער, איבערגעשראָקענער בקשה: „העלף"!

„העלף"! האָבן זיי גערופן, אלץ דרינגלעכער, געפּרעסטער, רחמנותדיקער און האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט זיך געריבן דעם שטערן, אָפּגעווישט פון זיך די חלום־געשטאַלטן, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף צוריק, געקוקט צום הימל ארויף. דאָרט זיינען געווען שטיקער צעריסענע וואָלקנס, אויסטערליש אויסגעשטעלט. זיי זיינען געשטאַנען פאַרגליווערט און האָבן זיך נישט גערירט. פּלוצים האָט ער דערקענט: זיי האָבן געפורעמט אותיות, העברייאישע אותיות. וואָס האָבן באַדייט: „העלף!" האָט ער אָפּגעריסן דעם פּנים, האָט ער דערזען, אז די צווייגן פון בוים, וואס אונטער אים איז ער געזעסן, האָבן אויסגעפורמט די זעלביקע אותיות „העלף!" די ווארצלען דאָס נעמלעכע „העלף!" איז ער אופגעשפּרונגען, שווער אָטעמענדיק, פאַרשוויצט, מיט טרוקענעם גומען, די הויט פון רוקן דורכגענומען מיט ציטער; אין די איינגעווייט איז דאס ארופגעקראָכן, איינגעזאייגט ווי מיט רייפן די ברוסט. ער איז געגאַנגען צוריק. די רינעלעך אין די בערגוועגט, די שטרעמונג פון טייך, אַלץ האָט כסדר אויסגעפורעמט די זעלביקע אותיות, דער גאנצער שטומער טאָל איז געווען איין מויל. זיינע ווענט, שטיינער, וואסערן האָבן געבעטן זיך, באַשוואָרן אים, געשריען אין נויט און אימה: „העלף!"

האָט דער דיקלעכער מאַן אין זיינע שווערע בגדים האַסטיק זיך אין טאָל אראָפּגעלאָזט, געקייכט, געשטרויכלט, געפאלן,

וויטער געאײלט זיך, געקומען צו מענטשן, געיאגט זיך זײַן וועג צוריק, אף מױלאײזלען, פערד, אין וואגן. אין אַקן די ברוינלעך גאלדענע, דרינגלעכע, דערשראָקענע אויגן דעם קינדס, אין מוח איינגעפרעסט די יאָגנדיקע, באַשווערנדיקע, שרײַענדיקע אותיות: „העלף״ !

אין הירזאו, אין די שטילע, גראמע שטיבער פון ווייסנזיי, מיט די גרויסע פאַרהאַנגען, זיינען געזעסן מיטן בעל-הבית פון הויז דער הערצאָג, דער פלינקער געהיימראט שיץ מיט דער קרומער נאָז, דער בורטשענדיקער מאיאר פאָן ריידער מיט די גראָבע לאפעס, כמעט שטענדיק אין הענטשקעס. נאך זיינען אין דער לופט געהאנגען די קינדיש-פאַרחלומטע שטריכן פון מאגדאַלען סיבילעס פנים. נאך האָט דער פאָטער געזען דאס מיידל זיצן אין שטילן קרייז פון לאָמפ איבער איר בוך מיט קינדיש וויכטיקן פנים, פאַרטאָן אין זיך. געזען זי, ווי זי איז געווען פריער. די ברוינע, פוכיקע, מאנסבילש דרייסטע באקן, די בלאָע גרויסע אויגן, אין דעם אויסטערלישן ווידעראַנאַנד צו די טונקעלע האר. וויפיל ליכטיקייט, אַך, און וויפיל האָפנונג האָט ער געזויגן פון אָט דעם פנים! ווי טריב און פראָסטיק איז עס אויסגעלאָשן געוואָרן!

אין אָט דעם חדר, וואס איז נאך געווען פול מיט זיינע האפנונגען, מיט זיין ארבעט אפן פירוש צו דער ביבל און דעם מיידלס חלומות, האט איצט געזויפט און געגוואלדעוועט דער הערצאָג מיט זיין קאָמפאניע. קאַרל אלכסנדר האָט זיך געשפירט יונג, פריש, חזירש-גוט. דער גרינער ראָק איז געווען ברייט פאנאנדערגענומען, דאס לייבל צעשפילעט, דאָס בלאנדע, מיט גרא געשפריינקלטע האר פריי. עס איז געווען א פיינע המצאה, צו קומען אהער אף געיעג. אין שטוטגארט און לודוויגסבורג איז אלץ געגאנגען ווי מען דארף ניט בעסער, דער קאטוילישער פראיעקט האָט מארשירט מיט גרויסע שאנסן, דערצו דאס נייע מענטש אין דער אפערע, די אילאנקא וואס איז אויסגעצייכנט געפעלן; מען האט זי בעצם געמעגט מיטנעמען, אבער ניין, בעסער אזוי. בא טאג נאר ווינט אין פנים, אין אוונט וויין און גוטער, קרעפטיקער, מאנסבילשער שמועס. ניטא קיין ווייבער! ניטאָ קיין פאָליטיק! ניטאָ קיין פאַרלאַמענטאַרישע באַנדע! ווי איז מען דאָס יונג! מען שפירט טויזנט רוחות! גאָרנישט פון די פופציקער. ווי קען מען נאָך לאַבן און פון קיין זאך ניט האָבן קיין פאַרגעניגן, ווי נאָר פון ביסל וואלד און א גוטן שאָס.

נייפער איז געגאַנגען אַהין און אהער און האָט איינגעגאסן ווײַן. אין האַלב־טונקל, אויסער דעם ליכטיקן עיגול פון לאָמפּ, איז געזעסן שטום איינגעקאָרטשעט דער שוואַרץ־ברוינער. קאַרל אלכסנדר האָט געטרונקען א סך, אויסגעצויגן די פיס פאַר זיך, געלאַכט מיט געפּילדער איבער די גראָבע נבול־פּה־רייד פון רײַדער, די פיינע פון וויסנזיי, איבער די זייער חזירשע אנעקדאָטן, וואָס הער פאָן שיץ האָט זיי דערציילט ריידנדיק פירנעם אונטערן נאָז און אויסגעמישט מיט א סך פראַנצויזיש. דערציילט דערנאָך אַליין, געשיכטעס פון קריגס־לאַגער, אַוואַנטיורעס פון זיין וועגעציאַנער צייט.

מיט פאַרביסענער הנאה האָט וויסנזיי צוגעהערט זיך. אויב מען באקלערט זיך גוט, איז דאָך דער איד געווען שולדיק דערין, וואָס ער האָט געמוזט פאַראומרייניקן זיין ווייסע שטוב מיט אָט דער גראָבקייט און מיט דער טעמפּער באַלבעריי. יאָ, יאָ, ווען מען וויל עפּעס וויסן, ווען מען איז נייגעריק, מוז מען עפּעס צאָלן פאַר אַזאַ נייגעריקייט. אָבער לוינען וועט דאָס, עס וועט לוינען!

אז די הערן זיינען געגאַנגען שלאָפן, שווער פון ווײַן, האָט וויסנזיי געזאָגט צום הערצאָג, אַז אַף מאָרגן נאָכמיטאַק האָט ער צוגעגרייט א סורפּריז. דערפאַר גיט ער אונטערטעניקסט אַן עצה. מען זאָל מאָרגן זיך אויסשלאָפן, דערנאָך גוט אָפּעסן און דעמאָלט וועט ער זיין דורכלויכט אַוועקפירן אין וואַלד און באַווייזן דעם סורפּריז. „וויסנזיי!“ האָט דער הערצאָג געלאַכט. „אַלטער פוקס! עקסעלענץ! פרעזידענט! איך בין צופרידן מיט אים. ער וועט פאַר איטלעכן טאָג עפּעס נייס. ער איז זייער א נוציקער פרעלאַט“. און ער האָט אים א קלאַפּ געטאָן איבערן אקסל און האָט אַוועקגעהונקען אין זיין שלאָפצימער.

אַף מאָרגן האָט מען זיך אָנגעגעסן, ביז עס איז געגאַנגען אַ דאַמף, אָנגעטרונקען זיך מיט די אלטע ווײַנען פון געניטן וויסנזיי, ביז דער ריח האָט זיך געטראָגן פון ווייטן און מען איז אַוועקגעפאָרן. צוערשט איבערן גרויסן שליאַך, דערנאָך זיך אָפּגעקערט אף אַ זייטן־וועג. באַלד האָט מען דעם וואָגן געלאָזן

שטיין, אָוו מען איז אוועק צו פוס איבער אַ וואַלד=שטעג. ביז מען איז געבליבן שטיין פאַר אַ שטאַרקן זייער הויכן הילצערנעם פאַרקן. בוימער האָבן פאַרשטעלט דעם אויסקוק ווייטער.

זיינען אַזוי די מענער געשטאַנען פאַרן פאַרקן. עס האָט געבלאָזן דער הייסער דרום=ווינט. דער ווין האָט זיך נאָך ניט געהאַט באַ זיי אויסגעוועפּט. האָבן זיי געפּרייכט, געשוויצט, געהאַקט וויצן, הינטער דעם, הייסט דאָס, שטעקט דער סורפּריז; צי עס לוינט; צי ווייסנזיי וויל גאַרנישט אויסזאָגן. יענער האָט געבעטן, זיי זאָלן ניט זשאַלעווען קיין טרחה, האָט דער ערשטער גענומען קלעטערן איבערן פאַרקן, זיי נאָך אים סאָפּענדיק, מיט מי. זיינען ווייטער אַריינגעדרונגען, נייגעריק, פאַראינטערעסירט, אַמוזירט.

געקומען צו די בלומען=טעראַסעס, צום ווייסן קוב פון הויז. געשטאַנען, געחידושט זיך. מטושטשע פאָרשטעלונגען האָבן אופגעבליצט באַ קאַרל אַלכסנדר: ווענעציע, בעלגראַד. נאָר קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס אָנצוהייבן מיט אָט דעם ווייסן, אויסטערלישן בנין אין מיטן שוואַבישן וואַלד.

„דאָס הויז געהער דעם מכשף", האָט ווייסנזיי געזאָגט, „דעם פעטער פונם הער פינאַנס=דירעקטאָר." געפלעפּטע, נאַרישע פנימער, אויסגעשטעלטע אויגן. דעם הערצאָג איז פלוצים אופגעקומען אַ שלעכטער נאָכ=טעם פון ווין, ער האָט זיך פלוצים דערשפּירט שווערער, געפילט דעם הינקעדיקן פוס, דעם שלעכטן וועג דורכן וואַלד. מיט פאַרשלייערטער באַנומענקייט האָט ער געקוקט אפן הויז, אין אַן אומבאַשטימטן געפיל, גלייך פון דאָרט וואָלטן אף אים אַרויסגעקוקט שטיינערנע, טריב=גראָע אויגן. „דעם מכשף? אזוי?" האָט ער געזאָגט מיט אַ הייזעריקער, באַלייגטער שטים. „יאָ, דאָס איז טאַקע אַ סורפּריז".

„דאָס איז נאָך ניט אַלץ", האָט ווייסנזיי געשמייכלט מיט פיינעם, ברייט צעצויגענעם, געניסערישן מויל, „באַפעלן אייער דורכלויכט, מיר זאָלן נעענטער צוגיין?"

האָט קאַרל אַלכסנדר זיך אופגעכאַפּט, אויסגעהוסט זיך. „דער אַלטער קומט מיר סיי ווי סיי נאָך אַן ענטפער", האָט

ער געפֿילדערט. „לאָמיר דעם נאַכט־פֿויגל אופֿשרעקן פֿון זיין נעסט".

זיינען די הערן צוגעגאַנגען נעענטער, אָנגעקלאַפּט, און היות ווי קיינער האָט זיך ניט גערירט, זיינען זיי אריין אינעווייניק. דער אַלטער, קרייַנקלעכער דינער איז זיי געקומען אנטקעגן: „וואָס זוכן זיי?" — זיין בעל הבית. — „ער איז ניטאָ." און בכלל ער נעמט קיינעם ניט צו. האָט ער נאָך מוסיף געווען ברוגז. "וועלן זיי אַ ביסל אָנקוקן די שטוב" האט געזאָגט וויסנזיי. וואָס פֿאַלט זיי איין, האָט זיך געבייזערט דער דינער. זאָלן זיי זיך אָפּטראָגן דאָ האָט קיינער ניט וואס צו זוכן.

„מויל האַלטן!" דאָט זיך צעשריען דער דערצאָרנטער מאַיאָר ריידער. נאָר דער אַלטער האָט איבערגעחזרט שרייענדיק פֿארעקשנט: „קיינער האָט דאָ ניט וואָס צו זוכן. קיינער האָט דאָ ניט וואס צו שאפֿן, נאָר מיין בעל הבית".

„און דער הערצאָג פֿון ווירטעמבערג", האָט געזאָגט קאַרל אלכסנדר. און פֿאַרבײַ דעם פֿאַרשטיינערטן דינער זיינען די הערן אַריין אין צימער. האָבן באַטראַכט שרעקעדיק און שפּאָטיש די גראָבע ספֿרים, די צייכנונגען פֿון דעם קבלה־בוים, פֿון הימלישן מענטשן, די אויסטערלישע אופֿשריפֿטן. האָבן געמאַכט איראַנישע באַמערקונגען איבער די כישופֿדיקע מאַכערייקעס. פֿונדעסטוועגן האָט דער אומהיימלעכער חדר פֿאַרשטיקט זייער געוויינטלעכן לאַרעם און געמאַכט זיי אַ ביסל שטילער און איינגעהאַלטענער.

„צום טייוול נאָך אַמאָל!" האָט פּלוצים קאַרל אלכסנדר אויסגעשריען, „מיר זיינען דאָך ניט אין קירך. ווייַן אהער נייפֿער! אויב דער אַלטער איז ניטאָ אינדערהיים, לאָמיר פּרוּוון, צי מיר קאָנען ניט אַהער כישופֿן זיינע רוחות צו אונזער טיש דורך אַ גוטער גלאָז ווייַן!

„צי זאָלן מיר ניט צוערשט אָנקוקן זיך די איבעריקע חדרים?" האָט געבעטן וויסנזיי. „אפֿשר וועלן מיר נאָך עפּעס אויסשמעקן!" און זיין דינע לאַנגע נאָז האָט גענישטערט. און די פּקחותדיקע, אומרואיקע אויגן זיינען געגאַנגען אין אַלע ווינקלען.

בעה נייפער האָט צעשטעלט דעם ווײַן, האָט מען באַקוקט די איבעריקע עטלעכע חדרים. פאַר איין טיר איז געשטאַנען יאַנטיע, די דיקע, פּלווידערדיקע דינסטמיידל, זי האָט געפּרואווט אָפּצוהאַלטן די הערן. אָבער זיי האָבן זי אָפּגעשטופּט אָן א זייט און האָבן זיך אַרײַנגערוקט אין צימער. אין ווייטסטן ווינקל איז געזעסן, פול מיט שרעק, די אויגן ברייט געעפנט, צאָרנדיק אָפּשטופנדיק, דאָס מיידל אָנגעטאָן אין מזרחדיקע מלבושים. פאַר דער ליבלעכקייט פון מאַט־ווייסן פּנים, פון די בלאָ־שוואַרצע האָר, פון די רײַדנדיקע, אָנגעפילטע אויגן האָבן די הערן זיך אָפּגערוקט אַף אַהינטער. „כאַפּט דיך דער שוואַרצער!" האָט דער הערצאָג זיך אויסגעשאָלטן אינדערשטיל. „אָט אַזוי וואָס האַלט זיך מײַן איד! אַזוי וואָס באַהאַלט ער אוים פאַר מיר, דער זשוליק! וואָלט אַליין וועלן הנאה האָבן פון געבראַטנס!"

נאָך אַלץ איז געווען א פאָר טריט אָפּשטאַנד צווישן מיידל און די הערן. אַ שווײַגן איז געלעגן. נעמי איז אויפגעשפּרונגען, אַנידערגעשטעלט זיך הינטער איר שטול, פאַרוקט זיך גאָר אין ווינקל. די מענער, אײַנגעהאַלטן דורך דעם אויסטערלישן בילד, זײַנען געבליבן בײַ דער טיר פאַרגאַפט.

אין דער שטומקייט אַרײַן האָט געזאָגט העפלעך די גע־לײַנקיקע שטים פונם קאָסיסטאָריאַל־פּרעזידענט: „די דעמואזעל איז אַ טאָכטער פונם הער פינאַנס־דירעקטאָר". און אז די הערן זײַ־נען געבליבן געפּלעפט, מיט אָפענע מײַלער, האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ שמייכעלע: „יאָ, דאָס איז מײַן סורפּריז".

„צו אַלדי טײַוואָלים!" האָט דער מאַיאָר רײַדער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, בורטשענדיק; מער איז אים קיין זאַך ניט אײַנגעפאַלן. נאָר דער הערצאָג, געקומען צו זיך פון זײַן איבערא־שונג, איז אין התלהבות. פרעסנדיק זי מיט זײַנע גרויסע בלאָע אויגן, זיך צעגאַנגען אין התפעלותדיקע, מאַדישע בילדער: „א מייסטער שטיק דאָס מיידל! א קאָפּ ווי פון א עבן־האָלץ און העלפאַנט־בײן. ווי אַ פאַנטאַזיע־מעשה פון מזרח־לאַנד". געשיקט איז דער געהיימראַט שיץ אַרײַנגעפאַלן: „דער פינאַנס־דירעקטאָר איז אַ

זשעני; אָבער דער פּראָדוקט פון זיינע לענדן איז פּאַרט בעסער, ווי אַלץ, וואָס זיין מוח טוט געבוירן."

וויסנזיי האָט געשוויגן, און ער דער פיינער מבין, וואָלט דאָך געקאָנט דעם הערצאָג צוליב לויבן די מעלות פון מיידל בעסער ווי יענער אַליין צוזאַמען מיטן טרוקענעם שיץ און מיטן אומגעלומפּערטן ריידערן, וואָס האָט קיין אַנדער קאָמפּלימענט ניט געפונען, ווי דעם כריפּענדיקן „צו אַלדי טייוואָלים!". נאָר וויסנזיי איז געשטאַנען שטום. ער האָט נאָר געקוקט אַפן מיידל, באַקוקט זי פון אויבן ביז אַראָפּ, אַ טיפערן שמייכל אַף זיינע געניסערישע ליפּן. יאָ, יאָ, מיין הער געהיימער פינאַנסראַט, אודאי אַזוי, אַט די אָ איז געווים אַן אבן טוב און טאַקע זייער ווערט צו ווערן אָפּגעהיט! אַכטער וועלט=וואונדער! העברייאישע ווענוס! אויגן האָט זי ווי פון אַלטן בונד אַרויס! און זעט ניט אויס ווי זי וואָלט געוועזן נאָר גלוסטיק אָנצוקוקן. צו מאַגדאַלען סיבילע זיינען געקומען די אַפּאָסטעלן און האָבן מיט איר גערעדט. צו דער דאָזיקער קומען אפשר די נביאים. איר זייט געוועזן דורכגעטריבענער פאַר מיר, הער פינאַנס=דירעקטאָר; אָבער דאָך ניט דורכגעטריבן גענוג. איר האָט זי באַדאַרפט היטן נאָך ווייטער און נאָך פאַרבאָרגענער. אָט נאָט אייך! איצט וועלן מיר זען, וואָס פאַר אַ טשיקאַווע פּנים איר וועט אָנשטעלן.

בינתים האָבן די אַנדערע געהאַלטן דאָס מיידל אין רימען. אַפילו הער פאָן ריידער האָט געפונען נאָך ווערטער און האָט געזאָגט: „ווער וואָלט דאָס געקאָנט קלערן, אַז דער אַלטער פוקס האָט אַזאַ יונגס?" אָבער נעמי איז געשטאַנען אין ווינקל, דעם גאַנצן גוף אָנגעשפּאַנט אין שרעק און אָפּשטוים, האָט געקוקט אַף די מענער. „ווי הייסט זי דען, דעמואזעל?" האָט געפרעגט דער הערצאָג. און אַז זי האָט ניט געענטפערט: „שולמית? שולמית? זאָלן מיר עמיצנס קאָפּ פאַר אירע פּים אַנידערלייגן?"

אָבער נעמי האָט ווייטער געשוויגן, קאָרטשענדיק זיך אין כמעט קערפּערלעכן ווייטאָק פאַר עקל און שרעק. „פון פאָטער האָט זי זי ניט, די דאָזיקע שרעקעדיקייט", האָט קאָנסטאַטירט הער

פאָן שיין. אָבער דער מאָל פאָן ריידער איז אָנגעפאַלן גראָב און אומגעדולדיק אויפן קינד: „גיב ענטפער, אידישע חצופה, ווען דיין הערצאָג פרעגט".

„האַלט ס'מויל, ריידער!" האָט געזאָגט קאַרל אלכסנדר. און צו דער איבערשראָקענער, וואָס האָט זיך געשפאַרט אין ווינקעלע, פריינטלעך ווי צו אַ קינד: „איך טו דיר גאָרנישט, איך פרעס דיך ניט. ציקעלע איבערגעשראָקנס! מימאָזע! זאָל זי ניט זיין אַזוי דעליקאַטנע!"

דערוויל האָט זיך געהאַט אריינגערוקט דאָס שטוב־מיידל יאַנטיע נעבן מיידל, דיק און גוטמוטיק איז זי געשטאַנען, אין הוילער שרעק און אומבאַהאָלפנקייט. „איך בין טאַקע דיין מאַנאַרך, דיינער און דיין פאָטערס וואוילגעניגטער הערצאָג און האַר. און איצט זאָג שוין אַמאָל, ווי דו הייסט?"

„די דעמוזעל הייסט נעמי", האָט געזאָגט אַנשטאָט איר דאָס שטוב־מיידל. „וויסן מיר דאָס שוין, הייסט דאָס", האָט רײַ־דער אַרויסגעברוקעט באַפרידיקט. „נעמי, אַ קאָמישער נאָמען!" און האָט אַרויסגעפאָרשקעט. אָבער דער הערצאָג האָט באַפוילן: „זאָל זי אַהער קומען, נעמי! זאָל זי אַ קוש טאָן איר לאַנדס־פאָטער אין האַנט!" האָט דאָס שטוב־מיידל איינגעטענעט מיטן קינד, דאָס זאַנפט אַ שטופּ געטאָן פאָרויס. פּאַוואָליע, די אויגן צו דער ערד, און ווי געצווינגן איז זי געגאַנגען, און מיט זשעדנע בליקן, פרײַלעך געשפּאַנט, האָט וויסנזיי צוגעקוקט.

זיי זיינען אַרײַנגעגאַנגען אין שטודיר־צימער טרינקען, האָבן געצוואונגען דאָס קינד מיטצוהאַלטן. אַף די ווענט האָט געבליט דער קבלה־בוים, עס האָבן זיך געקײַטלט קאַנטיקע אותיות און געפלאָנטערטע צייכנס, עס האָט פאַרשטאַרט אַרויסגעקוקט דער הימל־מענטש. דאָס קינד האָט קוים מיט די ליפּן אָנגערירט דעם וויין. נאָר מער האָט מען זי ניט געקאָנט איינהאַלטן. זי איז אַנטלאָפן און האָט זיך איינגעשלאָסן אין איר צי־מער, פול אימה און ציטערנדיק מיטן גאַנצן לײַב און אײַז־קאַלט.

אין דעם שטודיר־צימער אָבער צווישן די טרינקנדיקע, האָט הער פאָן שיין, וויַזנדיק אַף די קבלה־בילדער, קאָנסטאַטירט:

Free Public Library, Newark, N.J.

„צוערשט האָט דאָ געשמעקט מיט אידן־שול און מיט צווינטער. איצט שמעקט דאָ מיט פּאַריז און מיט פּאַרפומעס און מיט מערקיר גאַלאַן, און גאָר די שדים־לופט איז פאַרפלויגן. מערקווירדיק, ווי אַזוי אַ ביסל פּריש ווייבער־פליייש איז מבטל דעם גאַנצן פּרעסטיזש פון געלערנטסטן מכשף".

מען האָט זיך געלאָזן אין וועג. ריידער און שיך אַפּריער. דערנאָך דער הערצאָג מיט ווייסנזיי, צולעצט נייפער. דער שווערער הערצאָג האָט זיך מעשה גוט־פריינט אָנגעשפּאַרט אַפן פיינעם, שלאַנקען ווייסנזיי. „דאָס האָט ער קונציק אָפּגעטאָן". האָט ער געקוואָלן, „אָט ווילן מיר נאָך לאַנג האָבן אונזער פּלעזיר. אַזאַ פאַרבאַהאַלטענער, שטילער וואָרים, מיין איד. נו מיר וועלן אים שוין ציען פאַר דער נאָז, אַז ער וועט ווערן רויט און בלאַס".

דאָס איז אָבער ניט געווען ווייסנזיים מיין, איצט אוועקגיין און מיט דעם אידן דערנאָך אַ ביסל זיך רייצן, וואָס איז דאָ געווען דער מער? צוליב דעם איז די גאַנצע טרחה ניט געווען כדאי. באַם איד איז דער מוח ניט אויסגעדאַרט, דער איד האָט געוואוסט, וואָס דאָס קינד איז פאַר אים. ער וועט זי אַרויסשיקן קיין אויסלאַנד, וויט פון דאַנען, בכל אופן וועט ער זי ניט בריינגען צום הויף, ווי ער ווייסנזיי. דער איד איז אַ געריבענער יונג; און אויב אפילו אים וואָלט זיך פאַרגענולט, האָט דער איד דעם מקובל, וואָס האַלט אים. גייט אָבער דער הערצאָג איצט אַוועק, וועט מען שוין אים אַ צווייט מאָל קיין הירזאָו ניט בריינגען. דעמאָלט וואָלט ווייזנזיים גרויסע, פּרעסנדיקע נייגעריקייט געבליבן אַף אייביק ניט געשטילט.

דער קירכן־ראַט־דירעקטאָר האָט געזען פאַר זיך דאָס קינד, איינגעשפּאַרט אין ווינקל, די גרויסע אויגן אין מאַט־ווייסן פּנים דערשראָקן, פול מיט עקל, און אַ גלעטנדיק, צערטלעך געפיל האָט אים אַרומגענומען, אָבער דאָס דאָזיקע געפיל איז צעפלויגן און צעשטויבט געוואָרן אין דער ווילדער, פאַרצוקנדיקער נייגעריקייט, וואָס האָט אים אָנגעפילט אינגאַנצן, וואָס איז זיס קלעמענ־

דיק געקראָכן בֿאַ אים אַרוף אין די אינגעווייט, וואס האָט אים דעם אָטעם פֿאַרוואָרגן.

ער האָט פֿאַרהאַלטן דעם גאַנג, געבעטן דעם הערצאָג, ער זאָל זיך צו פֿיל ניט אנשטרייגנגען, געראָטן, א ווײַלע זיך אויסצורוען. נײַפֿער האָט נאָך געהאַט ווײַן, ווײַסנזײ האָט אונטערגעטראָגן דעם הערצאָג. יענער האָט געטרונקען. ווײַסנזײ האָט אלץ כסדר ווידער געווענדט דעם שמועס אפֿן מיידל; מיט זײַן העפֿלעכער, בֿויגעוודיקער שטים האָט ער אין האַלבֿע ווערטער, מעשה גרויסער מבֿין, געריממט אירע מעלות, ווי יונג זי איז, און פֿאָרט צײַטיק. אין דער צײַט זײַנען די אידישע מיידלעך שיין און איינציק אין דער וועלט, שטייגן אַריבֿער אַלע פֿרויען, קילער פֿייער ווי דרומדיקער ווײַן. אָבֿער די בלי-צײַט געדויערט ניט לאַנג, שפּעטער פֿאַרוועלקן זיי אוי, זײַנען מיאוס ביז עקל. אַזוי מוז מען זיי נעמען, אַזוי, שרעקעוודיק און הײס, ווי די אָ; דער וואָס וועט בֿאַ דער דאָזיקער אָפּטרינקען דעם שוים, דער האָט גענאָסן אַ זעלטן גליק און דאָס וועט אים בלײַבֿן גאָר זײַן לעבֿן.

אַזוי האָט ער אַרײַנגעטריפט סם אין דעם הערצאָג. קאַרל אַלכסנדר האָט געטרונקען, געשפּירט ווי זײַן בלוט כוואַליעט זיך, שטייגט, פֿאַלט. דער אָוונט איז געקומען, דער דרום-ווינט האָט געטראָגן אין וואַרימע שטויסן, אין די בוימער האָט זיך גענעפּלט דעם מיידלס בילד, אירע ווייכע, שרעקעוודיקע פֿאָרמען. ער האָט שטיל געסאַפּעט מיט דער נאָז. „אַזוי האָבֿן געקאָנט אויסזען די ווײַבער", האָט ווײַסנזײ, ווי פֿאַר זיך געצויגן זײַנע חלומות, און זיי האָבֿן געצילעוועט אין הערצאָג, „די ווײַבער וואָס דער קעניג שלמה האָט זיך געהאַלטן. אַזוי זײַנען געווען די מלכים פֿון אלטן בונד. דעם הערן פֿינאַנס-דירעקטאָרס בונד". און ער האָט געלאַכט אַ קליין, שטיל געלעכטער.

פֿלוצים איז קאַרל אלכסנדר אופֿגעשטאַנען, האָט אָפּגעטרייסלט די וואַלד-ריטעלעך און פֿאַרטריקנטע בלעטער פֿון זײַן ראָק, האָט געזאָגט, מיט געפּרעסטער שטים, צו ווײַסנזײ, אַז ער וויל נאָך א ווײַלע גיין אַליין שפּאַצירן אין וואַלד. זאָל ווײַסנזײ אים אנטשולדיקן בֿאַ די אַנדערע הערן. זאָלן זיי אַף אים ניט וואַרטן,

זאָלן זיי זיך אומקערן אַהיים, צוריקשיקן אים דעם וואָגן; נייפּער באַהאַלט ער דאָ. דער קאָנסיסטאָריאַל־פּרעזידענט האָט זיך פאַרניגט און איז אוועק. ערשט ווען ער איז געווען אַליין, האָט ער אָפּגעאָטעמט, אויסגעשפּרייט די אָרעמס, פאַרצויגן זיין באַוועגלעך פּנים צו אַ גרימאַסע, אַרויסגעלאָזן מאָדנע, פאָרשקענדיקע, קוואַטשענדיקע קלאַנגען.

דערווייל איז קאַרל אלכסנדר געגאַנגען האַסטיק, ווי ווייט דער הינקעדיקער פוס האָט אים דאָס געלאָזט, צוריק דורך דעם וואַלד, באַגלייט פון קאַמערדינער. עס איז געפאַלן דער אָוונט. אַז ער איז געקומען צום הויז מיט די טעראַסעס, איז שוין געווען גאָר פינסטער, פליקערוויז, שוואַרצלעך, זיינען געצויגן גיכע וואָלקנס, קיין לבנה איז ניט געווען, אין שטאַרקע, וואַרימע שטויסן האָט אים דער ווינט אַוועקגעריסן דעם אָטעם. די וואוילע אוואַנטיורע! יונג איז מען, יונג! מען קלעטערט איבער די פאַרקאַנעס, גנבעט זיך באַנאַכט דורכן וואַלד. אַי, ווי גוט, בעסער ווי אַרומקריגן זיך מיט דער לוויזיקער פאַרלאַמענטס־כאַליאַסטרע איבער פּאַראַגראַפן. וואָלט מען נאָך געהאַט די מאַסקע אפן פּנים, וואָלט מען זיך געפילט אזוי יונג ווי אין ווענעדיק.

האָט דאָ קיין הונט ניט געבילן? אפשר האָט דער מכשף אַרומגעצויגן כישוף־קרייזן, באַכשופט דעם שוועל, אַז ווער עס טרעט אים אַריבער זאָל זיך ניט קענען רירן.

ער האָט געהייסן נייפערן בלייבן פון הינטן, האָט אַליין גענומען דרייען זיך אַרום הויז, אויסצוקוקן. ער האָט זיך באַלד געהאַט אָנגעמערקט דעם פשוטן פּלאַן פון הויז. דאָרט איז געווען דעם מיידלס צימער, עס איז געווען פינסטער. וואו דאָס ליכט האָט געברענט, דאָס איז געווען דער חדר מיט די כשוף־צייכנונגען. זאָל זי דאָרט — ? אף דעם שפּאַלער איז געווען גרינג אַרופצוקלעטערן. ער וועט א קוק טאָן.

גרינג אָכצענדיק איז ער אַריינגעקלעטערט אין פענסטער. יאָ, דאָרט זיצט זי. די הענט אָפּגעלאָזט, אינגאַנצן שטיל, מיט אירע גרויסע, דערשראָקענע, פאַרלאָרענע אויגן. פּס ! האָט

ער זי אָנגערופן שעפּטשענדיק, שמייכלענדיק, פינטלענדיק, מיט אַ ווּאונק.

זי האָט זיך אַ כאַפּ אויף געטאָן, דערזען דעם רויטן מאַסיקן פּנים, די בלאָע, תאוהדיק אַרויסגעשטאַרצטע אויגן. האָט פאַר־קראַמפּט זיך אַ טרייסל געטאָן מיטן קערפּער אַף צוריק, אויסגע־שטעלט מיט אימה די אויגן אַפן סאָפּענדיקן, ער האָט געלאַכט: „איך האָב זי איבערגעשראָקן? נאַריש קינד! זאָל זי קיין מורא ניט האָבן!" ער איז אַרייַנגעשפּרונגען אין צימער, איז צו איר צוגעגאַנגען סאָפּענדיק, שוויצנדיק: „אָט זעט זי, סאַראַ קלעטערער עס איז איר לאַנדס־פּאָטער". זי, אין לעצטן אויגנבליק, איז אַוועקגעפלויגן אין ווייטסטן ווינקל פון חדר. עפּעס געמורמלט אַ תפילה אָן ווערטער, זיך אינגאַנצן צונויפגעקאָרטשעט. ער נאָך איר, איינגעטענעט אין איר, באַרואיקט זי ווי אַ קליין קינד; אָבער זיין מאוימדיקע פּרייַנטלעכקייט האָט זי געמאַכט נאָך מער שוידערן. די אויגן ווי געפּראָרענע אָזערעס, די ליפּן ווייס. האָט זי אַף אים אָנגעשטעלט די אויגן, ביז ער איז געוואָרן אומגע־דולדיק, זי ווילד־חוהש אַ ריס געטאָן צו זיך, מיט קושן זיך אַרופּ־געוואָרפן אַף דער אייז־קאַלטער, געזוכט איר ברוסט. פון אונטער די הענט האָט זי זיך אים אַרויסגעגליטשט האָט מיט קליינער, פאַרשטיקטער קינדערשער שטים גערופן דעם פעטער, האָט זיך אַרויסגעריסן, צו צו דער טיר, ווי אַ ווינט אַרוף איבער טרעפּ. די טרעפּ האָבן געפירט צום דאַך אַרוף.

אָנגעקומען אויבן, האָט זי שטאַרק, האַסטיק איינגעאָטעמט די נאַכטיקע ווארימע לופט. דער וואַרימער פייכ: ער ווינט האָט זי גענומען אין זיינע אָרעמס, האָט זי געטריבן פאַרויס. זי האָט זיך איינגעהאָרכט אַף אַהינטער, עס איז געבליבן שטיל. זי האט אויסגעשפּרייט די אַרעמס, האָט זיך געשפּירט פרייַ, דער פעטער האָט געהאָלפן, איצט האָט דער פייכטער, מחיהדיקער ווינט אַוועקגעוויַיט פון איר דעם ריח און דעם אָטעם פון דער חיה רעה. זי האָט געטראָטן, כמעט טאַנצנדיק, אַפן ראַנד פונם שטאַרק פּלאַכן דאַך. צי זיינען ניט געקומען שטימען פון וואלד?

די טיפע, סאמעטיק־לאשטשענדיקע דעם פאָטערס און די ברומענדיקע, ברוגזע און פארט, אָך, ווי געשמאקע שטים דעם פעטערס. און זי האָט אריינגעשמייכלט אין דער נאכט.

אָט האָבן זיך דערהערט שווערע טריט, עמיצער האָט געקלעטערט ארויף סאָפּענדיק, שילטנדיק. די חיה רעה, אָבער איצט איז שוין קיין מורא ניט געווען. עס האָט א ווײ געטאָן פון וואַלד אַהער, א וואָגן באשפאנט מיט לופטיקע פערד, געבליבן שטיין באַם דאַך. שמייכלענדיק, מיט שוועבנדיק טראט איז זי אריין אין וואָגן.

קאַרל אלכסנדר, אָנגעקומען אויבן, האָט גארנישט געזען. זי איז דאָך ארופגעפלויגן אף די טרעפ. פון דאַנען איז דאָך קיין אַנדער אויסגאַנג ניט געווען. צי האָט זי, טויט און טייוול! זיך אויסגעלערנט די מכשפהשע קונצן דעם אַלטנס, האָט זיך געמאַכט פאַרן נאַכט־פויגל דאָרט, צי זי שווימט דאָרט ווי די שווארצע וואָלקן־לאַטע און לאַכט זיך איצט אויס פון אים? פאַרשאָלטן, קליין מענטש! ער איז געשטאַנען אָפגענאַרט און גרימצאָרנדיק, א שטאַרקער ווינט האָט געבלאָזן, געריסן אים אַף צוריק דעם ראָק, די שוויס־קלעפנדיקע האָר. א שוטה איז ער געווען! געדאַרפט נאָך אונטן נעמען די קאַנאַליע, די אידישע, א וואַרף טאָן זי אַפן טיש, ניט געקוקט אָף די אַלע אָנשטעלן. ער איז דער בעל־הבית צי ניין, צו אַלדי טייוואָלים? איצט איז אים די נאַכט געפטרט. און יענע אין הירזאַו האָבן רעכט, ווען זיי וועלן אים אויסלאַכן.

ברוגז האָט ער זיך אראָפגעטאַפּט די טרעפּ אַראָפּ. דער פוס האָט אים ווײ געטאָן און ער איז געווען מיד ווי אַ הונט. מיט מי און מאַטערניש האָט ער זיך דורכן פענסטער אַרויסגעקאַראַפּקעט אין דרויסן. האָט ער מיט אַ מאָל דערהערט שעפּטשענדיק, דערשראָקן און אופגערעגט הייזעריק די שטים פון קאַמערדינער: „אין די בלומען ליגט זי!“ ער האָט געמיינט, זי האָט זיך דאָרט געהאַט באַהאַלטן, האָט ער זיך צעלאַכט: „דער שאָלטיק!“ און גענומען איילן זיך הינקענדיק דורך דער אומזיכערער גראָערשיין פון דער נאַכט אין יענער ריכטונג, וואָס נייפער האָט געוויזן.

יאָ, אָט ליגט זי צווישן די בלומען. די בלומען שאָקלען זיך שטאַרק אין ווינט אַהין און אַהער, באַוועגן טויזנט אָרעמס, זי אָבער ליגט אין גאַנצן אָן באַוועגונג. האָט ער זי גערופן שפּילנדיק: „שאָלטיק! ווי ביסטו דאָ אַרויסגעקומען?" היות ווי זי האָט ניט געענטפערט, האָט ער זי באַזאַכט אָנגענומען פאַר דער האַנט. צוריקגעבויגן איר דעם קאָפּ, האָט האַסטיק, דערשראָקן זי אַרומגעטאַפּט. דערקאָנט, אַז זי איז טויט. נישט פאַרשטאַנען.

וואָלקן־שמאַטעס האָבן זיך געיאָגט. שמאַרק־פאַרביק האָט זיך געקרימט די יונגע לבֿנה, נאָר שוואַך געשיינט. דער דינער איז געשטאַנען אָן א זייט. דערשראָקן. דער הערצאָג פון ווירמעמבערג אָבער איז געשטאַנען אף די קני פאַרן טויטן גוף פון יונגען אידישן מיידל, אין הייסן דרום־ווינט. צווישן בלומען. פאַרקלעמט און אומבאַהאָלפן, אַן אָרימער. קליינער מענטש אין ווינט און נאַכט.

וואָס איז דאָ בעצם געשען? צי איז זי אומגערן אַראָפּגעפאַלן? האָט זי דאָס געטאָן אומישנע? אַלץ איינס, ער איז שוין געווען פאַרקניפּט מיט אָט דער טויטער. ער איז שולדיק אין איר טויט.

טאַ! ער האָט אַ ביסל געטריבן קאַטאַוועס. ווער איז דאָס געווען מחויב צו וויסן, אַז די בתולה איז אַזאַ דיליקאַטנע. ער האָט אַנדערע אין דעם עלטער גאָר אַנדערש גענומען; און וואָסערע! טעכטער פון העכסטן שוואָבישן אַדל! האָט אָט די אידישע מיידל ניט באַדאַרפט מאַכן אַזעלכע אָנשטעלן. עס טרעפט, אַז קינדער, ווען מען זאָגט זיי נאָר א קרום וואָרט, גייען אין וואַסער, טוען זיך אָן א מעשה. דאָס טרעפט. דאָס זיינען משוגעים, די געהערן ניט אַריין אין לעבן. איז דער, וואָס האָט אפשר געבראַכט דערצו, ניט שולדיק.

פונדעסטוועגן האָט ער ניט געקאָנט פּטור ווערן פון קלעמענדיקן, פּרעסנדיקן געפיל. דער איד האָט זי געהאַט באַהאַלטן, אַזוי טיף און אַזוי פאַרבאָרגן באַהאַלטן, און איצט ליגט זי פאַרט און איז פאַרגליווערט און שטייף און דער איד האָט זי מיט גאַר זיין דורכגעטריבנקייט ניט געקאָנט אָפּהיטן. עס גיט אף איינעם אַ בלאָז, ווער ווייס פון וואַנען, און מען איז אויסגעלאָשן. מאָדנע

איז דאָס און שטאַרק פאַרפלאָנטערט. אָט אקאָרשט איז זי גע־ וען אין ליכטיקייט און די אויגן האָבן געברענט פון לעבן און איצט ליגט זי דאָ אין דער נאַכט און קיין וואַרימער ווינט קאָן איר ניט העלפן קעגן קאַלט ווערן.

דער וואלד איז געלעגן שוואַרץ, פיינטלעך און פול סודות. שטימען זיינען פון אים געקומען, פאַרטומלענדיק, חוזקדיק. דעם מענטש אין דרום־ווינט האָט אָנגעכאַפּט א שוידער. מעשהלעך פון קינדער־יאָרן זיינען אופגעשטאַנען אין געפיל, האָבן געבלאָזן אף אים, פאַרשטעלונגען פון א פאַרכישופטן וואַלד, פול מיט פאַרשאָלטענע רוחות. עס האָט געצופּט באַם אַקן, באַ די האָר, לאַנגע, שדישע אָרעמס האָבן זיך געצויגן. און פלוצים איז ער שוין ווידער געגאַנגען יענעם שטומען, שאָטנדיקן טאַנץ: דער מקובל פון פאָרנט האָט אים געהאַלטן פאַר דער רעכטער האַנט, זיס פון הינטן פאַר דער לינקער האַנט. צי טאַנצט דאָ ניט אויך דאָס מיידל אין קאַרעהאָד? און ער האָט געהערט די ברומענדיקע, ברוגזע שטים דעם מקובלס. ער האָט געהערט רייטלעך איטלעכן קלאַנג, האָט זיך אָנגעשטריינגט צו פאַרשטיין; אָבער ער האָט ניט פאַרשטאַנען. דאָס האָט אים געפייניקט. און אַלץ איז געווען אזוי טריב, פאַרנעפּלט, אָן קאָליר.

מיט א ברומענדיקן, בייזן קלאַנג האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון דער געבונדנקייט. ער איז געווען מיד ווי א הונט, ער וועט איצט שלאָפן, דאָ איז געלעגן א טויטע אין ווינט. נו יאָ, ער האָט שוין געזען א סך טויטע; ווען ער פלעגט באַפעלן אַן אַטאַקע און דערנאָך זיינען די טויטע געלעגן ארום, איז ער אויך געווען סוף כל סוף דער שולדיקער. דאָס איז געווען משוגעת און העכער פון מוח צו קלערן מכה דעם. וואָס בינדט ער דא אָן מער געדאַנקען אָן דעם טויטן אידישן מיידל ווי אן טויזנט בראווע קריסטלעכע אָפיצערן און סאָלדאַטן, וואָס זיינען געשטאָרבן אַרום אים און דורך אים? דערפאַר איז ער דאָך געווען דער הערצאָג. דאָס האָט גאָט אזוי איינגעשטעלט, אז וואו ער שטייט און גייט, זאָל אָדער לעבן בליען אָדער טויט פאַלן.

ער וועט הייסט דאָס, איצט גיין שלאָפן. און דאָס מיידל? זאָל זי דאָ ליגן? אמת, איר קאָן שוין מער ניט שאָדן ניט קיין ווינט ניט קיין רעגן. אז ער גייט איצט אַוועק, איז דער עסק אויס, פאַרטיק, חסל. די הויז־דינערס וועלן מאָרגן געפינען דאָס מיידל, געבן צו וויסן דעם זיס. יענער וועט זיך צעבּרעכן דעם קאָפּ, פאַר וואָס איז זי טויט און ווי אזוי. אָבער מסתמא וועט ער ווייטער ניט נישטערן. ער וועט זיך היטן. ער וועט דאָס מיידל שטילערהייט באַגראָבן און האַלטן מויל וועט ער. און די וואָס זיינען מיט אים געווען, ווייסנזיי און די אַנדערע, דאָס נעמלעכע. אויס וועט זיין די געשיכטע, טויט און שטום און באַגראָבן, און געענדיקט. אויס, אויס, אויס!

ער וועט, הייסט דאָס — ניין, ער וועט ניט. זאָל ער, אַשטייגער, מאַכן פליטה? אהא! דאָס וואָלט דאָך געקאָנט אויסזען, ווי ער וואָלט מורא האָבן פאַרן אידן. אופוועקן וועט ער די הויז־דינערס, א רייטער וועט ער שיקן נאָך זיסן, אים אָפּוואַרטן דאָ, אים זאָגן: שיינע געשיכטעס שטעלסטו דאָ אָן, דו זשוליק איינער! דאָ געפינט מען דיין מיידל, אין ווינט, טויט. וואָלסטו זי ניט באַהאַלטן, דו איד, דו פאַרגראָבּענער, דו רמאי, וואָלסטו זי געבראַכט קיין שטוטגאַרט, וואָלט דאָס קיינמאָל ניט פּאַסירט.

אַ גרויסער קלאַפּ און א שווערע מפלה איז דאָס געווים פארן אידן, אָט די פאַרשאָלטענע, אומהיימלעכע, רעטענישפולע באַנדע! צוערשט האָט ער דיך אַריינגעשלעפּט אין דער לעבער־לעבקייט און אין דער פריקרעקייט פון עסלינגער עסק, און מיט אמאל האָט ער נאָך דאָס דאָזיקע אייסטערלישע קינד, און ווי מען האָט דאָס געוואָלט אָננעמען, איז עס געווען טויט. די געשיכטע וואָלט קיינמאָל ניט געווען אויס און געענדיקט, אפילו ווען ער זאָל איצט פּשוט אַוועקגיין און פארן צוריק קיין שטוטגאַרט און קיינער זאָל מער וועגן דער מעשה קיין וואָרט ניט אויסריידן. דער פּנים פון אָט דעם קינד איז געווען שווערער צו פאַרגעסן, ווי טויזנט טויטע, פאַרקרימטע, צעמזיקטע פּנימער פון טויטע סאָלדאַטן. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם אידנס פּנים, דאָס זייער ווייסע מיט די רויטע, קורצע, תאוודיקע ליפּן, די פליענ־

דיקע, אַרויסשטאַרצנדיקע אויגן. מאַט=ווייס איז ער, ווי דעם קינדס פּנים, ווי האָט אָט דער פֿאַרשוין בּאַלד אין אָנהויב צו אים זיך צו=געקליבּן, אַריינגעקראָכן אין אים מיט זיין פֿאַרשאָלטענעם, שקלאַ=ווישן, אַריענטאַלישן, הינטישן בּליק. אמת, אמת ווען מען טוט אַ קלער, האָט מען דעמאָלט פֿון אים געקאָנט ווינציק וואָס אַרויס=קריגן. אַ קליינער פּרינץ, וואָס דער פּאַרלאַמענט האָט אים אַפילו ניט געוואָלט בּאַווילִיקן אַ פּאָר גילדן אַוואַנס, גרויס קאַפּיטאַל און צינזן האָט מען דערפֿון ניט געקאָנט אַרויסשלאָגן. און אויבּ עס איז סוף כּל סוף אַנדערש געוואָרן און זיס האָט זיך געלאָזט בּאַצאָלן זיין ציטרוי מיט גרויסע פּראָצענטן, גאָר גוט איז אים דאָס געשעפֿט פֿאָרט ניט בּאַקומען. אויבּ אים איז שוין אַזוי פֿיל געגאַנגען פֿון וועגן דעם אידן יחזקאל, הייַנט ווי פֿיל טייערער האָט אים געמוזט זיין דאָס קינד, וואָס ער האָט אַזוי צערטלעך געהיט. און אָט ליגט עס אויף דער ערד, אַ הייפֿל שטויבּ פֿאַר ווערים, און ליגט אין ווינט און איז טויט.

פּטור ווערן! פּטור ווערן פֿון אידן! ער וועט אים אָפּזאָגן. זאָל ער מיטנעמען גאָר זיין פֿאַרמעגן און געלד און איידלשטיינער און אָבּליגאַציעס און אַלץ וואָס ער האָט אַרויסגעשווינדלט פֿון לאַנד, אומגעשטערט. ער וועט אים נאָך צוגעבּן אַ רייזיקע מתנה. אָבּער אַוועק זאָל ער! גיין זאָל ער!

ניין, ער זאָל פֿאָרט ניט גיין. דאָס וואָלט דאָך געוועזן, אַזוי ווי אים וואָלט געוועזן שווער אים אַנצוקוקן. ער וועט אים ניט אָפּלאָזן.

אָבּער איצט גענוג! ער וועט זיך שפּעטער מיישבֿ זיין. איצט וועט ער זיך, צום טייוול נאָך אַ מאָל! לייגן שלאָפֿן. ער איז אַוועק צום טויער. האָט גענומען קלאַפּן הויך, גראָבּ. האָט בּאַוויזן דעם פֿאַרשלאָפֿענעם, בּרוגזן אַלטן דינער, וואָס האָט אים געעפֿנט, דעבּ טויטן קערפּער. און אים ווייטער צו דערקלערן איז ער פֿאַרבּייגעגאַנגען פֿאַרבּיי דעם פֿאַרשטיינערטן. חיהשע קרעכצעריי פֿונם אַלטן, פּישטשעריי, ווי=געשריי, פֿאַרשטיקטער געוויין פֿון דער פֿאַרחלשטער דינסטמיידל. קאַרל אַלכּסנדר האָט אויף קיין זאַך ניט געקוקט, האָט אויף אַלע שרעקעוודיקע טענות פֿון נייפֿער, וואָס

האָט מורא געהאַט צו בלייבן אין אָט דעם פאַרכשופטן הויז מיט דער טויטער, געענטפערט נאָר מיט גרימצאָרנדיקן קרים. האָט זיך אַנידערגעוואָרפן אין די קליידער אַף א סאָפע, איז געשלאָפן כאָרכלענדיק, כראָפּענדיק, ווי טויט.

אַז ער האָט זיך אופגעכאַפּט האָט קלאָרער טאָג אַריינגע-שטראַלט אין חדר. ער האָט זיך געשפּירט שטייף און ברודיק. אין א ווינקל, איינגעקאָרטשעט, איז געלעגן נייפער. קאַרל אלכסנדר האָט זיך אויסגעטשוכעט. אָ, ער וועט איצט פאַרלאָזן דאָס פריקרע הויז, אומקערן זיך קיין הירזאו, אויסבאָדן זיך אין די באַקוועמע חדרים ווייסנזיים, גוט צובייסן, אָפּוואָרטן דעם אידן, אים א קלאַפּ טאָן אפן אַקסל, זאָגן אים א פּאָר פּירשטלעך לייטזעליקע טרייסט-ווערטער. און דערמיט איז אָט די געיעג-רייזע פאַרענדיקט. און עס איז נאָר א שאָד, וואָס זי האָט זיך ניט געענדיקט אַזוי אָנגענעם, ווי זי האָט זיך אָנגעהויבן. ער האָט גענומען האַרט טרעטן, אַזוי אַז נייפער איז דערשראָקן אופגע-שפּרונגען פון שלאָף און האָט זיך אופגעמינטערט. ביז יענער האָט זיך צורעכט געמאַכט, איז ער אַריין אין שטודיר-צימער. דאָרט איז געלעגן די טויטע, די פענסטער זיינען געווען פאַרהאַנגען, עס האָבן געברענט גרויסע ליכט, אויך דאָס מאגישע בילד פונם הימל-מענטש איז געווען פאַרדעקט. צו קאָפּנס דעם מיידלס איז געשטאַנען רבי גבריאל. די טריב-גראָע אויגן איבערן פלאַטשיקן נאָז האָבן זיך ניט אופגעהויבן, בעת דער הערצאָג איז אריין. דער רבי האָט גאָרנישט ניט געפרעגט, גארנישט געפאַרשט. מיט זיין ברומענדיקער, ברוגזער שטים האָט ער געזאָגט: „גייט זיך, הער הערצאָג!״ און דער הערצאָג, געפּלעפט, איז אַרויסגעגאַנגען. ער איז ניט דערצאָרנט געוואָרן. עס איז אים באַפאַלן א גרויסע פאַרחושטקייט און באַנומענקייט. ער האָט פאַרלאָזן דאָס הויז, ער האָט ניט געזען, ווי יום-טובדיק און שיינענדיק עס זיינען געשטאַ-נען די בלומען אין ליכטיקן טאָג. ער האָט ניט גערעדט מיט נייפערן, וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען אַ דערשראָקענער, א געריגער נאָך א מענטשן-וואָרט. ער איז געגאַנגען געאיילט, געגאַנגען

דורכן וואלד, און ביז ער איז געקומען צום וועג, וואו דער קאַראַט האָט געוואַרט, האָט ער קיין וואָרט ניט אויסגערעדט.

נאָך באַנאַכט, איידער מען האָט אים אפילו באַוויזן אָנצוזאָגן די בשורה, איז געקומען רבי גבריאל. ער איז קענטיק געווען ניט שטאַרק נשתומם. די זייער געדיכטע ברעמען האָבן זיך צונויפגעצויגן, די דריי גראָדע קנייטשן האָבן זיך נאָך טיפער איינגעקאָרבט אין דעם ברייטן, ניט הויכן שטערן. ער האָט געמאַכט די ברכה, וואָס מען מוז מאַכן ווען מען זעט א טויטן: ברוך דיין אמת. ער האָט דאָס מיידל אַנידערגעלייגט אויף דער ערד, צוגעבויגן איר צו דער ברוסט די פאַרשטייפטע אָרעמס, אויפגעשטעלט אירע מיטלסטע דריי פינגער אַזוי, אז זיי האָבן געבילדעט א שין, דעם ערשטן אות פון דעם הייליקן נאָמען: שדי. ער האָט פאַרהאָנגען די פענסטער, אָנגעצונדן ליכט, פאַרהאַנגען דאָס בילד פונעם הימלשן מענטש. ער האָט הינטער זיך אויסגעגאָסן וואַסער, אַז ער איז אַרייַנגעטראָטן אין צימער וואו די טויטע איז געלעגן, וואַסער צום קאָפּנס דעם מיידל, וואַסער צו פוסנס דעם מיידל. וואָרום דאָס וואַסער פאַרטרייבט די רוחות, וואָס דער טויט ציט זיי אָן. נאָר סמאל, דער לינקער, דער מלאך המות, ער לאָזט זיך ניט פאַרטרייבן. אַזוי איז דער רבי געבליבן אַליין מיט דער טויטער און מיט סמאל, דעם לינקן.

צווישן די קני האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, צו דער ערד אַריין האָט ער געזאָגט די דריי השבעות, פון דער גרויסער הייליקונג, פון דער עליה אין דריטן הימל, פון די חיילות פון די טויטע. און די נשמה דעם מיידלס איז געווען דאָ, און דער לינקער האָט זי ניט געקאָנט פאַרשטעלן. אָ, רבי גבריאל האָט געוואוסט, זי איז נאָך דאָ, זי וועט ניט מיט גלייכן פלי אויפגיין אין דער אויבערשטער וועלט; זי האָט נאָך געדאַרפט עפּעס מתקן זיין אויף דער וועלט, און דערפאַר טאַקע האָט דאָס קינד גערופן. ער אָבער האָט ניט געקאָנט צו איר דערלאַנגען, און אַזוי איז זי געשטאָרבן, איידער ער איז געקומען.

אַ קליין, פאַרלאָרן בינטל איז דער דיקלעכער מאַן געזעסן איינגעקאָרטשעט אין חדר, וואָס איז געווען אינגאַנצן אָנגעפילט

פון סמאל, דעם לינקן, און פון דער ציטערנדיקער, פלאַטערנדיקער נשמה דעם מיידלס. ער האָט גערעדט צו איר מיט זיין ברומענדיקער, ברוגזער שטים; נאָר ער האָט איר גאָרנישט ניט געקאָנט זאגן, זי איז דאָך שוין געווען איבערן שוועל פון דער דריטער וועלט, און ווי שטאַרק ער האָט דאָס געוואָלט, ער האָט זי ניט געקאָנט האַלטן.

און אַז ער האָט געשפּירט, ווי עס טרייבט זי ווייטער און ווייטער און ווי אַזוי דער לינקער פאַרדעקט זי, האָט ער נאָכגערופן דער אַוועקשוועבענדיקער יענע פסוקים, וואָס זי האָט מער פון אַלע ליב געהאַט: „ווי ביסטו מיר געווען זיס, נעמי, מיין טאָכטער! ליבע, ליבלעכע! ליליע פון טאָל! רויז פון שרון!"

האָט ער דערשפּירט אַ לעצטן פלאַטערנדיקן גרוס. אָבער סמאל איז געווען שטאַרקער פאַר אים און האָט זי געטריבן ווייטער. איז ער געפאַלן אויף זיין פּנים, קיין מאָל איז ער ניט געווען אַזוי שווער און ערדיק ווי איצטער, און ער איז געלעגן אַ סך שעהן אין אומהדיקער שוואכקייט. און די ליכט האָבן געברענט, און די טויטע האָט געהאַט די פינגער אויסגעשטרעקט ווי דער אות שין; אָבער קיין אות האָט ניט געהאָלפן, קיינער איז אין חדר ניט געווען, און ער איז געבליבן אליין און אָן הילף און טעמפּ און אין האַרץ־קלעמענדיקער נויט מיט סמאל, דעם לינקן.

מיט האַלבע ווערטער האָט דער הערצאָג געגעבן אָנצוהערן ווייסנזיי, וואָס דאָ איז געשען, דער רייטער צו זיסן איז שוין לאַנג געווען אונטערוועגנס. קאַרל אַלכסנדר האָט וואַרטנדיק אפן אידן, פאַרבראַכט אין פילדערנדיקער פריילעכקייט, האָט אַ סך געגעסן, געטרונקען, גערעדט ניבול פה, געגאַנגען אַף געיעג.

ווייסנזיי האָט נאָר געהערט, אַז דאָס קינד איז טויט. עס האָט אים אָפּגעגאָלטן צו בלייבן, פאַרן הערצאָג אין די אויגן, העפלעך און איינגעהאַלטן, אַליין, איז ער צעשפּליטערט געוואָרן ווי גלאָז. דער איד איז געווען העכער פאַר אים. ווידער אַמאָל האָט דער איד געזיגט. דאָס קינד איז געווען טויט. עס איז ניט געווען פאַראומרייניקט, טמא, דערנידעריקט. עס איז געווען פשוט; אַרויס און אַוועקגעשוועבט. ריין, האָט פון דער הייך אַראָפּגעשמייכלט ליבלעך ווי אַ גוטער גייסט. דער איד איז ניט געווען קיין קאָמישער, צעקנייטשטער, פאַרדריפּטעטער זונה-מעקלער, ווי ער, דער איד איז געווען כמעט טראַגיש און אַ קדוש. זיין אוצר איז ניט געווען פאַרברודיקט און פאַרבלאָטיקט; ווי נאָר אַן אַנדערער האָט דאָס געוואָלט אָנרירן מיט זיין פאַרפּאַסקודעטער האַנט, איז דאָס צעגאַנגען אין גאָטס ריינער לופט. איצטער האָט שוין מער קיין זין ניט געהאַט צו זיין נייגעריק, איצט האָט שוין בכלל ניט געקיצלט צו זען דעם אידנס פּנים. אָפּגעלאָזן, אויסגעליידיקט, צעקרימט איז ער געזעסן אין זיין לען-שטול און האָט כמעט ווי אָן זינען געהאַלטן אין איין פּרעפּלען און בורטשען פאַר זיך די גריבישע ווערטער: „דו האָסט געזיגט, איד! דו האָסט געזיגט, איד!

דערווייל איז זיס געלאָפן קיין הירזאו. אַז ער האָט געקראָגן די ידיעה, אַז דער הערצאָג איז אין הירזאו, און ער זאָל תיכף און אָן אַ מינוט שהיות קומען אַהין, איז אים דער גומען קאַלט געוואָרן פאַר שרעק. עס איז אים געווען געוויס, אַז דעם קינד דרויט אַ סכנה, אַז דעם איז שוין אפשר וואָס געשען. נאָר אין הירזאו, אין ווייסנזייס הויז, האָט מען אים געזאָגט, דער הערצאָג איז אַוועקגעפאָרן, ער איז מסתמא אין וואַלד, צי ער וויל ניט שמועסן מיטן הער קאָנסיסטאָריאַל-פּרעזידענט. אָבער זיס

האָט ניט געוואָלט וואַרטן אַפן קווײנקלענדיקן, אומבאַהאָלפן צע־טומלטן ווײסנזיי. ער איז תיכף געלאָפן ווײטער אין וואַלד. דער שמאָלער שטעג. דער הילצערנער פּאַרקן. די הויכע בוימער. די בלומען־טעראַסעס. דאָס ווײסע הויז. קיין דינער נים. ניטאָ דער הערצאָג. ניטאָ דער רבי. ווי געצויגן, אָן מינדסטן טעות, אָן ישוב הדעת, אָן אָפּהאַלט, איז ער גלײך געגאַנגען אין גרויסן שטודיר־צימער. די פאַרהאַנגענע פענסטער. די גרויסע ליכט. די טויטע, די אָרעמס צו דער ברוסט. די מיטלסטע פינגער אין אות שין. זיס איז אומגעפאַלן, איז געלעגן אַ סך שעהן געחלשט.

דער רבי איז געשטאַנען פאַר אים, אַז ער האָט געעפנט די אויגן. דער רבי האָט דערזען אַ חרובן, גראָ געוואָרענעם מענטשן. דער בויגעוודיקער, פלאַסטישער רוקן קרום און אָפּגע־לאָזן, די גלאַטע ווײסע באַקן אײנגעפאַלן און אומזויבער, אָן קאָ־ליר. מיאוס דאָס ברוינע האָר. דער רבי האָט געהאַט די טויטע באַלזאַמירט. איצט איז ער געגאַנגען אהין און אהער, האָט אנגע־צונדן נײע ליכט, געגאָסן וואַסער צו פאַרטרײבן די רוחות.

נאָך לאַנגען, אײביקן שווײגן האָט זיס געפרעגט: „איז זי געשטאָרבן פון וועגן דעם הערצאָג?"

„זי איז געשטאָרבן פון וועגן דיר", האָט געזאָגט רבי גבריאל.

„ווען איך וואָלט מיט איר אוועקגעגאַנגען", האָט זיס גע־פרעגט, „לאַנג אַוועק ווײט, אין דער שטיל, וואָלט זי דעמאָלט ניט געשטאָרבן?".

„זי איז געשטאָרבן פון וועגן דיר" האָט געזאָגט רבי גבריאל.

„קען מען מיט טויטע ריידן?" האָט געפרעגט זיס.

רבי גבריאל האָט אַ ציטער געטאָן. דערנאָך האָט ער גע־זאָגט: „עס שטייט געשריבן אין ספר פון די חיילות פון די טויטע: טראַכט נאָר מכח אַ טויטן ווי געהעריק, און ער וועט קומען. איר קאָנט אים אין זיך באַשווערן. ער מוז קומען; אים האַלטן, ער מוז בלײבן. טראַכט וועגן אים מיט ליבשאַפט אָדער מיט שנאה, ער שפּירט דאָס, מיט שטאַרקערער ליבשאַפט, מיט

שטאַרקערער שנאה, ער שפּירט דאָס שטאַרקער. אין יעדער געדיינק-טאָג, וואָס איר באַשטימט דעם טויטן, שטייגט ער אַרויף, אַרום יעדער בילד, וואָס איר היילקט אים, שוועבט ער אַרום, הערט זיך צו צו יעדער וואָרט, וואס קלינגט וועגן אים".

„קען איך מיט איר ריידן?" האָט געפרעגט זיס.

האָט רבי גבריאל נאָך אַ שטאַרקערן ציטער געטאָן. דערנאָך האָט ער געזאָגט: „זיי ריין, און זי וועט האָבן מנוחה. ווען די וועסט אַריינשטראָמען אין דער דריטער וועלט, וועט זי אויך מיט דיר אונטערטוקן זיך אין ים פון דער דריטער וועלט".

זיס האָט געשוויגן. ער האָט ניט געגעסן, ער האָט ניט געטרונקען. נאַכט איז געפאַלן, טאָג האָט אופגעגראָט. ער האָט זיך ניט גערירט.

האָט דער רבי געזאָגט: „דער הערצאָג וויל ריידן מיט דיר". זיס האָט ניט געענטפערט. קאַרל אַלכסנדר איז אַריין, איז געוואָרן אַ פאַרטרייסלטער. כמעט האָט ער דעם מענטשן ניט דערקענט. אָט דער מענטש מיט די שוואַרצע, שמוציקע הערעלעך אַרום מויל און אַרויף די באַקן, מיט די מיאוסע אָן-קאָלירטע האָר פון קאָפּ, מיט די איינגעזונקענע, פאַרדרוימלטע, אויסגעטאָרטשעטע, טריפנדיקע אויגן; דאָס איז זיס, זיין איד און פינאַנס-דירעקטאָר, דער גרויסער קאַוואַלער, דער יצר-הרע פון ווייבערשע חלומות?

מיט אָפּגעהאַקטער, הייזעריקער שטים, אונטערהוסטנדיק און עטלעכע מאָל פאַרהאַקט זיך, האָט קאַרל אַלכסנדר געזאָגט: „זאָל ער זיין אַ מאַן, זיס! זאָל ער זיך ניט איינגראָבן אין זיין צער. איך האָב דאָס מיידל געזען, איך ווייס ווי זי איז געווען. איך שפּיר עס זייער גוט, וואָס ער פאַרלירט. אָבער זאָל ער זיך באַטראַכטן, אַז ער האָט נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן אין לעבן. ער האָט די לייטזעליקייט, ער האָט די ליבע פון זיין הערצאָג. דאָס זאָל אים זיין אַ טרייסט".

מיט אַ שטילער, גלייכפאַרמיקער, מערקווירדיק געפּראַוועטער הכנעה האָט דער אָפּגעלאָזענער, מיאוסער מענטש געענטפערט. „יאָ, הער הערצאָג".

קאַרל אלכסנדר איז קאַלט געוואָרן בא אָט דעם שטילן יאָ. אים וואָלט מער ניחא געווען, אויב זיס וואָלט אַרויסגעוויזן זיין אופּרעקונג און ער, דער הערצאָג, וואָלט געקאָנט א ביסעלע זיך אויסשרייען און דערנאָך ווידער ווערן גוט. אָט דער מאָגאַ־כישער אָנשטעל האָט אים גאָר ניט געפּאַסט. ווי האָט שיץ גע־זאָגט: עס שמעקט נאָך אידישער שול און נאָך צווינטער. א בלאָנדזשענדיק געדעכעניש האָט זיך אַ כוואַליע אויף געטאָן אָן דער ברומענדיקער שטים דעם מקובלס, אָן דעם, וואָס ער האָט פאַר־שוויגן, ער האָט געוואָלט האָבן קלאָרע דיבורים, ער וועט פּשוט אַריינפאָרן גלייך אין מיטן דערינען מיטן פולן מויל. מיט א גע־וויסער גוטמוטיקער, וואָוליונגערישער ערלעכקייט האָט ער גע־זאָגט: „עס איז נאַריש, וואָס דער צופאַל האָט פּאַסירט גראָד ווען איך בין דאָ, וואָס איז דאָס בעצם פאַר אַ צופאַל. ווייס קיין מענטש ניט און קיין איד און קיין קריסט און קיין מכשף וועט דאָס ניט קאָנען אַרויסשקראַבן. איך האָב זי געפונען, איז זי געלעגן אין די בלומען און איז געווען טויט. ער וועט נאַטירלעך משער זיין, אַז איך בין דערין שולדיק. איך אָבער מיין, אַז ער איז זיך טועה“.

היות ווי זיס האָט געשוויגן, האָט ער ווייטער גערעדט: „עס טוט מיר פון האַרצן באַנג, איד, אמת און וואָרהאַפטיק. ער באַדאַרף מיך ניט האַלטן פאַר א מאַנס, וואָס וויל דוקא אויספירן זיינס, פאַר יעדן פּרייז. נאַטירלעך האָב איך איר געמאַכט דעם הויף. אָבער ווען איך וואָלט דאָס געקאָנט פאָראויסזען, וואָלט איך מיך אָפּגעטראָגן. איך וואָלט אפילו קיין קוש אין האַנט ניט פאַר־לאַנגט. ערן־וואָרט! ווער האָט דאָס געקענט טראַכטן, אַז דאָס מיידל פאַרשטייט אַזוי ווייניק א שפּאַס“.

מיט דער גלייכער שטילער, געפראָרענער הכנעה האָט זיס געזאָגט: „יאָ, דורכלויכט. ווער האָט דאָס געקאָנט טראַכטן“.

קאַרל אלכסנדר האָט, צעטומלט, געשוויגן. דערנאָך מיט פרישן כח, האָט ער געזאָגט: „איך האַלט ניט, אַז איך בין שול־דיק אַנטקעגן אים. אויב יאָ, בעט איך בא אים פאַרדאָן אין פו־לער פאָרם. איך וואָלט ניט וועלן, עפּעס זאָל שטיין צווישן אונז.

זאָל ער מיר ניט נאָכטראָגן קיין כעס! זאל ער טאָן זיין דינסט ווי ביז אַהער! זאָל ער מיר געבן זיין האַנט".

האָט זיך אריינגעלייגט זיין האַנט, וואָס איז געווען זייער קאַלט, אין דעם הערצאָגס גרויסער האַנט. א קורצע ווײַלע זיינען ביידע מענער געשטאַנען אַזוי, אַריינגעטאָן די הענט איינער אין דער אַנדערן אָן אַ דרוק, אַ פרעסנדיקע, ווערגנדיקע לײמונג איז געגאַנגען פון איינעם צום צווייטן.

די פענסטער זיינען געווען פאַרהאַנגען, און צוקנדיקן שיין פון די ליכט האָבן געטאַנצט און געמיניעט זיך די מאַגישע פיגורן, סמאל, דער לינקער, איז געווען אין חדר. אַזוי זיינען זיי געשטאַנען, אין דער אמתן א פיגור פון יענעם בלאַסן קאַרע־האָר, וואס זיי האבן געטאַנצט אין חלום און נעפל.

פון דער געבונדקייט האָט דער הערצאָג זיך אַ ריס ארויס געטאָן. „מילאָ!" האָט ער גיזאָגט. „זאָל ער איצט ברייגען צו קבורה זיין טויטע! דערנאָך זאָל ער פאָרן קיין לודוויגסבורג! פא־ראַן וואס צו טאָן".

דערמיט איז ער אוועק. איינגעאָטעמט די פיינלעכע געשיכ־טע אַריבער, פריילעך דעם ליכטיקן טאָג. איין גאָט ווייס, ער האָט זיך געפירט ווי א פירשט פון האַרץ און וועלט. אופגע־לייגט און שטאַרק קאָנטעט האָט ער זיך אָפגעריסן איינע פון די יום־טובדיק ליכטיקע בלומען פון די טעראַסעס. האָט געשפּאַנט, געלאָזן דאָס ווייסע הויז הינטער זיך, פייפנדיק דורכן וואַלד, געקוואָלן פון די זונען־פלעקן, אַוועקגעפאָרן גוט אופגעלייגט צוריק אין זיין הויפּטשטאָט.

בא דער טויטער איז זיס געזעסן איינגעהויקערט. אונטער די מיאוסע הערלעך מיט בלאַסע ליפן האָט ער געשמייכלט א טיף, ביטרע שמייכעלע. אָן ווערטער האָט ער גערופן דאָס קינד, און דאָס קינד האָט געהערט. ער האָט דערציילט דער טויטער, ווי דורכגעטריבן ער איז געווען, און ער האָט איר דערציילט וועגן דער נקמה, וואָס ער האָט בדעה צו נעמען. איז ער ניט געווען א מאַן? האָט ער זיך ניט איינגעצאמט און איז ער ניט געווען קאַלט? ניט נאָר ער האָט יענעם ניט געכאַפּט פאַרן

גאָרגל, ער האָט מיט אים אפילו גערעדט פרײנטלעכע רײד און די צונג איז ניט שטײף געװאָרן, די האַנט האָט ער אים דערלאַנגט און האָט אים ניט דערװאָרגן, זײן ריח האָט ער ארײנגעאָטעמט און איז ניט דערשטיקט געװארן. װי צעטומלט איז ער געװען, יענער. ער האָט עס גאָר ניט געקאָנט תופס זײן, װי דאָס קינד האָט זיך ארױסגעמאכט, גאָר פשוט אװעקגעגאַנגען, אײדער ער האָט זײן הױך גלוסט מיט דעם געשטילט.

װאָס האָט ער צולעצט געזאָגט? פאַראַן װאָס צו טאָן אין לודװיגסבורג? אָפּקױפן האָט ער אים געװאָלט, דורך געשעפטן, דורך עסקים אָפּהאַנדלען בײַ אים זײן קינדס טױט! דער שוטה דער, דער זיבנפאַכיק פאַרבלענדטער! ער איז אָבער געבליבן רואיק, פרײנטלעך און הכנעהדיק האָט ער געענטפערט און איז געבליבן רואיק. ער האָט זיך מסתמא געפרײט, יענער, װאָס ער איז אַזױ װאָלװל אָפּגעקומען, דא ליגט דאָס קינד, א פעקל טױט פלײש, אַן אָרים הײפל טענות און פױלעניש. נו יאָ, האָט ער מסתמא געטראַכט, יענער, אױב ער כאַפּט מיך ניט פאַרן גאָרגל, נאָך בעת די טױטע ליגט פאַר זײנע אױגן, איז ער שפּעטער ערשט דער רעכטער געבען. אַ טעות, הער הערצאָג! א טעות, דורלױכטיקסטער הער מערדער! אַזױ פשוט גראָב איז דער זים ניט, ער איז ניט קײן זעלנער און קײן פױער און קײן גולם, אַז ער זאָל זיך באַגענוגן מיט אַזאַ פּראָסטער, גראָבער נקמה. ער שטעלט אײן זײן נקמה ראַפינירטער. ער לאָזט זי זידן און בראָטן און קאָכן, ביז זי איז פאַרטיק פון אלע זײטן.

ער האָט אַ שמײכל געטאָן טיפער, אַרופגעצױגן הױך די בלאַסע ליפן, און די צײן, פריער גלאַנציק װײס, זײנען געלעגן אָפן געלבלעך און בײנערדיק טרוקן.

רבי גבריאל האָט ארומגעשפּרײזט אין צימער, דיקלעך, מיט מיושבדיקע טריט. „דאָס איז ניט דער װעג, יוסף“, האָט ער פּלוצים אַ זאָג געטאָן מיט זײן ברומענדיקער, שלעכט קלינגענדיקער שטים.

האָט זים אױפגעבליקט, אַ קוק געטאָן אַף אים פײנטלעך. אָהאָ! איז דער שױן װידער דאָ? װיל אים װידער עפעס אײנ=

רײדן? וואָס דען אַנדערש איז אים געבליבן חוץ נקמה? ווײל דער זיך אַרײַנשטעלן אין מיטן מיט זײנע אײדעלע מיבּורות? וואָרף עמיצן אין אַן אָפּגרונט אַרײַן און זאָג אים: פאַל ניט! און ער האָט אים אָנגעקוקט בּרוגז מיט זײנע מידע, אַנטצונדענע אויגן. אָבער זאָגן האָט ער גאָרנישט געזאָגט.

אויך רבי גבריאל האָט געשוויגן. שטום בּײם בּר מינן זײנען זי בּײדע געזעסן, זײערע געדאַנקען זײנען געגאַנגען פאַרשײדן, אָבער סמאל, דער לינקער, איז געווען אין חדר, און אַף אַלע וועגן האָבן זײערע געדאַנקען כּסדר זיך אומגעקערט צוריק צו סמאל, דעם לינקן.

דורך די אידישע קהלות פון דער רוימישער מלוכה איז געפלויגן די בשורה: בא רבי יוסף זיס אפּנהיימער, מיניסטר און גרויסער חשוב באם הערצאָג פון ווירטעמבערג, וואָס האָט אויס־געלייזט אידן פון שרעקלעכער, מאוימדיקער נויט, איז געשטאָרבן אַ טאָכטער. ער האָט געהאַט איין טאָכטער, אַ בת יחידה: איז דאָס קינד אים געשטאָרבן. וועט ער איצט גיין און זי ברענגען צו קבר ישראל אין פראנקפורט. ברוך דיין אמת!

האָבן זיך צונויפגענומען אידן פון אַלע קהלות, פון מזרח און מערב און דרום און צפון, אַרויסצובאַגלייטן צו איר אייביקער רו דאָס קינד פון רבי יוסף זיס אָפּנהיימער, דער וואָס האָט אויס־געלייזט אידן פון גרויסער נויט. עס זיינען געקומען די רבנים פון פירט און פון פראָג און פון וואָרמס, עס איז געקומען אויך אראָפּ פון האַמבורג מורנו רבי יונתן אייבשיץ, דער גערודפטער און זיי־ער געאַכפּערטער, פאַרבאָרגענער תלמיד און נאָכגייער פון דעם משיח שבתי צבי.

קיין הירזאָו אין דעם ווייסן הויז מיט די בלומען טעראַסעס איז געקומען דער רב פון פראנקפורט און מיט אים יצחק לאַנ־דויער, דער גרויסער פינאַנס־מאַן. ער האָט זיסן שטאַרק, אָן ווערטער געדריקט די האַנט. בעצם האָט אים באַדאַרפט הנאה טאָן, וואָס דער ווירטעמבערגער פינאַנס־דירעקטאָר זעט שוין מער ניט אויס מעשה פראַנט און ווי א גוי און אַ קאַוואַלער; ניין, מיט זיין מיאוסער, ניט געקעמטער באָרד און מיט די שלום־פערדיק הייגנענדיקע קליידער האָט ער אויסגעזען שטאַרק אידיש און גע־שמעקט מיט געטאָ. אָבער יצחק לאַנדויער, הגם עס האָט אים שטאַרק געצויגן פאַרן צונג, האָט דאָך פאַרשטיקט אין זיך די דאָזיקע באַמערקונג. ער האָט זיך געריבן פרעסטלענדיק די הענט, האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, געקעמט זיך מיט די פינגער די רויט־בלאָנדע, אין גרא אָפּשלאָגנדיקע באָרד און איז געבליבן שטום.

דערנאָך האָט מען דאָס קינד אריינגעלייגט אין ארון. רבי גבריאל האָט איר אַרומגעלייגט אַרום האַלז אַ קליינע גילדערנע קמיע, דאָס וואָרט שדי ארומגענומען מיט א מגן־דוד. ער האָט אַ וואונק געטאָן זיסן, מיט געלבלעכער, בלייכער האַנט האָט ער

אופגעהויבן דעם קאָפּ פון דער טויטער, און אונטער די שטראַליק שוואַרצע האָר, וואָס זיינען נאָך ביז איצט ניט געווען טעמפּ און אויסגעלאָשן, האָט ער אויסגעשאָטן אַ הייפל ערד, פעטע, שוואַרצע, ברעקלדיקע ערד, ערד פון ארץ ישראל. דערנאָך האָט מען דעם ארון צוגענאָגלט. אף זייערע אַקסלען האָבן אים געטראָגן פיר אידן, דער דיקלעכער רבי גבריאל, דער געבראָכענער, שמוציגן באַבערדלטער זים, דער מילדער, פאַרוואַנעטער רבי יעקב יהושע פאַלק, דער פראַנקפורטער רב, און דער אין זיין קאַפּאָטע זיך טרייסלענדיקער יצחק לאַנדויער, אף זייערע אַקסלען האָבן זיי געטראָגן די טויטע פון דעם ווייסן הויז אַרויס, פאַרביי די יום־טובדיק שיינענדיקע בלומען, דורך דעם וואַלד ביז צום הילצערנעם פאַרקן. דאָרט האָבן געוואַרט אַנדערע אידן, זיי האָבן בא זיי אָפּגענומען די גרינגע משא, געטראָגן זי אף זייערע אַקסלען ווייטער, און אַ האַלב מייל ווייטער האָבן געוואַרט ווידער אַנדערע, און אין אַ האַלב מייל ווייטער נאָך אַנדערע אידן. אזוי האָבן זיי געטראָגן דאָס קינד פון יוסף זים אָפּנהיימער דורכן לאַנד און אַריבער דעם גרענעץ און ביז אין דער שטאָט פראַנקפורט. און דער קליינער אָרון האָט ניט אָנגערירט די ערד, איז אויך ניט געפירט געוואָרן אין קיין וואגן, פון לעבעדיקן אַקסל צו לעבעדיקן אַקסל איז ער געטראָגן געוואָרן ביז צו דער שטאָט פראַנקפורט. הינטערן אָרון איז געפאָרן אַ גרויסער וואָגן. און עס זיינען געשטאַנען אַ סך אידן באַם וועג פון ארון, און אַז דער שווייגנדיקער קליינער צוג איז פאַרבייגעגאַנגען, האָבן זיי געזאָגט: ברוך דיין אמת! און זיי האָבן געשאָטן איטלעכער אַ הויפן ערד אין וואָגן, פעטע, שוואַרצע, ברעקלדיקע ערד, ערד פון ארץ־ישראל. זי איז געווען באַשטימט פאַרן אייגענעם קאָפּ און פאַרן אייגענעם ארון; אָבער גערן האָבן זיי זי געשאָטן אין וואָגן און אוועקגעגעבן. בכדי עס זאָל אין גאַנצן ווערן באַהאַלטן אין הייליקער ארץ־ישראל ערד דאָס קינד פון רבי יוסף זים אָפּנהיימער, וואָס האָט אַרויסגעראַטעוועט אידן פון אַ שרעקלעכער, מאוימדיקער נויט.

אין דער שטאָט פראַנקפורט איז דער אידישער בית־הקברות געווען שוואַרץ פון פאָלק. זיי זיינען געשטאַנען שטום, זיי, די באַ=

װעגלעכע, די שרײַענדיקע, בעת יוסף זיס דאָט אפן ארון געמאַכט די ברכה: ברוך דיין אמת! און זײ האָבן געענטפערט אלע אין כאָר: „הבל הבלים און צעפּיצלט אין יאָגעניש נאָך װינט איז די װעלט; נאָר אײנציק און אײביק איז דער גאָט פון ישראל, היה הוה ויהיה". און דערנאָך האָט דער קלײנער ארון זיך אַראָפּגעלאָזן אף ארץ־ישראל־ערד. און ארץ־ישראל־ערד האָט באַדעקט דעם קלײנעם ארון. און אין מיטן די שװײַגנדיקע טויזנטער האָט זיס מיט אויסגעטריקנטער אָנקלאַנגיקער שטים געזאָגט דעם קדיש. און זײ האָבן אויסגעריסן גראָז און זײ האָבן עס געװאָרפן אף אַהינטער. און זײ האָבן געזאָגט: „װי גראָז װעלקן מיר פון דער ליכטיקײט". און זײ האָבן געזאָגט: „מיר געדײנקען אַז מיר זײַנען שטויב". און דערנאָך האָבן זײ געװאַשן די הענט אין פליסנדיקן װאַסער, װאָס פאַרטרײַבט די רוחות רעות, און האָבן פאַרלאָזן דעם בית־עולם.

און דרײַסיק טעג האָט מען אין אלע אידישע קהלות פון דער רוימישער מלוכה קדיש געזאָגט נאָך דער בתולה נעמי, דער טאָכטער פון יוסף זיס אָפּנהײַמער.

צוריק זיך אומגעקערט קיין שטוטגאַרט, האָט זיך פֿאַרביסן ווילד זיך אַריינגעוואָרפֿן אין דער אַרבעט. אָן אָפּהאַלט האָט ער זיך איצט אַריינגעשטופּט אין קאַטוילישן פּראָיעקט, האָט אַריינגעכאַפּט צו זיך אַלצדינג, וואָס איז ערגעץ געלעגן באַם ווייטסטן גרענעץ פֿון זיין אַרבעטס־קרייז. ער האָט אַוועקגעוואָרפֿן די קוליע פֿון זיין הכנעהדיקייט און פֿריינטלעכקייט, מיט אַן־מאָסיקער, פֿינסטערער, חוזקדיקער גאווה האָט ער באַהאַנדלט זיין גאַנצע סביבה, געלאָזן שפּרינגען מיניסטאָרן ווי לאַקייען, עס האָט פֿון אים אַרויסגעפֿלאַקערט אַ פֿאַרכמורעטע, גרימצאָרנדיקע פֿאַראַכטונג צו אַלץ, וואָס מען רופֿט געוויינטלעך מענטשלעכע ווערדע, פֿרייהייט און אחריות. אין מאַוימדיקן, שפּילערישן קאַפּריז פֿלעגט ער צווינגען די וואָס זיינען געווען אָפּהענגיק פֿון אים צו אַלץ נייע, איבעריקע דערנידערונגען, און אַז זיי זיינען געשטאַנען נאַקעטע, דאָס ביסל מענטשישקייט פֿון זיי אויסגעטאָן און צעפּליקט, דעמאָלט פֿלעגט ער פֿון זיי חוזק מאַכן מיט שטילן, נאַקעטן שפּאָט און פֿלעגט אָנקוועלן פֿון זייער קריכערישער געדולד.

זייער אָפֿן און אין גרויסע מאָסן האָט ער געראַבעוועט אין די הערצאָגלעכע קאַסעס. ער פֿלעגט זיך באַרעכענען גוואַלדיקע פּראָווויזיעס. פֿלעגט פֿאַרקויפֿן דעם הערצאָג פֿאַר ריזיקע מקחים נישט־ווערטיקע צירונג. נייע משאות האָט ער אַרויפֿגעלייגט אויפֿן קרעכצנדיקן, מיט די לעצטע כחות זיך מאַטערנדיקן לאַנד, און וואָס ער האָט אַף דעם וועג אויסגעקוועטשט, פֿלעגט ער ניט באַהאַלטענערהייט אַריינשיטן ניט אין קאַרל אַלכסנדרס, נאָר אין זיינע אייגענע אוצרות. אויב פֿריער האָט ער באַדריקט דאָס הערצאָגטום, בכדי אַרויסצוקוועטשן געלט, זאַכלעך און צוועקמאָסיק, האָט ער איצט גענומען ווערגן און פּייניקן דאָס לאַנד מחמת ראַפֿינירטער, פֿאַרביסענער הנאה פֿון דער דאָזיקער פּייניקונג. און געטאָן האָט ער דאָס אַלץ דרייסט און אָפֿן, קענטיק געוואָלט דוקא, אַז קאַרל אַלכסנדר זאָל דאָס מערקן, געזוכט מיט זיין פֿירונג אַף יעדער אופֿן צו רייצן דעם הערצאָג. נאָר יענער האָט געשוויגן.

דעם אידנס אויסזען איז געוואָרן אַנדערש. דער גרינגער, פֿעדערנדיקער גאַנג איז געוואָרן האַרטער, אָפֿיצעריש ברוטאַלער,

הארטער, פעסטער אויך די באקן, און דאס רייכע, געקרייזלטע, קאשטאנען-ברוינע האר, וואס ער פלעגט פריער, וואו עס האט זיך נאר געלאזט, טראגן פריי, האט ער איצט אף שטענדיק באהאלטן אונטערן שטרייגען פארוק. עלטער איז געווארן, פארהארטעוועטער דער גאנצער מענטש. די טונקעלע שטים האט אנגעווארן דאס גלעטנדיקע, איינריידנדיקע; אפט פלעגט זי איצט כריפען, באפעלעריש, אפשטויסנדיק, ניט שיין; אידיש, האבן געזאגט די שונאים. די ארויסטארטשענדיקע, פליענדיקע אויגן זיינען געבליבן פלינק און לויערדיק, געוויינטלעך אפילו פול גרייטקייט צו דינען; אבער, ווען קיינער האט אף אים ניט געקוקט, האבן די אויגן ווילעוויז געהאט עפעס שטעכעדיקס, זייער גיפטיקס און פלעגן נאר סיט מי איינצאמען א פינטלעך, געלבלעך טונקל פייער.

שווערער איז געטראגן אונטער איר רייטער די קליאטשע אמיאדא. זי האט מער ניט געטראגן דעם פרייען פריץ, דעם גלענצנדן, פארהאסטן און דאך באוואונדערטן; א משא האט זי געטראגן, א טעמפן באדריקער, וואס שלעפט די אייגענע שווערקייט, וואס האט אלעמען פיינט און אלע האבן אים פיינט.

פונקט ווי פריער האט ער געמאכט גלענצנדע בעלער. אבער די דאזיקע שמחות זיינען געווען פארסמט, און קיין הנאה האבן די געסט פון זיי ניט געהאט. ער האט ליב געהאט בא אזא געלעגנהייט ארייינצוזאגן יענעם פאר אלעמען אין די אויגן עפעס א רשעותדיק ווארט, וואס זאל יענעם דורכנעמען ביזן הארץ, אפן ארויסצושטעלן די פריוואטע אדער פאליטישע צרות פון עמיצן פון די געלאדענע; ער האט געטראפן אלע מאל דעם ארט, וואו עס איז צום מיינסטן וויטאקדיק. און זייער א סך פון זיינע געסט פלעגן זיצן אין איין נאגנדיקער, שטשיפענדיקער שרעק, טאמער וועט ער זיך נעמען פאר זיי.

מיט די פרויען האט ער גענומען זיך באגיין מיט א בטולדיקער, חוזקדיקער גאלאנטקייט. איין פרוי איז געווען; מאט-וויים איז איר הויט געווען, אין אירע אויגן האבן חלומות פון יארטויזנטער זיך באוויזן; האט זי גערעדט, איז די שטים פון דער נאכטיגאל געווען א קרעכצן קעגן איר קליינער שטים. איצט איז זי

געלעגן אין פראַנקפורט, ערד איבער איר, ערד אונטער איר. וואָס ווילן די אַנדערע? זיי האָבן געאָטעמט, געבאָלבעט, געלאַכט, און אַז מען האָט מיט זיי גוט גערעדט, האָבן זיי די פיס פונאַנדערגעשפּרייט. נו יאָ, אַזעלכע זיינען זיי; אָבער די איינע לעבט שוין מער ניט.

ווייסנזיי איז אַרויסגעשוואומען פון זיין טיפער צעטומלטקייט און יאוש, האָט גענומען אַרומשמעקן זיך. דאָ האָט עפּעס געיווירן, אין אַט דעם גוואַלדיקן מענטשן, וואָס ווייס פון גרענעצן ניט, וואָס איז אַזוי אַנדערש ווי אַלע אַנדערע, אין אים גייט עפּעס אויף אַ גראַנדיאָזע, קנאַקנדיקע, טויזנטפאַרביקע קאַטאַסטראָפע. דער איז ניט געווען אַזוי ווי ער, דער איז ניט געווען דער מענטש זיך צו בויגן און צו האַלטן זיך שטיל. אין פאַראויס האָט דער קאָנסיסטאָריאַל-ראַט-פּרעזידענט מיט תענוג אַנגעשמעקט דעם שוועבל-ריח פון דעם אופרייס, און נאָר דער חשק דאָס צו דערלעבן האָט אופגעהאַלטן אַט דעם אויסגעליידיקטן מענטשן.

און זיס' אופרייצנדיקע גאווה איז אַלץ געוואַקסן. ער האָט זיך אָפן אַרויסגעשטעלט פאַרן האַר פון לאַנד, און האָט פאַר קיין גרענעץ קיין מורא ניט געהאַט.

אין יענער צייט האָט אויך געטראָפן די געשיכטע מיטן יונגן מיכאל קאַפּנהייפּער. די מעשה איז געווען אַזוי:

דער יונגער מאַן, אַ פּלימעניק פון פּראָפעסאָר יאָהאַן דניאל האַרפּרעכט, אַ קרוב אויך פון פיליפּ היינריך פאָן ווייסנזיי, האָט נאָך אַ צוויי יאָר אַרומפאָרן איבער פלאַנדערן, פראַנקרייך, ענגלאַנד, זיך אומגעקערט אין זיין שוואַבישער היים, און ער האָט געקראָגן די שטעל פון אַן אַקטואַריוס אין שטוטגאַרט. זייער הויך געוואַקסן, ברוינלעכע דרייסטע באַקן, שטאַרק בלאָע אויגן אונטער טונקעלע האָר, האָט דער דריי און צוואַנציק-יעריקער בחור אויסגעזען ווי מאַגדאַלען סיבילעס אַ ברודער. ער האָט פון זיין נסיעה געהאַט מיטגעבראַכט שטורמישע אידייען פון מענטשלעכער פרייהייט און מענטשלעכער אחדות, אַ ווילדע שנאה קעגן איטלעכער דעספּאָטיע; אַלע די דאָזיקע יונגע, פרילינגדיקע גרינע, ריינע געדאַנקען פון אַ נייעם בעסערן מלוכה-סדר, פון אַ גערעכטערער,

הומאַנערער אָרדענונג האבן פון אים ארויסגעשפּארט, האבן באַם יונגן, היציקן יונגן מאַן כמעט געמאַכט דאס האַרץ פלאצן.

געוואַינט האט ער באַ האַרפרעכט, דער פּראפעסאָר, שוין אַן עלטערער מענטש. וואָס די פרוי איז באַ אים אָפּגעשטארבן נאָך גאר יונג עטלעכע חדשים נאָך דער חתונה, האָט דעם פּלימעניק אופגעהאדעוועט. אין די צווי יאָר, וואס יענער איז געווען אין אויסלאַנד, האָט ער אים שטאַרק געפעלט. איצט האָט ער גאר זיין מאַנסבילשע, איינגעהאלטענע ליבע געווארפן אף דעם יונגן בחור.

מיכאל קאפּנהייפּער איז דורך זיין נסיעה אין צווייען שטאַלץ געווארן אף דער פרייער קאָנסטיטוציע פון זיין היים-לאַנד אַנטקעגן דעם איינגעשטעלטן סדר פון די אַנדערע דייטשע מדינות. אמת, ער האָט אלעמאָל געוואוסט פון דער מיליטערישער אווטאָקראטיע דעם הערצאגס, פון דער יעזואיטישער דעם ווירצבורגערס, פון דער עקאָנאמישער דעם אידנס. אָבער עס איז געווען איין זאַך, צו לייענען דערפון אין בריוו און בראשורעס, און אַן אַנדער זאַך, צו שטיין אין דער מיט צוצוזען מיט די אייגענע אויגן, אנצוטאַפּן מיט די הענט די חוצפּהדיקע אונטערדריקונג, די נאַקעטע, חוזקדיקע גוואלד. דער יונגער מאַן האָט געזען דעם האַנדל מיט שטעלעס און פּאסטנס, די שאַכערייַ מיט דער גערעכטיקייט, די אויסקוועטשונג פון פאלק. קבצנים זיינען געווארן די שערטלינס פון אוראַך, פּארטריבן אין דער פרעמד איז געווען זיין יונגער און זייער פייאיקער שוועסטערקינד און גוטער פריינט פרידריך קרימטאַף קאפּנהייפּער, אריינגעיאָגט אין יאוש און טויט דער הויפּטצאָל-איינגעמער וואלף, דער קאַמער-דירעקטאָר געאָרגי. אויסגעלויגט און צעפרעסן איז געווען דאָס רייכע, שיינע, געבענטשטע לאַנד, טווזנטער אריינגעשפּארט אין די קאַזאַרמעס, צענדליקער טויזנטער אין שמאַטעס און הונגער, צעפוילט אין גוף און געוויסן הונדערטער טויזנטער. אַ הויף, וואָס וויים פון קיין באַגרענעצונג ניט און ווערט געשוואָלן פון וואוילטאג און זנות, א מאַכט וואס בלאָזט פון זיך עזותדיק אין בונטע אוניפאָרמעס, חוזקדיקער פלפּול וואָס צעטרעט מיט גיפטיקער שנאה די קלאָרע, איידעלע קאָנסטיטוציע.

פאַרשוחדיקט די פאַרוואַלטונג, די יוסטיץ פאַרזונהט, די פרייהייט, די ליבע געבענטשטע פרייהייט, אַ שפּאָט און אַ שמאַטע אַף אונ־טערצוווישן זיך פאַרן הערצאָג, פאַרן יעזואיט און פאַרן איד.

אַ הייליקער, פרעסנדיקער כּעס האָט אָנגעפילט דעם בחור, אָנגעפילט אים אין גאַנצן, אָנגעשפּאַנט מאַנסבילשער זיין דרייסטן, ברוינעם פּנים, אָנגעצונדן דרינגלעכער די שטאַרקע בלאָקייט פון זיינע אויגן. אָ, זיין שלאַנקע, יונגע באַריידעוודיקייט! אָ, זיין איי־דעלער כּעס און ווידערשפּעניקייט! דער נאָגנדיקער צער איבער דער צעפוילטקייט פון פאָטערלאַנד האָט דעם אַלטן יאָהאַן דניאל האַרפּרעכט שטאַרק צעטרייסלט און אויסגעקוועטשט. איצט האָט דער פעסטער, ערלעכער מאַן גאָר זיין האָפענונג געלייגט אַף דעם בחור, און די טרוקענע אוונטן פון דעם איינזאַמען זיינען געוואָרן גרין און בליענדיק דורך זיין שלאַנקער פרישקייט.

זיסן איז דער אַקטואַריוס שטענדיק געווען ניט סימפּאַטיש. אים האָט אַלע מאָל שטאַרק געררייצט דער הויכער וואוקס פונם יונגן מאַן, זיין שטייפע, עקיקע געשטאַלט, וואס האָט דאָך ניט געהאַט אין זיך קיין שום גראָבקייט. פּויערישקייט. אויך די בפירושע ערלעכקייט פון דער פּאָליטישער איבערצייגונג איז אים ניט געווען געפעלן. הינטער פּאָליטישער אָפּאָזיציע האָט געוויינטלעך געשטעקט אייגענער נוצן; און אויב ניט, איז טעמפּקייט. דאָס, וואָס דער בחור האט אָנגענומען די דעמאָקראַטיע פון זיין באַרימטן פעטער, וואלט קיין חידוש ניט געווען, אָבער ווען אָט דער באַוועגלעכער יונגער מאַן, וואָס האָט געהאַט אַלע מעלות, וואָס זיינען נויטיק צוליב ארופצוקומען, שטעלט איין אין סכנה זיין קאַריערע דורך אַזאַ ווילדן פייער קעגן דער הערשנדיקער ריכטונג, איז געווען אַ באַוויז, אַז אין לאַנד איז נאָך געווען בכלל פּאָליטישע איבער־צייגונג, און דאָס איז געווען פאַר זיך פאַרדראָסיק. נאָר פונדעסט־וועגן האָט זיס אין דער פּראַקטיק ניט מער מורא געהאַט פאַר דעם יונגן אימפּעט פון דעם אַקטואַריוס מיכאל קאָפּנהייפּער, איי־דער פאַרן רוטינירטן פּאַטאָס פונם פּובליציסט מאָזער. פאַרן קלאַפּ אין הירזאַו האָט ער ניט געשעפּעט ניט דעם ניט יענעם, און

דער באַאַמטער האָט פאַר זײַן מורדיִשן גײַסט ניט געהאַט צו לײַדן קײן מינדסטע שטראָף.

איצט, נאָך הירזאַו, האָט זיך פינסטערער אָנגעצונדן דאָס פײַער פון פארסמטן מענטשן אָן דער גאַנצער, פרײַהײַטלעכער און גוטער דרײַסטקײַט פונם בחור. דעם פאַרטונקלטן בליק האָט ער אַף אים אָנגעשטעלט, האָט זיך שפּילעריש-קעציש אײַנגעקאָרטשעט צום שפּרונג. בײַ דער אומפאָרזיכטיקײַט פונם יונגן מאַן האָט זיך גיך געפונען אַן אויסרײד אים צו טרעפן מיט א האַרבער שטראָף.

דער אַלטער יאָהאַן דניאל האַרפּרעכט האָט לאַנג געהאַט פאָראויסגעזען אַזעלכע קאָנפליקטן; נאָר ער האָט בײַ זיך ניט געקאָנט פועלן צו פאַרשטיקן דאָס שײנע בליען מיכאלס. עס איז געווען דאָס גוטע רעכט פון דער יוגנט צו זײַן ניט קלוג, צו וואַרפן זיך אַף אויסגעקרימטס, בכדי עס צו מאַכן גלײַך, אויך ווען די האַנט זאָל אפילו דערבײַ געלײַמט ווערן. אָבער עס האָט אים געקלעמט די ברוסט, פאַרשטיקט אים דעם אָטעם, אַרויסגעשפּאַרט אַ ביטערניש אין דער קעל, ווען ער האָט געטראַכט, אַז ער וועט ווידער אין זײַנע מידע אָוונטן מוזן זײַן אַלײן, אָן דער וואַרעמענדיקער שײַן פונם בחור. פונדעסטוועגן האָט ער געהאָפט, אַז צוליב זײַנעם, האַרפּרעכטס, כבוד וועגן וועט זים ניט האָבן די העזה עפּעס צו טאָן מיכאלן.

אין מיטן דעם אומגליק פון פאָטערלאַנד, אין דער וויסטער פאַרדאָרבנקײַט פון ארום האָט דער אַקטואַריוס מיכאל קאָפּנהײַפער געזען אַ גרויסע און צאַרטע שײַן. דאָס איז געווען די דעמואַזעל עליזאַבעט סאַלאָמעאַ געץ, די טאָכטער. איר בלאָנדע פאַסטעל-פאַרבענע ליבלעכקײַט האָט אַ טיפן רושם געמאַכט אפן פארחלומטן, היציקן בחור, און אַז ער האָט נאָך געהערט, אַז זי האָט זאַנפט, אָבער פעסט אָפּגעשטופּט אַלע פּרואוון קאַרל אלכסנדרס, צו גענענען צו איר, האָט זי פאַר אים גענומען שײַנען ווי אַ סימבאָל פון מענטשלעכער פרײַהײַט. די בילדער זײַנען פאַר אים צונויפגעשוואומען אין אײנעם. און ער פלעגט רײדן פון דער געליבטער פרײַהײַט און פון דער ליבער דעמואַזעל עליזאַבעט סאַלאָמעאַ געץ אין דער גלײַכער טערמינאָלאָגיע.

איצט האָט זיס געהאַלטן, אַז ער באַדאַרף שוין מער ניט זיך רעכענען אויך מיט האַרפּרעכטן. מען האָט דעם יונגען מיכאל קאָפּנהייפּער אַראָפּגעזעצט פון זיין שטעל, ווייל ער האָט ניט געקוקט אַף די התראות, ניט אָפּגעהיט דעם הערצאָגס כבוד און האָט קעגן אים גערעדט שלעכטע, זינדיקע און לעסטערנדיקע רייד. עס איז געווען אַ באַזונדער חסד און לייטזעליקייט, וואס מען האָט קעגן אים ניט פאַרפירט קיין קרימינעלן פּראָצעס. נאָר ער האָט געמוזט אין משך פון פערצן טעג פאַרלאָזן דאָס לאַנד און האָט צייט ער לעבט ניט געטאָרט מער קומען אַהיים.

דאָס איז אַלעמאָל געשטאַנען אַפן האָריזאָנט. אָבער אז דאָס איז געקומען, איז עס פאַרט געווען אומגעריכט און האָט דעם אלטן האַרפּרעכט אנידערגעוואָרפן. אָ, אליין און בלויז זיצן אין גרויסן ליידיקן צימער, נאר מיט ביכער און פּאַרמעטן; און די איינציקע חברותא זיינען די שאָטנס אין חדר פון אויסערהאַלב דעם לאָמפּן-שיין. זיי גיסן זיך צונויף צו אויסגעמאָגערטע, אויסגעקרימטע אויסוואנדערערס, הונגערנדיקע, מיט שמאַטעס באַדעקטע, אָדער זיי שטרעקן אויס מאָגערע, געריגע פינגער פון א אידן. שטענדיק פאַלן זיי אַרויף אַף דיר און נעמען באַ דיר צו די לופט. און אויב דאָ וואלט געווען דער יונג, עקשנותדיק און לעבעדיק, ווען ער הויבט אויף זיינע דיקע טונקעלע ברעמען, צעגייען די שאָטנס, זיינע שטאַרק בלאָע אויגן פאַרטרייבן פון אַלע ווינקעלעך די סטראַשענדיקע, קילנדיקע פינסטערקייט. אָבער ער איז ניטאָ; דער איד האָט אים פאַרטריבן פון לאַנד. דער איד לאָזט אים ניט צו צו אים.

דער שווערער זקן האָט געקעמפט מיט זיך. האָט זיך אָנגענומען מיט כח, געשטעלט זיך פאַרן הערצאָג. ער האָט קיינמאָל ניט געבעטן, ער פלעגט אַלע מאָל מאָנען וואס אים קומט. ער איז געווען געוווינט, מען זאָל צו אים קומען אין בעטן. דעם שטאלצן און ערלעכן מאַן איז געווען א שווערע פּיין צו שטיין ווי אַ בעטלער. און ער האָט גערעדט אַ סך און האט זיך פאַרהאַקט אין ריידן. דער משפט איז גערעכט און אפילו ניט זייער שטרייננ. נאָר זאָל דער הערצאָג זיך באַטראַכטן, אַ סך זאַכן אין לאַנד זיי-

נען טאַקע ניט גוט, און אויב דער יונגערמאַן זאָגט ארויס אָפּן זיין אומצופרידנקייט, איז דאָס אפשר בעסער, איידער ער וואלט, ווי אַנדערע, אין דער שטיל געבריוט סם. קארל אלכסנדר האָט צוגעהערט ברוגז. האָט געדריקט פעסט די האַנט, האָט ניט זיכער צוגעזאגט, ער וועט אַ טראכט טאָן.

שטריינג האט ער פארלאַנגט אַ באַריכט. זיס גופא איז געקומען צום ראַפּארט. יאָ, עס איז טאַקע ריכטיק אַלץ, ווי דער פּראָפעסאָר האָט דערציילט. איז אָבער ער, זיס, ניט מסכים מיט דעם פּראָפעסאָרס מיינונג מכח דעם, וואס עס איז נויטיק בכדי אָפּצוהיטן דעם הערצאָגס ווערדע. מיט פאַרדראָס האָט דער הערצאָג פאָרגעוואָרפן זיסן, אין וואסער לאַגע ער האט אים געשטעלט, אַז ער מוז אָדער נעמען צוריק זיין באַשלוס אָדער אָפּזאָגן דעם פאַרדינטן און הויך אָנגעזעענעם מענטשן זיין ערשטע און איינציקע בקשה. חוצפּהדיק און גיפטיק האָט זיס געענטפערט, אַז ער פאַרשטייט גוט, אַז זיין דורכלויכט איז שווערער אָפּצוזאָגן די בקשה דעם שוואַבישן פּראָפעסאָר, איידער דעם אידישן פינאַנס־ראַט. ער האָט נאָך געהאַט אַנדערע, זייער וויכטיקע טעמים אף אָפּצוראַמען דעם אַקטואַריוס פון וועג. נעמליך, האָט ער מוסיף געווען מיט דרייסטער גוט־ברודערשאַפט. אויב דער הערצאָג איז־אַנסירט ניט ווי געהעריק בא די דאַמען געץ, איז דערין קודם כל שולדיק דער יונגער מענטש, וואס שטייט באַזונדערס בא דער דעמואַזעל עליזאַבעט סאַלאָמעאַ דעם הערצאָג אין וועג. ברוגז ברומענדיק האט דער הערצאָג געשוויגן.

געבליבן אליין, האט ער באַשלאָסן אָט איצט דוקא צו לאָזן דעם אקטואַריוס אין לאַנד. דער איד איז פונקט אַזאַ טיפּש ווי אן עזות פּנים. אָהאָ! זאָל אשטייגער ער, קאַרל אלכסנדר, מורא האָבן, אַז דער שמאַטעוואַטער דעמאקראַט און מורד במלכות וועט אים בא דער דעמואַזעל אַריבעריאָגן? אָדער מיינט אפשר דער איד, אַז איצט, נאָך הירזאַו, שרעקט ער זיך, דער הערצאָג, פאַר איטלעך בתולהבן און פארלאָזט זיך מער ניט אַף זיין מאַנסבילשקייט? א ווילדער גלוסט האט זיך אין אים אָנגעצונדן. טויזנט טייוואָנים! ער הייסט קאַרל אלכסנדר, הערצאָג פון ווירטעמבערג

און טעק, און ער וועט דאָס פרייַלן מאַכן קליין און פאָלגיק אַף להכעיס אַלע מורדישע שנעקעס. בכל אופן האט ער פאַר דער קאנקורענץ קיין מורא ניט און וועט איצט דעם פסק אָפשאַפן.

אָבער ווי נאָר ער האַט שוין געוואלט דיקטירן דעם באַפעל, האט ער אַ טראַכט געטאן, אַז מען דאַרף זיך נאך אַ מאָל מיישב זיין, און האט עס אָפגעלייגט אַף מאָרגן. אַפן אַנדער טאָג איז ער אַוועק קיין לודוויגסבורג. פאַרגעניגנס, רעפרעזענטאַציעס, אַנדערע פאָליטישע ענינים האָבן פאַרנומען די צייט. עס איז געקומען דער טאָג, ווען דער פסק איז געוואָרן גילטיק, און קיין באַפעל אים מבטל צו זיין האט זיך ניט באַוויזן. דער יונגער מיכאל קאָפנהייפער האָט געמוזט אַוועק קיין אויסלאַנד, פונקט ווי זיין שוועסטערקינד פרידריך קריסטאָף, און דער אָונגט פון פראָפעסאָר יאָהאַן דניאל האַרפרעכט איז געוואָרן הויל-נאַקעט און אָן ליכט.

איצט האָט קאַרל אַלכסנדר דערווייל שוין ניט געקאָנט מער צוריקנעמען דעם פאַרבאָט. ווען ער האָט זיך דערמאָנט אָן די דאַמען געץ, איז ער בעצם געווען זייער צופרידן דערמיט. נאר דאָס האָט ער זיך ניט געוואָלט מודה זיין. פאַרקערט, עס האָט אים אָנגעכאַפט אַ ווילדער גרימצאָרן קעגן אידן. ער איז שולדיק אין אַלצדינג; ער האָט אים געשטעלט פאַר דער ברירה: האַרפרעכט אָדער דער איד.

זיס האָט געוואוסט, קאַרל אַלכסנדר האָט באַוואוסטערהייט בעצם קיין מאָל ניט אָפגעטאָן קיין נבלה; געוויס וועט ער זיך ניט מודה זיין איבער די אמתע מאָטיוון פון דער דאָזיקער ארויסשיקונג. דערפאַר האָט ער זיך ניט באַרואיקט, ביז ער האָט דעם הערצאָג דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט, בכדי ער זאָל זיך ווייטער אָפעסן דאָס האַרץ איבער דעם פסק. אגב אורחא האָט ער אַמאָל אַ וואָרף געטאָן: „איצט וועט די געשיכטע מיט די דאַמען געץ בעסער מאַרשירן, נאָכדעם ווי מיר האָבן דעם יונגען קאָפנהייפער אָפגעשאַפט פון וועג". דער הערצאָג האָט שוין געוואָלט אַרויסשפּרינגען, נאָר עס איז אַרויס סך הכל אַ ברום. און ער האָט געענטפערט ניט מיט קיין שטאַרקן קול: „מיר? מיר?"
אָבער זיס האָט זיך באַגענוגט מיט אַ שמייכל און האָט געשוויגן

זיינע שונאים האָבן זיך דערוואוסט, אַז דער הערצאָג האָט געהאַלטן, אַז דער איד איז זיך באַגאַנגען מיטן יונגען קאָפּנהייפער צו שטריינג, און אַז ער, דער הערצאָג, איז געווען ניט צופרידן מיט דער מעשה. האָבן זיי ניט פאַרשטאַנען דעם הערצאָגס געדולדיקייט און האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט. בכדי אופצורייצן דעם הערצאָג, זיי האָבן דערציילט און דערוויזן מיט אַ כך ציפערן, ווי אַזוי זיס קוועטשט און זויגט אויס דאס לאנד, נאר פאַר זיינע אייגענע קאַסעס, און פאַרן הערצאָג קומט דערפון גארנישט ארויס, ווי אזוי אין יעדער געשעפט טוט ער אפנארן און באַשווינדלען דעם הערצאג. זיי האבן גערעדט כמעט צוויי שעה, און קארל אלכסדר האָט זיי ניט אָפּגעשטויסן; ער האָט זיי אויסגעהערט ביז צום סוף. נאָך מער, ער האָט געלאָזט עטלעכע פּרטים, וואס ער האָט ניט גוט פאַרשטאַנען, זיך דערקלערן נאָך אַ מאָל. קודם כל האָט ער געלאָזט דאָס באַרטעלעמי פּאַנקאָרבאָ אויסטייטשן, ווי אומפאַרשעמט זיס נאַרט אים אָפּ מיט מינערווערטיקע שטיינער. אַז די הערן זיינען פאַרטיק געווארן, האָט ער זיי אָפּגעלאָזט העפלעך, אָן צו זאָגן זיין מיינונג.

אפן צווייטן טאָג איז געקומען זיס אין דער רעזידענץ, ניט גערופענערהייט. ער האָט געהערט, האָט ער געזאגט, אַז מען אינטריגירט איבער אַ נייס קעגן אים. וואָלט ער געוואָלט זיך פאַרשפּאָרן די חרפה, אַז מען זאָל אַ צווייטן מאָל דורכנישטערן זיינע פּאַפּירן, דעריבער בעט ער נאָך אַ מאָל, אונטערטעניקסט און דרינגלעך זיין דעמיסיע.

„הער, איד!“ האָט געזאָגט קאַרל אַלכּסנדר, „דו האָסט מיר אין אָקטאָבער פאַרקויפט אַ שטיין פאַר עפּעס מער ווי פינף טויזנט דוקאַטן, וואָס איז דער שטיין ווערט?“

„היינט קיין פינף הונדערט ניט“ האָט געזאָגט דער איד און דאָס אויג גלייך אין הערצאָגס אויג מיט אַן עזותדיקן, פאַטאַלן שמייכל האָט ער ווייטער גערעדט; „יאָ אַזעלכע שטיינער האָבן אַ ווערט פאַר אַ ליבהאָבער און זייער פּרייז בייט זיך.“

„עס איז גוט,“ האָט געזאָגט קאַרל אַלכּסנדר. דערנאָך האָבן ביידע געשוויגן. דער הערצאָג האָט אָנגעקלונגען און גע-

הייסן רופן תיכּף דעם הויף־קאַנצלער שעפער, וואָס צום גיכסטן. עס זיינען אָבער פאַרביי צוואַנציק מינוטן, ביז דער קאַנצלער איז געקומען, און בעת די דאָזיקע צוואַנציק מינוטן האָבן ביידע מענער נים גערעדט קיין וואָרט, זיי האָבן אויך נים געטראַכט איינער פון אַנדערן, עס איז געווען אַ טיף, וואונדערלעך, אָנגעפילט שווייגן אין דעם ליכטיקן, ברייטן, גרויסאַרטיקן חדר. בילדער און חלומות זיינען געקומען און געגאַנגען פון הערצאָג צו זיך און פון זיך צום הערצאָג. די ברומענדיקע שטים דעם מקובלס איז געווען אין די דאָזיקע חלומות. און דאָס טויטע קינד איז אין זיי געווען, די פינגער אויסגעשטרעקט ווי דער אות שין.

צו לעצט איז געקומען הער פאָן שעפער. ער איז געווען צווישן זיס׳ שונאים. ער האָט זיך באַגאַסן מיט שווייס, אַז ער האָט דערזען דעם אידן. משער געווען אַז דער הערצאָג וויל אים אַנטקעגן שטעלן קעגן אידן, און אים וועט זייער שווער זיין צו באַשטיין אַנטקעגן אָט דעם שדיש־דורכגעטריבענעם מענטשן.

אָבער עס האָט געטראָפן עפּעס אַנדערש. קוים איז דער קאַנצלער אַריין, האָט דער הערצאָג זיך אויסגעגלייכט און האָט געזאָגט שטרענג, מיליטעריש, אייזקאַלט, מיט באַפעל צו זיין מיניסטער, וואָס איז געשטאַנען אַ צעטומלטער: „דער איצטיקער הער פינאַנס־דירעקטאָר באַקלאָגט זיך, וואָס מען טראַכט אויס בלבולים אַף זיין געשעפטס־פירונג און פאַרלאַנגט זיין דעמיסיע. אין באַטראַכט פון זיינע אויפטועו, וואָס ער האָט געטאָן צו אונזער פּולקומען, גענעדיגן פאַרגעניגן, ווילן מיר, אַז אַליץ זאָל געטאָן ווערן אום אים צו האַלטן. בכן זייט אַזוי גוט עקסעלענץ תיכּף אָנצושרייבן אַ כּתב. אַ לעגיטימאַציע־כּתב אָדער אַבסאָלומאָריום, אָדער ווי איר ווילט דאָס אָנרופן, אַ הערצאָגלעכע געזעץ־פאַראָרדנונג, וואָס דאַרף אַראָפּנעמען פון הער פינאַנס־דירעקטאָר די אַחריות פאַר אַלע זיינע מעשים, פאַר די געוועזענע און אויך פאַר די קומענדיקע. קיינער, זאָל דאָס זיין ווער עס וויל, טאָר בא אים נים מאָנען קיין דין־וחשבון פון דעם, וואָס ער טוט. זייט אַזוי גוט אָנצושרייבן דעם דאָזיקן דאָקומענט אין דער געהעריקער פאָרם און אונז דערלאַנגען צו חתמען, בכדי עס זאָל

קאָנען פּובליקירט ווערן אין קומענדיקן אָפּיציעלן וואָכנבלאַט, מיר וואַרטן."

קאַרל אַלכּסנדרס שטים, בעת ער האָט דאָס גערעדט, האָט געקלונגען אַזוי אייזיק געמאָסטן, אַז דער דערשראָקענער קאַנצלער האָט קיין העזה ניט געהאַט צו ריידן דערגעגן, ניט דער הערצאָג, ניט דער איד האָבן קיין איין וואָרט ניט אויסגערעדט פאַר דער צייט, וואָס שעפער האָט געשריבן דעם כּתב. אָן צו ריידן אַ וואָרט האָט קאַרל אלכּסנדר אים געחתמעט. דערנאָך קוים זיך איינגעהאלטן, איז ער אָנגעפאָרן דעם קאַנצלער מיט רוגזא: „אין אָפּיציעלן בלאַט אָט די שטאַטעו!" אַ פאַרציטערטער איז דער מיניסטר אַוועק.

זיס האָט געדאַנקט מיט די הכנעהדיקסטע, איבערגעגעבנסטע אויסדרוקן פאַר דעם גוואַלדיקן, ניט פאַרדינטן חסד אין פאַרן אייסער געוויינטלעכן צוטרוי. נאָר אין זיינע אויגן איז קיין דאַנק ניט געווען. זיי זיינען געווען דרייסט און אופרייצנדיק און חוזקדיק. שטום און פיינטלעך האָבן ביידע מענער זיך אָפּגעמאָסטן, און קאַרל אַלכּסנדר האָט איינגעזען, אַז ער האָט זיך נאָך ניט אויסגעקויפט.

"גיי, אידו!" האָט ער זיך צולעצט צעשריען אַן אופגעקאכטער. און זיס איז אַוועק. אָבער ניט ווי דער קאַנצלער. פּאַמעלעך איז ער געגאַנגען און מיט אופגעהויבענעם קאָפּ און מיט טיפן, בייזן שמייכל, באַהאַוסט אין זיין מאַכט.

געבליבן אליין, האָט דער הערצאָג זיך פאַרכליניעט אין זיין גרימצאָרן. ער האָט זיך געריסן, געשלידערט, צעוואונדיקט זיך אָן יענער פאַרבאָרגענער, ניט=צו=צערייסנדיקער, גרוילִיקער פאַרבינדונג צווישן אים און יענעם.

דער זעמל־בלאָנדער עקספּעדיציע־ראַט גענץ וואס איז איצט, הידושדיק יונג, אופגעהויבן געוואָרן צום ראַנג פון קאַמער־פּראָקוראַטאָר אין דער געהיים־קאַנצעלאַריע, האָט מיט אומצופרידנקייט זיך צוגעקוקט צו די גאַלאַנטע באַמיאונגען פון הערצאָג ארום זיין מוטער, דער געהיים־ראַטין יאָהאַנאַ אולריקע גענץ, און זיין שוועסטער, דער דעמוזעל עליזאַבעט סאַלאָמעאַ. ער האָט ניט געוואוסט; ווי ער זאָל זיך האַלטן. פון איין זייט, איז דאָס געווען אַ כבוד, ווען דער סוועררן מאַכט דעם הויף אַ דאַמע, און עס איז געווען דער חוב פון אַן אונטערטאַנין צו געהערן מיטן גוף און מיט דער נשמה דעם פון גאָט באַשטימטן מושל; אויך פאַר זיין קאַריערע האָט די דאָזיקע נייגונג דעם סוועריענס נאָר געקאָנט זיין נוציק. פון דער אַנדער זייט האָט אָבער דער וועג פון הערצאָג און צום הערצאָג כסדר געפירט דורכן אידן; נאָך מער ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז עליזאַבעט סאַלאָמעאַ איז דער איד כמעט ליבער ווי דער הערצאָג. און הגם זיס איז דורך זיין מצב באַם הויף אין אַ געוויסער מאָס געלייטערט געוואָרן פונם געוויינטלעכן געשטאַנק פון אַ אידן, איז דאָך דאָס געווען אַ פּיינלעכע פאָרשטעלונג זיך אויסצומאָלן די שוועסטער און מוטער אין אַ נאָענטערער פאַרהעלטניש צום דערמאָנטן אידן. וואָלט דער עקספּעדיציע־ראַט אפשר געמאַכט אַ קורצן סוף צו זיינע ספקות, גענומען זיין דעמיסיע, זיך צוריקגעצויגן מיט דער מוטער און שוועסטער אין זיין לאַנדשן הויף באַ הײלבראָן, נאָר די געשיכטע מיט דער נעאַפּאָליטאַנערין און קאַרל אלכסנדרס קריינק האָט אים געהאַט אַזוי טיף צעטומלט, ער האָט געזען זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַ שווערן חטא קעגן זיין פירשט; און זיין געוויסן האָט אים ניט געלאָזן טאָן אַזאַ שריט. שטום און מיט פאַרקלעמטן האַרץ האָט ער געלאָזט גיין די געשעענישן.

זיינען זיי אָבער צוערשט געגאַנגען פּאַוואָליע און פאַרהאַקט זיך. זיס פלעגט אַלעמאָל פאַרהאַמעווען און ניט לאָזן דעם הערצאָג זיך ריידן פון אָרט. יענער פלעגט טיילמאָלס זיך אויסמאָלן דעם פּלאַן אויך דאָס מאָל, ווי אַ סך מאָל פריער, אָפּצוזוימען די פּרוכט איבער געוואַלד; אָבער ער האָט זיך געוואָלט באַרימען

פאַרן אידן, אַז ער קען מנצח זיין אויך מיטן בלויזן געווער פון גאַלאַנטקייט. ער האָט, בכן, אויסגעוואַרט; נאָר דאס לאַנגע וואַרטן האָט זיין גלוסט אַלץ מער צעבלאָזן.

ער פלעגט שיקן די דאַמען, אַמאָל דער מוטער און אַמאָל דער טאָכטער, פיינע מתנות. דער שוואַרץ=ברוינער פלעגט זיי ברענגען, דער מאַמעלוק, וואָס האָט אַלע מאָל געשוויגן, אַזוי אַז אין פאָלק האָט מען אים געהאַלטן פאַר שטום. דער געלינקיקער, טונקל=בלישטשענדיקער מענטש איז פרויען געווען געפעלן, ער האָט אויסגעזען אַזוי ווילד און מעלאַנכאָליש און מעשה חיה. בא די דינסטן אין שלאָס און בא אַ סך העכערע האָט ער געהאַט פיל הצלחה. די זיסע, בלאָנדע, צאַרטע דאַמען גען האָבן אים שטאַרק געריצט; שטום פלעגט ער, ווען ער פלעגט ברענגען די מתנות, פרעסן מיט זיינע טיפע, מדבר=טרויעריקע אויגן זייער פאַסטעל=פאַרבענע ליבלעכקייט. אָבער די דעמאָזעל עליזאַבעט סאַלאָמעאַ, ווי זי האָט באַמערקט זיינע דרינגלעכע און אומפאַסי=קע בליקן, האָט אים נאָר אַפן קול אַריינגעלאַכט אין צורה, מעשה יונגע שטיפערקע, וואָס וויל קיין זאַך ניט וויסן.

זיס האָט ביידע פרויען געהאַלטן פעסט באַם שנירל. זיי זיינען ביידע געווען נאַריש און אין אַ גרענעץ פאַרליבט אין אים, אָן צו זיין אייפערזיכטיק צו אַנאַנד. זיי פלעגן פאַרקערט איינע די אַנדערע אַריבערשטייגן אין באַוואונדערן זיינע מעלות. די מו=טער האָט געלויבט זיין גרויסן שכל. זי האָט שוין לאַנג איינגע=זען, אַז ער רעגירט אין הערצאָגטום און ניט קאַרל אַלכסנדר, זי האָט אים געריימט, ווי גוואַלדיק ער איז און ווי אַלע האָבן פאַר אים מורא, און דאָך איז ער ווערט געליבט צו ווערן; די טאָכטער ווידער האָט אים געהאַלטן פאַר אַ מאַן א גיבור און פאָרט ניט מגושם און גראָב. ווי אַנדערש איז ער געווען, איידער דער היציקער מיכאל קאָפנהייפער, ווי אַנדערש, איידער די פיל=דערנדיקע, ברוטאַלע אָפיצערן. און אָנגעשפאַרט זיך אָן אַנאַנד ווי שוועסטער, האָבן זיי פון אים פאַנטאַזירט און האָבן הנאה געהאַט דערפון, וואָס ביידע ערשטע פרויאָנען אין לאַנד, דער

הערצאָג, און דער איד, מאַכן זיי דעם היף, דער עקספּעדיציע־ראַט, בעת מעשה, האָט פאַרקלעמט געשוויגן.

זיס וואָלט געקאָנט האָבן ביידע פרויען פריער פאַרן הערצאָג. נאָר ער פלעגט טונקל צושמייכלען, ווען ער פלעגט וועגן דעם אַ טראַכט טאָן; ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי זיי וואָלטן געווען צו הויך פאַר אים, האָט זייער אַנטקעגן קומען געמאַכט זיך ניט וועגנדיק, האָט זיך באַגענוגנט זיי צו פירן אזוי, זיי זאָלן דעם הערצאָג ניט אָפּלאָזן פון אויג.

אין יענער צייט האָט געטראָפן, אַז אַ האָלענדישער יוועליר האָט אָנגעבאָטן צום פאַרקויף אַ באַזונדערס טייערן שטיין, וואָס האָט געהייסן גן=עדן=אויג. ער האָט געשטאַמט פון אינדיען, אַן ענגלישער אוואַנטוריסט האָט אים געהאַט אַראָפּגעבראַכט פון דאָרט. ער האָט אים מסתמא אָנגעשאַפט זיך ניט אויף אַ כשרן וועג. נאָר אַלץ איינס, דאָס גן=עדן=אויג איז געווען דער שענסטער און ריינסטער שטיין פון זיין מין אין אייראָפּע. דער גרויס=וועזיר האָט געוואָלט באַצאָלן פאַר אים אַ גוואַלדיקן פּרייז; אָבער איידער דער דאָזיקער אוצר זאָל פאַרשוואונדן ווערן אין מזרח=לאַנד, האָט דער אַמסטערדאַמער סוחר אָנגעפרעגט בא די גרויסע הארן פון דער קריסטלעכער וועלט, צי קיינער פון זיי וועט ניט אויסדינגען באַם היידן דעם שטיין.

איין מאָל, בעת די דאַמען גען האָבן געריסט קאַרל אַלכסנדרס מתנות, האָט זיס גענומען ריידן מכח דעם גן=עדן=אויג, און אַז מען קען איצט דעם שטיין קויפן. ווער עס גיט אַ דאַמע אַזאַ צירונג אַ מתנה, דער באַווייזט, אַז ער האָט זי מיט אַן אמת ליבּ; ווער עס באַט אָן אַזאַ פּרייז, פאַר דעם איז די געניגטקייט פון דער דאַמע ניט צו וואָלוול געקויפט.

עס איז געשען, וואָס זיס האָט געוואָלט. קיצלדיק און פון אויבן אויף האָט די דעמאָזועל עליזאַבעט סאַלאָמעאַ געשמועסט מיטן הערצאָג וועגן דעם גן=עדן=אויג. קאַרל אלכסנדר האָט גערעדט מיט דאָס באַרטעלעמי פּאַנקאָרבאָ וועגן דעם שטיין, און וואָס קאָן ער קאָסטן. יאָ יאָ, דאָס איז שוין איין מאָל אַ דימענט און אַ כלי יקר. דאָס דער פּאָרטוגעז געזאָגט מיט זיין פאַרמוכל־

טער שטים און האָט מיט גלוסטונג אַרויסגעשטרעקט דעם דאַרן האַלז פון דעם ריזיקן שפּיצן-קאָלנער. נאָר קאָסטן קאָכט ער! און ער האָט אָנגערופן דעם פרייז, וואָס דער גרויס-וועזיר האָט געבאָטן. פינף מאַיאָנטקעס מיט די דערפער וואָס געהערן צו זיי האָט מען דערפאַר געקאָנט קויפן. קאַרל אלכּסנדר האָט זיך אָפּגעטרייסלט, אַז ער האָט דערהערט די גוואַלדיקע סומע, און האָט ניט געהייסן קויפן.

ער האָט געשפּירט, ער האָט זייער גוט געוואוסט, ווער עס האָט אָנגעצונדן דעם חשק אין דעם צאַרטן, בלאָנדן קאָפּ. אָבער ער איז ניט געווען משוגע, אַז ער זאָל אַרויסוואַרפן דאָס גוואַלדיקע געלט — וויפיל לאַנד און זעלנער מען האָט דערפאַר געקאָנט קויפן! — פאַר א פרוי, וואָס ער וואָלט זי סוף כל סוף אָן מחוקות געקאָנט אַריינוואַרפן אין בעט; און זאָל קיינער אים ניט זידלען, וואָס ער פטרט אַוועק אַזוי פיל צייט, קאָמפּלימענטן און מתנות אַף די ווייבער. אָבער איצט וועט דער איד אים אָנרופן קמצן און קנורע, אַף זיין דורכגעטריבענעם, גלאַטן, מנוולדיקן שטייגער וועט ער די ווייבער אַריינזעצן אַזעלכע מוקן אין קאָפּ, אַז ער וועט פאַר זיי שטיין ווי א קמצן און אַ האַרפּאַגאָן. אויך זיין גלוסט האָט זיך געשטאַרקט. מוט און טייוול! צי קאָן א פרוי מיט פאַרגעניגן טאָן דעם רצון פון אַזאַ איינעם, וואָס שטייט פאַר איר אַזוי ווי א מיאוסער קנורע? האָט געלאָזט רופן באַרטעלעמי און האָט געהייסן, צו יענעמס גרויסער הנאה קויפן דעם שטיין.

אָבער אַז פאַנקאַרבאָ איז אין איילעניש אַ פאַרפלאָמטער געקומען צום סוחר, איז דאָס גן-עדן-אויג שוין געווען פאַרקויפט. וועמען? דאָס האָט דער סוחר ניט געוואוסט. אַ פאַרמיטלער האָט, אָן זיך צו דינגען, באַצאָלט ניט אין א ערך א גרעסערן פרייז, ווי דער גרויס-וועזיר האָט געבאָטן.

„איז אוודאי גוט!“ האָט געשמייכלט צופרידן דער הערצאָג, דערציילט די מעשה די דאַמען גיך, באַדויערט, וואָס ער האָט זיי ניט געקאָנט פאַרשאַפן דעם פאַרגעניגן.

אין צוויי טעג ארום האָט זיס געשאָנקען דער דעמואַזעל עליזאַבעט סאַלאָמעאַ דאָס גן־עדן־אויג. עס איז געווען אַן איבער אַלע מאָסן טייערע מתנה, אין גאַנץ מערב־דײַטשלאַנד האָט מען געקענט דערפֿון, דער יונגער עקספּעדיציע־ראַט געץ האָט לחלוטין ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל אנהייבן טאָן.

ניט געראָפֿענערהייט איז זיס געקומען צום ברוגזן הערצאָג, אַף דעם שטייגער, ווי קאַרל אלכסנדר איז זיך נוהג געווען, האָט ער געלויבט עזותדיק, שמאַלציק, בפֿרומרוט און מיט אַלע פּיטשעשעוקעס די אָנגענעמע מעלות פֿון דער דעמואַזעל.

אופגעהויבן דעם פּויסט, האָט זיך קאַרל אלכסנדר אַן אָנגעצונדענער געלאָזט מיט זיין שווערן גוף צום אידן. יענער איז געשטאַנען און האָט זיך ניט גערירט און האָט אים אנגעקוקט.

נאָר קאַרל אלכסנדר האָט זיך איינגעהאַלטן. האָט געסאָפּעט כאָרכלענדיק: „מיר זיינען קוויט, אידן!” האָט ער צולעצט אַ זאָג געטאָן הייזעריק.

אָבער דער איד האָט געשוויגן, און דער הערצאָג האָט געוואוסט, אַז ער איז נאָך ניט אויסגעלייזט.

דערווייל האָט מען אין דער רעזידענץ פונם פירשט-ביסקופּ פון ווירצבורג געהאַט אויסגעפּלפּולט אַ באַזונדערס פיינעם, שפּי-ציקן פּלאַן. לויטן מוסטער פון דער רעגירונג פון עסטרייכישן נידערלאַנד האָט ווירטעמבערג געדאַרפט איינגעטיילט ווערן אין צוועלף מיליטערישע קרייזן. דער אויבער-קאָמאַנדיר פון איטלעכן קרייז באַדאַרף קריגן אַ פולק סאָלדאַטן, די באַאַמטע דאַרפן גע-שטעלט ווערן דירעקט אונטער זיין באַפעל. דאָס האָט באַדייט אַ ריין מיליטערישע פאַרוואַלטונג פון לאַנד, די לעגאַליזירונג פון דער אויטאָקראַטיע פון מיליטער.

בכדי איינגאַנצן צו פּאַראַליזירן דעם פּאַרלאַמענט איז געווען צוגעגרייט אַ דעקרעט, אַז אויף יעדער זיצונג פון דער עלפער-קאָמיסיע זאָל זיין דערביי אַ געהיימראַט, באַשטימט פון הערצאָג. דער דאָזיקער באַאַמטער האָט באַדאַרפט באַגרינדן דעם הערצאָגס פאָרשלאַגן, צוגלייך אָבער אויך אויפּפּאַסן אויף יענע, וואָס ווילן זיך אַרויסזאָגן קעגן די פאָרשלאַגן; אויב זייער מיינונג איז די ריכ-טיקע, זאָל מען זי טאַקע אָננעמען, איז אָבער די אָפּאָזיציע מחמת לויטער רשעות און ווידערשפּעניקייט, וועט מען דעמאָלט איינעם אָדער עטלעכע אַוועקזעצן אין פעסטונג.

פאַרטיק־קנדיק אָן אַ שיעור שאַלן קאָווע, האָט דער געהיים-ראַט פּיכטל, אונטערשטיצט פון קאָנסיסטאָריאַל-פּרעזידענט, אויס-געאַרבעט אַ בפּרטיותדיקע, טייוואָלאָניש-קונציקע דעדוקציע, וואָס האָט געדאַרפט דערווייזן, אַז אָט דער גוואַלד - דעקרעט שטימט מיט די געזעצן און סטאַטוטן און אָפּמאַכן פון דער דייטשער אימפּעריע, מיט תמימותדיקער גרינטלעכקייט איז אין דער קאָנ-סטיטוציע אַריינגעטייטשט געוואָרן דער היפּוך דערפון. וואָס אין איר איז געשטאַנען, מיט דער פיינסטער אַדוואָקאַטישער קונסט איז געוואָרן אויסגעשפּילט דער עיקר דער אַרגומענט, אַז באַ פאַרצייטיקע אָפּמאַכן צווישן דעם האַר און דעם לאַנד דאַרף מען קודם כל נעמען אין אַכט, אין וואָסערע צייטן זיי זיינען געמאַכט געוואָרן; דאָס, וואָס איז מיט יאָרן צוריק געווען גוט, קאָן באַ היינטיקן טאָג שוין צו גאָרנישט ניט טויגן.

טווינטער הענט האָבן מיט התמדה געאַרבעט איינס צום אַנדערן. דער פּויפּסט און דער קיסר האָבן אַרויסגעוויזן זייער סימפּאַטיע דורך אופמונטערנדיקע אנצוהערענישן; יענע אַלטע, געפּלדיקע אָפּמאַכן, וואָס קאַרל אלכסנדר האָט אָפּגעשלאָסן מיט די ווינער יועצים, איידער ער האָט איבערגענומען די רעגירונג, וואָס לויט זיי האָט ער באַדאַרפט שטיצן דעם קיסר מיט מיליטער אין פראנצויזישן קריג, און דער קיסר האָט אים באַדאַרפט העלפן אָפּצוהיטן זיין סוווערעניטעט, האָבן פּלוצים געקראָגן פאַר דער ווירטעמבערגער קאָנסטיטוציאָנעלער פּאַרטיי אַן ערנסטן, געפערלעכן באַטייט. דער אַלטער פירשט טורן און טאַקסיס איז געפאָרן אין עסטרייכיש נידערלאַנד און האָט פון דאָרט אויס געגעבן דירעקטיוון פאר דער שטוטגאַרטער פאַרוואַלטונגס-רעפאָרם. פאַר דער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע האָט געזאָרגט שטריינג און גראָב רעמכינגען, פאַר דער פינאַנסיעלער זיס, פאַר דער דיפּלאָמאַטישער פיכטל, פאַר אויסהוילן און צעברעקלען דעם פאַרלאַמענט ווייסנזיי.

קאַרל אלכסנדר האָט געאַרבעט אָן רו, פיבערדיק. גאָט ווייס, עס איז ניט געווען די הימלישע מאַריא, וואָס צוליב איר איז ער אַריין אין דער רוימישער קירך, נייערט מאַריע אויגוסטע פון טורן און טאַקסיס און א זאַק פול דוקאַטן. אָבער ניט געקוקט אף איינציקע פריידיינקערישע וויצן, איז ער ניט געווען גענויגט צו א פּרינציפּיעלן און אָן-טענותדיקן, מאָרישן אַטעאיזם. ער האָט זיך געשפּירט זייער גוט אין די צערעמאָניעס פון דער קירך, פאַר אַ סאָלדאַט און אַ גרויסן האַר האָט די דאָזיקע רעליגיע א סך שענער געפּאַסט. באַזונדערס האָט אָט דער גלאַנץ-פולער גלויבן אַ סך בעסער געשטימט מיט די גרויסאַרטיקע אוניפאָרמעס, וואָס ער האָט ליב געהאַט. אויך איז עס געווען באַקוועם ווײַלעווייז צו זאָגן ווידוי פאַרן מילדן און באַלייבטן פאַטער קאַספּאַר, הגם די פאַרבאָרגנסטע און זינדיקסטע געדאַנקען האָט מען קוים געקאָנט אַרויסזאָגן פאַר אַ צווייטן, מען האָט עס אפילו פאַר זיך ניט געקאָנט כאַפּן רעכט אַ צווייט מאָל.

איצט איז זיין אָפּגעלאָזענער גלויבן געוואָרן ערנסט, האָט

געקראַנן האָפּט. אויב פריער איז רעליגיע פאַר אים געווען נישט מער ווי פּאָליטישער מיטל, ווי פּראַקטישער פאַרבאַדינג, אַז דער קיסר און רוים זאָלן אונטערשטיצן די מיליטערישע אווטאָקראַטיע אין שוואַבן, אָדער אין בעסטן פאַל דעקאָראַציע, האָט איצט דער אַבסאָלוטיזם, וואָס ער האָט צו אים געשטרעבט, אָנגעהייבן פּאַ־וואָליע פאַר אים זיך מיסטיש צו פאַרנעפּלען. ער האָט זיך געזען שטיין אין דינסט פון אַ גרויסער, געטלעכער אידיי; די מאַכט, וואָס פאַר איר האָט ער געקעמפט, איז געווען עפּעס הייליקס, קאַמף פאַרן גאָט־דינסט, צו דער פרייד פון פאָטער קאַספּאַר און פון די באַפריינדעטע גייסטלעכע פירשטן איז ער קענטיק געוואָרן פרימער און שטרייַנגער באַם אָפּהיטן די מנהגים.

עס איז אָבער געווען אַזוי, אַז אין אָט דעם גאָט־דינסט האָט ער, אָן זיך אָפן דערין מודה צו זיין, געזען אַ כפּרה פאַר זיין אויסטערלישער, שנאה־פולער און ניט צו צעשטערנדיקער צו־געבונדנקייט צום אידן, מיט פאַרשפּיצטן פּלפּול, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט באַ די יעזואיטן, האָט ער זיך איינגערעדט, אַז דעם אידן באַדאַרף ער האָבן איבער פּאָליטישע טעמים, אַז נאָר דעריבער האַלט ער אים באַ זיך, הגם ער רייצט אַלעמען אויף. ווי נאָר ער וועט זיין באַם ציל, וועט ער דעם זשוליק כאַפּן פאַרן קאַרק און אים אַריינזעצן אין פעסטונג. טיילמאָלס פּלעגט ער זיך איינריידן, אַז אויב ער וועט אויספירן דעם נצחון פאַר דער קירך אין שוואַבן, וועט גאָט אים געווים באַלוינען און באַ־פרייען אים פון דער פּיינפולער פאַרבינדונג מיטן אידן.

אָ, ער האָט ניט באַדאַרפט זיך ווענדן צום אידישן מאַגוס און ניט אָננעמען זיינע נביאות. די צווייטע האָט ער אָנגענומען, איצט האָט אים געבראַכט יענעם: „דאָס ערשטע זאָג איך ניט.״. האָט ער געשריבן דרינגלעך צו זיין גוטן פריינט דעם פירשט־פריאָר פון איינזידעלן אין דער שווייץ, אַז ער, וואָס איז אַליין געווען אַ גרויסער אַסטראָלאָג, זאָל אים צושיקן אַ קאַטוילישן שטערן־זעער און וואַרזאָגער. באַלד איז טאַקע געקומען צו פאַרן אַזאַ מאַגוס. ער איז געווען שטאַרק פאַרשיידן פונם מקובל. יענער האָט אין זיין הילוך און אין זיין אופפיר ניט געהאַט קיין שום

אומגעוויינטלעכס און דאָך איז אימלעכן, ווער עס האָט אים געזען, עפּעס געוואָרן מאָדנע און פרעמד. אָבער דער מאַגוס פונם פירשט־פּריאָר איז אַראָפּגעקומען מיטן גאַנצן פּאַראַד און קלאַפּערגעצייג פון א פּראָפעסיאָנעלן שוואַרץ־קינצלער. ער האָט מיטגעבראַכט דרייפוס, דרייעקן, שפּאַקטיוון, קאָלבעס, כישופדיקע פּאָרקעוועס. האָט פאַרלאַנגט אן אָפּגעזונדערטן חדר אין א טורעם, פלעגט אַרויפקריכן בא נאַכט, אָנגעטאָן אין א העמד באַמאָלט מיט א סך פיגורן, אָפן דאָך פון שלאָס און מאַכן משונהדיקע השבעות. האָט געלאָזן בריינגען ערד פון גוטן אָרט. האָט געקליבן שווייס פון פענסטערן בא דער וואַקסנדיקער לבנה, האָט געברענט אַספּעס אף קויל און האָט געמאַכט כדומה נאָך אַזעלכע וואונדערלעכע קונצן. אָפּטמאָל ארום האַלבער נאַכט פלעגט פון זיין צימער אַרויס זיך לאָזן הערן א מוראדיקער רעש, און די לאַקייען, וואָס האָבן ניט געקוקט אף זייער פחד אים נאָכגעשפּיאָנירט, האָט זיך אויסגעוויזן, ווי עס וואָלט אַרויסגעשטורעמט דורכן פענסטער א פערד מיט א שווערן וואָגן בא קלינגענדיקע גלעקלעך. דער אַסטראָלאָג האָט צוגעזאָגט דעם הערצאָג, צו באַשטימען אים לויט די שטערן געניי דעם ריכטיקן טאָג פאַר זיין אונטערנעמונג, אַפילו די ריכטיקע שעה. דער הערצאָג האָט זיך אָפן מודה געווען, אַז דער דאָזיקער מענטש מיט גאָר זיין כישוף גיט אים ווינציקער איינדרוק און צוטרוי, איידער דער מקובל מיט זיין שטילקייט און פשוטקייט; און אַז זיס האָט אים איינמאָל, מיט דירעקטן שפּאָט קעגן דעם אַסטראָלאָג, אָנגעוויזן אַף א האָרבאַט: „הער הערצאָג, דאָס זיינען די בעסטע שטערנזעערס און וואַרזאָגערס", האָט ער אַף א קול זיך אויסגעלאַכט. פונדעסטוועגן האָט ער איצט געפילט זיין געוויסן רואיקער, נאָכדעם ווי ער האָט אַראָפּגעבראַכט דעם קריסטלעכן חכם איבעריקנס. האָט מען דאָך פון דעם אידישן כשוף־מאַכער סיי ווי סיי גאָרנישט מער געקאָנט אַרויסקריגן.

קאַרל אַלכסנדר, הגם זיס האָט פון אים געהאַט אַרויסגעבאַכט דעם ביסן, האָט פאָרט ניט געקאָנט באַשטיין דעם נסיון צו פּרואוון פון זיין זייט די דאַמען געץ, וואָס דער איד האָט איצט

מיט גרינגשאַציקן חוזק אים זיי צוגעוואָרפן, אָבער ער האָט דאָך ניט געהאַט די געוואונטשענע הנאה, מסתמא ווייל ער האָט געטראכט וועגן אידן, זיך אַלץ מער אַריינגעביסן מיט מער היץ אין דעם קאַטוילישן פּראָיעקט, האָט ער די דאַמען אין גיכן אינגאַנצן פאַרלאָזן. איצט זײַנען די דערנידעריקטע געזעסן; זיי האָבן ניט געקאָנט אויסבאַהאַלטן זייער טרויער אַף די צאַרטע פּאַסטעל־פּנימער, באַזונדערס די מוטער האָט קענטיק גענומען עלטער ווערן. דער עקספּעדיציע־ראַט האָט פאַר זיך אַרויסגעסקריעט יענעם פערז פון דער קאָמעדיע, וואָס אַף איר האָט ער זיך באַקענט מיט דער נעאַפּאָליטאַנערין: „די פרוי וואָס ציט אונז אָן איז ווי אַ טוי, וואָס פאַלט פון הימל, — נאָר נאָכן גענוס איז זי פאַר אונז ניט מער, ווי שטויב און שימל“, און ער האָט ניט געוואוסט, ווי ער זאָל זיך האַלטן. ער האָט געשוימט פאַר כעס, ער האָט איצט געטראַכט ערנסט מכח דעם, זיך צו דערווייטערן אַף זיין הויף בײַ הײַלבראָן, און אַפילו נאָכדעם ווי ער האָט געשטייגט אין ראַנג, האָט זיין כעס נאָך שטיל אונטערגעברומט.

צום מײַנסט אָבער האָט זיך געקלעמט איבערן צער פון די בלאָנדע, ליבלעכע דאַמען דער שוואַרץ־ברוינער, אָטמאַן, דער מאַמעלוק. ער איז ווי שטענדיק געלעגן פאַר דעם שוועל אין יענער נאַכט, ווען יאָהאַנאַ אולריקע איז געקומען צום הערצאָג, און אין דער נאָך ערגערער, ווען עליזאַבעט סאַלאָמעאַ איז געקומען, ער האָט אין יענער צווייטער נאַכט ניט געשלאָפן, ער האָט זיך צוגעהערט, זיצנדיק אײַנגענורעט פאַר דער שוועל, מיט זיין שאַרפן אויער צו יעדער מינדסטן קלאַנג. און אַז עליזאַבעט סאַלאָמעא האָט פאַרלאָזן דעם שלאָס, איז פּלוצים הינטער דעם רוקן פון הערצאָג, וואָס האָט זי מיט געפילדער אַרויסבאַגלייט, זיין פנים איבערגעביטן געוואָרן, און ער האָט אַף קאַרל אלכסנדר אָנגעשטעלט די אויגן מיט אַזאַ ווילדער, חיהשער שנאה, אַז יענער האָט ניט ווילנדיק אײַנגעקאָרטשעט דעם רוקן, גלייך ווי זיך צו שיצן.

דער שוואַרץ־ברוינער האָט זייער גוט געוואוסט, וואָס דאַ

האָט זיך אָפּגעטאָן. ער האָט געוואוסט, פון וועמען עליזאַבעט סאַלאָמעאַ האָט געקראָגן דאָס גן־עדן־אויג, און ער האָט געוואוסט, וואָס דאָס באַטייט, צום חידוש, האָט ער זיסן דערפאַר ניט פיינט געהאַט; נאָך מער, ער האָט געהאַט א מאָדנע הנאה, וואָס גראָד ער, און ניט אַ קריסט האָט זי געהאַט דער ערשטער. דערפאַר אָבער איז אף אַזוי פיל טיפער געווען זיין שנאה צום הערצאָג.

דער הערצאָג האָט געהאַלטן זיין מאַמעלוק ווי אַ גוטן הונט. ער האָט מסתמא געמיינט, אַז דער שוואַרץ־בּרוינער פאַרשטייט פון זיינע עסקים ניט מער ווי א בּעלי־חי, און האָט דערפאַר ניט געהאַט פאַר אים קיין סודות. וואו קאַרל אַלכּסנדר איז געווען, דאָרט איז געשטאַנען, געזעסן, געווען אנגעשפּאַרט, איינגעקאָרטשעט, איינגעהויקערט אין אַ ווינקל אָטמאַן; בּאַ נאַכט פלעגט ער אפילו ליגן אין אַ ווינקל פון שלאָף־צימער אָדער פאַר דער טיר. אָבער ער איז געווען א סך א בּעסערער בּעל־חשבון, ווי דער הערצאָג האָט זיך געקאָנט אויסמאָלן, ער האָט געהאַט א גוט אָפן אויג און אויער און האָט געקאָנט גוט צונויפקאָמבּינירן אויך זאַכן, וואָס האָבּן נאָר א וויטע שייכות צווישן אַנאַנד. אַף זיין פאַרשלאָסענעם, שטילן שטייגער פלעגט ער איצט טיילמאָלס קומען צו זיסן, אַף זיין פאַרשלאָסענעם שטילן שטייגער, אַזוי ווי כּלאחר יד, פלעגט ער אים אויסזאָגן דעם אָדער יענעם סוד דעם פירשטנס, וואס דער איד האָט ניט געקאנט און ניט געטאָרט וויסן. און דערנאָך האָבּן בּיידע מענער זיך אָנגעקוקט, די פליענדיקע, איצט ווינציקער ארויסגעשטאַרצטע אויגן דעם איינעמס זיינען געגאַנגען אין די שטילע, חיהשע אויגן דעם צווייטנס, און אין בּיידנס אויגן איז געווען די גלייכע, ווילדע, עקשנותדיקע שנאה.

אייניקע שטילע טעג האָט זיס אויסגענוצט, כּבֿדי צו פֿאַרן קיין הירזאַו. דאָס ווייסע הויז איז איצט געלעגן אין גאַנצן שווײַגעדיק. רבי גבֿריאל האָט קיין וואָרט ניט גערעדט; די מענער האָבן זיך באַגריסט, אַחוץ דעם האָבן זיי זיך ניט געזען, צולעצט, אין טעג אַרום, האָט דער רבי ווי איבער געוואַלד געעפֿנט דאָס מויל: „איך זע אונטער פֿלייש און בײַן דײַן פּנים, יוסף.“
„בין איך אַנדערש געוואָרן?“ האָט זיס געפֿרעגט. און מיט פֿאַרביסענעם כּעס ווײַטער: „איצט זע איך מיט אַן אמת אויס ווי אַ רעכטער איד, אָדער בין איך נאָך אַלץ מײַן פֿאָטערס זון?“
„לײַדן קראַצט אַראָפּ דעם טינק פֿון פּנים“, האָט געזאָגט רבי גבֿריאל. „דו האָסט אַן אויסגעליטענעם פּנים, דו האָסט אַ אידישן פּנים. דײַן וועג איז פֿאַלש, יוסף“. האָט ער געזאָגט ווײַטער אין אַ ווײַלע אַרום, „דו וועסט מוזן גיין צוריק“. אָבער זיס האָט געשוויגן און האָט קיין שטריך אין פּנים ניט געביטן, און מען האָט ניט געקאָנט דערקענען, צי ער האָט געהערט. פֿון קינד האָבן זיי ניט גערעדט.
זיס איז געגאַנגען דורך די יום־טובֿדיק פֿרײַלעכע בלומען־טעראַסעס, וואָס דאָס קינד האָט ליב געהאַט. ער האָט אָנגעשטעלט די אויגן אויף די בילדער פֿונעם קבלה־בוים און פֿונעם הימל־מענטש, וואָס מיט זיי האָט זי אירע אויגן געהאַט אָנגעפֿילט. ער האָט זיך פֿאַרקוקט אויף די בלעטער מיט די גרויסע, קאַנטיקע אותיות פֿון שיר השירים, וואָס זי האָט ליבער געהאַט מער פֿון אַלע איבעריקע ביכער פֿון תּנ״ך. אָבער די זיסע און ליבלעכע ווערטער האָבן אים ניט פֿאַרגעקלונגען איר טײַערן קול, אַ הייסע, ווילדע אוהרה האָט אים פֿון דאָרט אַרויסגעווײַעט. ער האָט די בלעטער ניט געקאָנט מער אָנקוקן.
אומגעריכט, אין וואַלד, האָט ער געטראָפֿן דעם קירכנראַט־פּרעזידענט. ווײַסנזיי האָט זיך ווידער געהאַט גענומען פֿאַר זײַן פּירוש צו דער בּיבל, האָט אַרומגעשלוּרעט אין זײַנע גערוימע חדרים מיט די ווײַסע פֿאָרהאַנגען, האָט געפֿירט טיפֿע שמועסן מיטן מאַגיסטער שאָבער. איצט האָט ער געבעטן בײַ זיסן די

ערלויבעניש אים צו באַגלייטן. היות ווי דער איד האָט ניט געענטפערט, האָט ער דאָס אָנגענומען פאַר א הסכמה. פּאַוואָליע, אָפּגעהיט, קאָרג אין ווערטער, איז ער מיט אים נעגאַנגען דורך דעם זון־געשפּריינקלטן וואַלד, און היות ווי יענער האָט אים ניט אָפּגעשטעלט, איז ער מיט אים אויך אַריינגעגאַנגען דורך די טעראַסעס, אין ווייסן הויז אַריין, איז געזעסן מיט אים, שטום, אין אויסטערלישער באַנומענקייט, אין דעם חדר מיט די מאַגישע פּיגורן. אין א ווײַלע אַרום איז אויך רבי גבריאל צוגעקומען צו זיי. זיינען אַזוי געזעסן די דריי מענער איינגעהויקערט, מיט געקרימטע רוקנס, מיט שווערע געדאַנקען, איינגעמאַטערטע. זיי האָבן געזען, אַז זיי זיינען אַלט, זיי האָבן געשפּירט, ווי אַזוי דאָס לעבן גליטשט זיך זיי אַרויס פון גוף, רינט אַוועק אין דער פאַרגאַנגענהייט. רגע נאָך רגע, זיי האָבן דאָס געשפּירט דייטלעך, קערפּערלעך, מיט א ווייטאָקדיקן תענוג, ווי איינע״, וואָס איז קראַנק פון מידקייט, ציט אויס זיינע גלידער, זיי האָבן געשפּירט איינער דעם אנדערנס דרוק, און זיי האָבן זיך געשפּירט איינער אין אַנדערן אין אזא תענוגדיקער מאַטקייט.

אַפּן צווייטן טאָג האָט רבי גבריאל זיך געזעגנט מיט זיסן. ער האָט שוין מער ניט געוואָלט זיך אומקערן אין דאָזיקן לאַנד. זיס איז געווען ווייכער, צוגעלאָזטער ווי געוויינטלעך, הגם ער האָט שטאַרק פּראָטעסטירט קעגן דעם רבין, הגם ער האָט מיט חוזק אָפּגעוואָרפן יענע פאָדערונג צוריקצוציִען זיין ווערג. ווי א ווייכמוטיקע פלאַפּלעריי, פאָרט וואָלט אים גרינגער געווען, ווען ער וואָלט געגליבן דאָ נאָענט נעבן אים. אַפּן פּנים פונם דיקלעכן, מיאוסן מענטשן איז געווען טן אָפּגלאַנץ פונם קינד, נעמים חלומות זיינען געווען הינטער זיין ברייטן, ניט הויכן, אַרויסגעשטאַרצטן שטערן מיט די איינגעקאַרבטע שטריכן פון שין. אויב ער פאָרט אַוועק, בלייבט איצט זיס איינער אַליין. אָבער דאָס האָט ער ניט געוואָלט מודה זיין; ער האָט זיך איינגערעדט, אַז אים פאַרדריסט די מעשה נאָך דערפאַר, וואָס ער וועט איצט מער קיין עדות ניט האָבן, ווי אַזוי זיין ווערג איז דער ריכטיקער

און ווי אַזוי זיין קונציקע נקמה איז דער איינציקער מיטל אים ווידער צו פאַרבינדן מיטן קינד.

ער איז געשטאַנען פאַרן מקובל מיט זיין ריס אין האַרצן און שטאַרק גרייט צו געבן און צו נעמען אַ מילד וואָרט. דער רבי אָבער איז געווען אָנגעבּרוגזט און שלעכט געשטימט ווי שטענדיק, זיינע ביכער און די קבלה־מכשירים זיינען שוין געווען כמעט איינגאַנצן אָפּגעשיקט. מיט זיין סקריפּענדיקער שטים האָט ער דעם אַלטן דינער געגעבן נאָך דעם אָדער יענעם באַפעל. דערנאָך, געווענדט קיין מזרח, האָט ער געזאָגט די תפלת־הדרך, וואו אין דריי ווענדונגען ווערט אויסגעדריקט דער בטחון אין גאָט: לישועתך קויתי ה׳, האָט נאָך געווענדט די טריב־גראָע שטיינערנע אויגן אַף זיסן, ראַויסגעסקריפּעט קורץ דעם לעצטן גרוס: „בלייב געזונט״. דערנאָך איז ער אַוועק, באַגלייט פון יאַנ־טיע, דער דיקער דינסטמיידל, וואָס ער האָט זי געוואָלט אָפּפירן אין איר היים, זיס האָט געזען ווי זיין ברייטער, פעסטער, לייכט־געקרימטער רוקן אין דער אַלטפרייַנקישער הלבשה האָט זיך גערוקט צווישן די בלומען־טעראַסעס און איז דערנאָך פאַרשוואונדן אין וואַלד. גאָר אין דער שטיל האָט ער זיך געוואונשן, דער רבי זאָל זיך נאָך אַ מאָל אומקוקן, אָבער מיט זיין שווערוואַגיקן און געמאָסטענעם און זיכערן טראָט האָט ער געשפּאַנט אַלץ פאַראויס און ווייטער.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן אויך זיס און דער אַלטער דינער פאַרלאָזן דאָס ווייסע הויז, איצט איז דער קליינער, אויס־טערלישער בנין געלעגן אין גאַנצן אָן קלאַנג אין באַזונטער איינ־זאַמקייט. די חדרים זיינען געשטאַנען ווייטאָקדיק נאַקעט, די ווייַ־סע לאָדנס זיינען געווען אָפּטרייבנדיק און אומהדיק פאַרנאָגלט. די יום־טובדיק ליכטיקע בלומען זיין פאַרדאָרבן געוואָרן און קיי־נער האָט זיי ניט באַנייט. מכח דעם פאַרלאָזענעם, אויסטערלישן, שטאָלצן בנין האָט מען זיך אָנגעהייבן דערציילן מעשיות; מען האָט אַרומגעוועבט אַרום אים קינדיש־בלוטדאָרשטיקע פאַנטאַזיעס. זיי האָבן זיך דערטראַגן אויך ביז אין דער הויפּט־שטאָט. אין דעם שיינק צום בלאָען באָק האָט דער קאָנדיטאָר בענץ די

חזירשע אייגעלעך ברייט און מיט רמז אופגעריסן, אריינגעשעפט־שעט די פארציטערטע געסט דעם נייסטן סוד: אין וואלד האָט די העברייאישע העקסעלענץ א באהאלטענע כישוף־וואַרשטאַט. פון בלוט פון קריסטלעכע בתולות, וואס ער וואַרפט זיי אַראָפּ געבונדענע און פאַרפייניקטע פון דאך, בכדי זיי זאָלן אַרופגעשטאכען ווערן אף אייזערנע בלומען אונטן, קאָכט ער א טייוולאַנישן געקעכץ, בכדי כסדר פון דאָס ניי צו געווינען דעם הערצאגס לייטזעליקייט. דער שטן אליין גייט אויס און איין אין אָט דעם כישוף־שלאס אין דער געשטאלט פון א פעטן מאן מיט עק און האָרן און פערדישן פוס.

דאס דינסטמיידל יאַנטיע האט געהאט א קאַץ, אַ גראַ־אַלט, מיאוס באַשעפעניש. רבי גבריאל האָט די קאַץ ניט געקאנט ליידן, און יאַנטיע האט זיך ניט דערוועגט זי מיטצונעמען אף דער ווייטער נסיעה. האָט זי געקלערט בא וועמען זאל זי צום בעסטן אונטערברייגען די קאַץ, און איז געקומען אפן געדאַנק צו ווענדן זיך צום מאַגיסטער יעקב פּאָליקאַרפּ שאָבער. דער מאַגיסטר איז, ווי נאָר עס האָט זיך געשיקט, געשטאַנען בא נעמים וועג, האָט מיט איר גערעדט פרומע בכבודיקע רייד, האָט אויך געמאַכט עטלעכע שטילע פּרואוון, אופצואוועקן זי צו זיין זיבערן, טיפזיניקן גלויבן; קודם כל האָט ער געפּרואווט זי צו ראטעווען דורך פּאַטעטישער רעציטאַציע פון זיינע שירים. אָבער אַז זי האָט די דאזיקע באמיאונגען אפגעשטויסן מיט היץ און מיט צאָרן, האט ער אופגעהערט און זיך באגענוגט, זיין האַרץ צו דערפרייען אין ריינקייט מיט איר מלאכישער געשטאַלט. און אַז ד' איז אזוי פלוצים אַוועקגעקומען, איז דער פּוישבאַקיקער מענטש ארומגעגאנגען טעג לאַנג אין ווייטאָקדיקער פאַרקלעמטקייט, בלאַס, די קינדעריִשע אויגן מעשה איבערגעשראָקענער פויגל, אָנגעפילט מיט אינעווייניקסטן פּאָרוואורף, וואָס ער האָט ניט מיט מער התמדה געסטאַרעט זיך אַרויסצופירן זי פון דעם פאַלשן, פארסמטן וועג פון איר לעבן אין דעם גיטן ים גאָט ארויס. דערנאָך איז ער געשטאַנען באַם וועג, בעת דער קליינער ארון איז געוואָרן ארויסגעטראגן פון וייסן הויז, מיט א קראַנץ פשוטע בלומען, און ער האָט זיך

שטאַרק מצער געווען, וואָס די פיר פינסטערע מענער, וואָס האָבן געטראָגן דעם ארון און וואָס האָבן אויסגעזען ווי טונקעלע און פאַלשע נביאים, האָבן זיין פריינטשאַפטלעכע מתנה ניט געוואָלט אָננעמען. פאַרחושכט איז ער אוועק אהיים, האָט גענומען פען און פאַפיר און האָט אָנגעשריבן א געגראַמטע קלאָג־ליד „אפן טויט פון דער דעמוואָזעל נעמי זים, דער אידין, דאָך בכבודיק.״ די דאָזיקע ליד האָט ער דערנאָך רעציטירט פאַרן דינסטמיידל יאַנטיע, און דערביי זיינען בא ביידן גערונען דיקע, ביטערע טרערן.

אָט דעם גוטמוטיקן, ערלעכן מענטשן האָט דאָס דינסטמיידל אָנגעטרויט איר שוואַרץ־גראָע קאַץ, און ער האָט זי צוגענומען גערן און מיט פריינטלעכע כוונות. בעת דער געלעגנהייט האָט זים געזען דעם מאַגיסטער. דער איד איז איצט, עטלעכע טעג פריער, איידער דאָס הויז מיט די בלומען־טעראַסעס איז פאַרלאָזן געוואָרן, בכדי איינצוזינקען אף שטענדיק אין ווייסער שטילקייט און איינזאַמקייט, ארומגעגאַנגען שטאַרק אומרואיק און אופגערעקט. געשטאַנען צווישן די טולפּאַנען, פאַר דער וואַנט, וואס אַף איר איז געווען אָנגעצייכנט דער הימלישער מענטש, דער קבלה־בוים. ווי נאָר ער האָט דערזען דעם מאַגיסטער, האָט ער אים צוגערופן מיט אַ וואונק, מעשה גרויסער האַר, געשטעלט אים עטלעכע שטרייַנגע און האָפערדיקע פראַגעס. יעקב פאָליקאַרפּשאָבער, וואָס אנטקעגן איטלעכער פריינטלעכקייט איז ער געווען באַשיידן און זאנפט, האָט אין דער ברוגזער און פינסטערער מינע דעם אידנס געזען א נסיון און פרווּעניש, וואָס קעגן דעם האָט ער זיין איינגעבאָרענע פחדנות תיכף אוועקגעשיקט אין ווייטסטן ווינקל אַריין. דער פוישבאַקיקער מאַן האָט זיך אויסגעגלייכט שטאָלץ, מיט קלאַפּנדיקן האַרץ, סאָפּענדיק און האָט זיך געגרייט, מיט דער קאַץ אונטערן אָרעם, צו שטעלן זיך אַנטקעגן דעם שטן פינאַנס־דירעקטאָר מיט די שאַרפע, גוטע כלי זיין פון זיין אמונה און צו צווינגען אים ארופצוגיין אפן רעכטן וועג. זים, וואס האָט געוואוסט פון דעם מאַגיסטער דורך מאַגדאַלען סיבילע, און האָט אויך געהערט וועגן זיינע באַגעגענישן מיט נעמי, האָט אים א

ווילע אויסגעהערט שווייגנדיק, אָבער ניט איראָניש ווי געוויינטלעך, נייערט גיכער פֿאַרקלערט. אַזוי אַז יענער האָט שוין אָנגעהויבן צו האָפֿן און גענומען ריידן מיט מער ברען און מאַכן מיט די הענט. אַזוי אַז די קאַץ איז אַנטלאָפֿן געוואָרן. אָן זיין היציקע רעדע אָפּצושטעלן, האָט ער געזוכט צו כאַפּן די קאַץ. דערווייל איז דער פֿינאַנס־דירעקטאָר, קענטיק, געקומען צו אַ באַשלוס. האָט אומגעריכט, אָבער מילד אָפּגעשטעלט דעם מאַגיסטער. גענומען ריידן אַנדערע זאַכן. און מי האָט ער דעם יונגען מאַן געמאַכט צוטרוילעך, געעפֿנט אים דאָס מויל. אַזוי אַרום איז ער באַלד געוואָר געוואָרן עטלעכע זאַכן וועגן דעם מאַגיסטערס פּריוואַטע ענינים און פֿאַרלאַנגען, און אויך וועגן דער שטעלע פֿון ביבליאָטעקאַר, וואָס האָט אים על פּי יושר געקומט.

צו שאָבערס גרויס וואונדער האָט ער זיך אַרויסגעוויזן לחלוטין ניט יענער הולופֿרנס הרשע, ווי ער איז אומעטום געווען פֿאַרשריען. מיט געדולד האָט ער געלאָזט אויסריידן דעם יונגען מאַן, וואָס האָט אָנגעהויבן פֿון ווייט. האָט אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס פֿאַר זיינע שירים, האָט אים פֿאַרזיכערט, אַז וויבאַלד ווייסנזיי האָט זיך אַרויסגעזאָגט פֿאַר זיינע שירים, וועלן זיי געוויס אָפּגעדרוקט ווערן. די שטעלע פֿון ביבליאָטעקאַר, האָט ער פֿאַרענדיקט, איז אמת פֿאַרנומען, אָבער אפשר איז פֿאַראַן אַן אַנדער אויסוועג.

שוין דעם צווייטן טאָג האָט ער געלאָזט שאָבערן רופֿן און האָט אים פֿאַרגעלייגט אָנצוקומען בא אים פֿאַר אַ סעקרעטאַר; צוליב דעם דאַרף מען האָבן ערלעכקייט און רעטאָריק, און דער מאַגיסטער פֿאַרמאָגט דאָך ביידע זאַכן אין העכסטן גראַד. יעקב פֿאָליקאַרפּ שאָבער האָט אַזוי מיט אַ מאָל בדרך נס זיך געזען אין דער הויפּט־שטאָט און אין קרייז פֿון דער שוועסטער מאַגדאַלען סיבילע, ער האָט זיך געזען אין מיטן דער שטוטגאַרטער געמיינדע, בא דער הייליקער בעאַטאַ שטורם, באַם גוטן, פֿריינטלעכן עמנואל ריגער. ער האָט געזען די מעגלעכקייט צו שמועסן מיטן אידן מכח תשובה טאָן, אפשר אפילו מיטן פֿאַרבלאָנדזשעטן הערצאָג: ער האָט געהערט אַלע מלאכים

אין הימל זינגען און האט מיט שמחה געזאגט יאָ, דערנאָך האט ער אויפגעזוכט די קאַץ, וואס ער האט נעכטן אין זיין צעטומלטקייט געהאט פארגעסן, און האָט דאָס שווארץ-גראָע, ניט שיינע באשעפעניש זארגעוודיק אוועקגעטראגן אף די הענט אהיים.

אָבער אין שטוטגארט, אין דעם גרויסאַרטיקן הויז אף דער ווייגאַס, איז גארנישט געווען פון די אַלע גליקן, וואס ער האָט געהאפט אף זיי, נייערט נאר געדריקטקייט און טומלעניש. אמת מאַגדאַלען סיבילע האָט ער געפונען פריי פון יעטווידער האָפערדיקייט, און אַלצדינג, מיט וואס מען האָט געוואלט זי באַריידן און פאַרשוואַרצן, איז געווען נאָר רשעותדיקע פלוידעריי; אָבער עס איז שוין ניט געווען גאָרנישט מער פון יענער הייליקער און באַגליקנדיקער סודותדיקייט, פון יענער שטראליקער אַנדערשקייט, וואס איז פריער געווען אַרום איר און וואָס האָט אים דערהויבן. זיין געפיל האָט מער ניט געבליט פאַר איר, ער איז געבליבן נאַקעט. דאָס האָט אייִנג געמאַכט און פארטומלט. איז זי דאָך אזוי גאַנץ, ערלעך, בראַוו, פרום. אַז זיין אויסניכטערונג איז געקומען גראָד דערפון, האָט ער זיך ניט מודה געווען.

פיין און טומלעניש אבער, וואָס קיין גלייכן ניט, האט אים פארשאַפט זיין אַרבעט באַ זיסן. ער האָט געהאט א סך פרייע צייט; וואָרום חוץ אים און ניקלאַס פעפלע זיינען געווען נאָך צוויי סעקרעטאַרן פאַר דער ברייט פארצווייגטער פריוואַט-קארעספאנדענץ דעם פינאַנס-דירעקטארס. זיס פלעגט אים רופן צו זיך נאָר זייער זעלטן. אָבער דעמאָלט פלעגט ער אים דיקטירן שריפטן מיט זייער א געפערלעכן אינהאלט. וואס זיינען געווען אַזוי צונויפגעשטעלט, אַז אַפילו פאַרן גרעסטן תמים האָבן זיי געמוזט אנטפלעקן אַלע שוואַרצע פלענער צו פארדאַרבן די עוואַנגעלישע און פאַרלאַמענטאַרישע פרייהייט. אַקטן, וואָס יעדער שורה פון זיי האָט שווער קאָמפראָמיטירט דעם הערצאָג און דעם פינאַנס-דירעקטאָר, דאָקומענטן, וואָס האָבן געגעבן דעם מאַגיסטער אין די הענט די פארבארגנסטע, וויכטיקסטע, גרונטיקסטע פרטים פונם קאַטוילישן פראיעקט.

דעם אומגליקלעכן יעקב פאליקארפ שאָבער האָט די גאנצע נשמה געדרייט און געשווינדלט. זיס פלעגט דיקטירן זיינע שוואַר-

צע, פאַרברעכערישע סודות מיט גלאַטן, נים באַוועגטן שטערן און קול; ער האָט געמוזט האָבן צו זיין סעקרעטאַר אַן אומבאַגרענעצטן צוטרוי. שאָבער איז געווען באַ אים אַף אַ שטעל און געבונדן צו אים. צי זאָל ער איצט גיין, ברעכן זיין וואָרט, מסרן דאָס וואָס ער ווייס, קאַלט באַשווינדלען דעם אידנס צוטרוי? עס איז אמת געווען נאָר אַ איד: אָבער צי וואָלט ניט דעמאָלט איטלעכער מגוול און כל־בוניק געהאַט דאָס רעכט אַנצורופן אים, שאָבערן, זשוליק און צווייצונגיקער רמאי? ווידער אָבער, ווען ער קוקט צו שווייגנדיק, ווי אַזוי דער גלויבן און די פרייהייט פון זיין לאַנד ווערן געמיין און שענדלעך דערוואָרגן אַף טויט און הונדערטער טויזנטער עוואַנגעלישע נשמות ווערן אַריינגעשליידערט אין טיפסטן גיהנם אַריין, — צי איז ער דען ניט נאָר אַ גרעסערער רשע און חוטא?

געצופט און צעריסן פון אַלע הינט פון ספק איז געווען דער מאַגיסטער. ווי אויסדערווײַלט האָט ער זיך אויסגעדוכט אין הירזאַו, בעת ער האָט געהאַט די דינע האָפענונג, אַז גאָט שטעלט אים אַוועק באַם הויבל פון גרויסע מעשים און אויסלייזונג. און איצט איז זיין שטאָלצער, גרויסהאַלטערישער וואונש מקוים געוואָרן אַף אַזאַ אכזריותדיקן, מסופקדיקן שטייגער, אַז ער קאָן ראַטעווען די הונדערטער טויזנטער שוואַבישע עוואַנגעלישע ברידער נאָר דורך מקריב זיין די אייגענע נשמה. געפייניקט איז ער געשטאַנען און ציטערנדיק ווי אַ געשאָרענער הונט. ער איז אַראָפּ פון לייב; באַטאָג פלעגן אים באַשלאָגן היצן און קאַלטער שוויס. באַנאַכט פלעגט ער ניט קענען שלאָפן, פלעגט ער אופשפּרינגען פון געלעגער און שטרויכלענדיק איבער דער אַלטער, מיאוסער קאַץ, פלעגט ער מיט קרעכצן אַרומלויפן איבער זיין חדר אַהין און אַהער.

איז ער אַוועק צו בעאַטאַ שטורם, געבעטן, זי זאָל פאַר אים מיטן פינגער אַנטאַפּן אַ פּסוק פון דער ביבל. האָט די בלינדע הייליקע אופגעעפנט: „און די קינדער ישראל זיינען געצויגן פון רתמה און האָבן געלאַגערט אין רמון פרץ”. האָט דער מאַגיסטער לאַנג און שאַרף געקלערט וועגן דעם, ווי אַזוי מען דאַרף דאָס

פארשטיין, און האָט איינגעזען: רתמה איז דאָס, וואָס ער זאָל ניט טאָן, און רמון פרץ באַטייט דאָס, וואָס ער דאַרף טאָן. אָבער ער האָט ניט געקאָנט ארויסדריגגען, צי איז רתמה געווען די פעלשונג אין אידן און רמון פרץ די אויסלייזונג פון די עוואנגע־לישע ברידער, אָדער פאַרקערט. און ער האָט ווייטער געלעבט אין שוויים און ספק און ביטערער נויט און האָט טאָג און נאַכט גע־וואויגן די אויסלייזונג פון גאר דעם לאַנד אין זיינע דיקע, ניט ווימנדיקע, ניט אנטשלאָסענע הענט.

קורץ און קוים צו באַהאַלטן זיין אומצופרידנקייט האָט קאַרל אלכסנדר אָפּגעלאָזט די הערן, וואָס ער האָט זיי געהאַט אָנגעטרויט די פירונג פונם קאַטוילישן פּראָיעקט, פון דער פאַרבאַרגענער זיצונג. דעם אידן האָט ער מיט אומגעדולדיקן וואונק געהייסן בלייבן. „ער האָט גאָרנישט געזאָגט, איד!" איז ער אנגעפאַרן זיסן, וואָס האָט העפלעך געוואַרט.

„עס איז גאָר נישט געווען כדאי, מען זאָל ענטפערן", האָט זיך אָנגערופן זיס און מיט איין גרינגער באַוועגונג מיטן אַקסל האָט ער אָפּגעווישט אַלצדינג, וואָס עס איז גערעדט געוואָרן אויף דער זיצונג.

קאַרל אלכסנדר האָט גרינג א כאַפּע געטאָן, גענומען פּיקן מיט די פינגער־קנעכלעך אויפן טיש. טויט און טייוול! עס איז געווען א חזירײַ, וואָס דער איד איז געווען גערעכט.

יענער האָט שוין ווידער אַמאָל אַרויסגענומען בא אים די געדאַנקען פון מוח, פאָרמולירט זיי: „די הערן פּלפּולן זיך", האָט ער געזאָגט מיט זיין געלייַנקיקער, חוזקדיקער שטים. „מעסטן די פּרטים, דעם שפּינוועבס־פאָדים, האָבן קיין אויג נישט פאַרן גאַנצן. וואָס ווייסן זיי דערוין? און זיין טאָן האָט זיי אָפּגעשטויסן צו דער אונטערשטער מדרגה פון נאַרישקייט און טעמפּקייט. „אַזוי ווי דאָס וואָלט גיין דערין, ווי אַזוי מען מעקט אויס דורך אויסגעדילעטע דרוואָקאַטישע קונצן דאָ א קאָמאָ און דאָרט א פּינטל פון דער קאָנסטיטוציע. וואָסערע נעבעכדיקע, גראָשנדיקע קרעמערשע מע־מאָדעס! א רעסקריפּט, איין איינציקער, און גענוג: מיר, קאַרל אלכסנדר, הערצאָג פון ווירטעמבערג און טעק, נעמען צוריק פאַר זיך די רעכט וואָס גאָט האָט אונז געגעבן און וואָס מען האָט זיי בא אונז שווינדלעריש, דורך פעלשונג און מרידה צוגעלקחנט. פון היינט אָן זיינען מיר מיט אַן אמת דער האר פון לאַנד. מיר זיינען ווירטעמבערג! אָבער דערפאַר שרעקן זיך די הערן אָפּ. דאָס פאַרשטייען זיי נישט, זיי שאָקלען מיט די קעפּ און זיינען הושש און קנאַקן מיט די ציינג און האָבן נאָר: אַך און אַך און אָבער. דער געדאַנק איז פאַר זיי צו איינפאַך, צו גרויס, צו פּירשטלעך, צו קעניגלעך".

בײַ גאָר זײַן פאַרשטיקטן צאָרן, וואָס ער האָט אין האַרצן געטראָגן אויפן אידן, האָט ער ווידער אַמאָל דערשפּירט, אַז נאָך ער פאַרשטייט אים, אַז נאָר ער ווייס, אין וואָס דאָ גייט. מיט איבערגוואלדיקער, גרימצאָרנדיקער באַוואונדערונג האָט ער צו זיך געזאָגט, אַז דורך אים, מיט אים וועט ער קאָנען אויספירן דעם קאַטוילישן פּראָיעקט ביזן סוף. וואָס זיס נעמט .אַרײַן אין זײַנע שטאַרקע, אומהיימלעך געשיקטע הענט, דאָס טוט ער ווי דורך אַ כּישוף: צעקנעטן קיילעכדיק און ווייך. אַנטקעגן זײַן פאַנאַטיש אויפגליענדיקן פײַער איז לעכערלעך געווען גאָר די בראַווע און געווויסנהאַפטע מאַטערניש, וואָס דורך דעם האָבן די אַנדערע מיט צאַפּלעניש און פײַן זיך געדרוקט אױף אַ האַלבן טריט פאָראויס. און וואָס האָבן זיי די אַנדערע בכלל געוואוסט? פאַר זיי איז דער קאַטוילישער פּראָיעקט געווען אַן עסק, אַן אויפגאַבע, אפשר אַ לעבנס־וויכטיקע אויפגאַבע. אָבער אַז דאָס איז אין דער אמתן אַ סך מער, אַז די דאָזיקע מלוכה־איבערקערעניש איז זײַן, קאַרל אַלכּסנדרס, לעבן און זין פון זײַן לעבן, דאָס האָבן דאָך געוואוסט, האָבן דאָך געשפּירט נאָר ער און דער איד.

וואָרום אזוי האָט זיך דער פּראָיעקט פאַר אים פאַמעלעך איבערגעפורעמט, אַזוי האָט ער אונטער זיס, קנעטנדיקן, העצנדיקן אָנטרײַב בײַ אים זיך אַרײַנגעבײַנט אין בלוט. צוערשט איז ער פאַר אים געווען פּאָליטיק, אַ מיטל צו מאַכט, דעקאָראַציע, ניט מער; דערנאָך איז ער געוואָרן מיסטיק, די געוואונשענע אויס־לייזונג פון אַ בינדונג, רעליגיע. איצט איז ער מגולגל געוואָרן אין זײַן לעבן און בלוט גופא. ער וועט איצט ווערן, דאָס איז דער זין און די קרוין פונם פּלאַן, דאָס לאַנד גופא. ניט קיין דינער אָדער פירשט פון לאַנד, ניט קיין געזעצגעבער אָדער קריגספירער, דאָס איז אַלץ נעבעכדיקע מלאכהריי און אומזין. ער וועט דאָס לאַנד אין גאַנצן אַרײַנשלינגען אין זיך, ער וועט אַזוי אַרײַנטוליען זיך אין לאַנד, אַז ער אַליין וועט ווערן דאָס לאַנד. דאָס לאַנד קאָן נאָר אָטעמען, ווען ער אָטעמט, גיין ווען ער גייט, און ווען ער שטייט, שטייט עס אויך. די דאָזיקע פאַר־שטעלונג איז פאַר אים געוואָרן כמעט קערפּערלעך. שטוטגאַרט

איז זיין האַרץ, דער נעקאַר זיין גרויסע שלאָג=אָדער, די שוואַבישע בערג זיין ברוסט, דער שוואַבישער וואַלד זיינע האָר. ער איז ווירטעמבערג, ווי ער לייבט און לעבט, ווירטעמבערג איז ניט אַנדערש נאָר ער.

אזא גרויסע זאך, אַזאַ לעבעדיקע, זיס און בלוט=פול קוועלנדיק, האָט מען ניט געקאָנט אררויספלפולן מיט קליינע, דרייערישע אַדוואָקאַטישע גיינג. האָט ער דאָס געטראַכט? האָט דאָס דער איד געזאָגט? בכל אופן איצט האָט יענער ווייטער גערעדט: „מעשה זשעני און מיט איין קלאַפּ מוז מען דאָס נעמען. עס מוז געשען אַף אַזאַ שטייגער, אז איין פרימאָרגן כאַפּט זיך אוף דאָס לאַנד — און עס שטעקט פשוט אין הערצאָג, אין זיין פירשט, וואָס גאָט האָט אויסדערוויילט, איז ניט מער ווי דעם פירשטס הויט און פלייש און בלוט. ניטאָ פריער קיין קליינער קאַמף און געשלעגעריי און נאַרישע, מיאוסע אהין און אהער. ניין, זעלבסטפאַרשטענדלעך, ווי א אַ נאַטור=זאַך מוז דאָס געשען, ווי אַ קנאָספּ פּלאַצט, ווען עס האַלט דערביי".

יאָ, יאָ, יאָ! גערעכט איז דער איד. עס איז ניט מעגלעך און ניט פאָרצושטעלן זיך, אַז מען זאָל קאָנען זיך מתוכח זיין און מחולק זיין דעריבער! ווארום דעמאָלט וואלט ער געווען א שלימזול און א ליימענער גולם און זיין לעבן חוזק און פושעריי און אַן אויסגעבלאָזענע איי. אָבער דאָס פאַרשטייען זיי ניט, די רעכינגען אין פיכטל און פאַנקאָרבאָ. זיי זיינען געווען געטרייע דינערס, גוטע אָפיצערן און געניטע דיפּלאָמאַטן, אָבער זיי האָבן פאָרט ניט געהאַט דעם זשעני, די לעבעדיקייט, תופס צו זיין אָט דעם וואונדער אין גאָר זיין זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט! דאָס האָט — עס איז א רציחה, עס מאַכט דעם מוח זידן, נאר אזוי איז דאָס — דאָס האט נאר דער איד.

פון דעם אַלעמען איז קיין וואָרט ניט געפאַלן צווישן הערצאָג און דעם אידן, אָבער עס האָט געכוואַליעט פון איינעם צום אַנדערן, עס האָט ניט געזאָגטערהייט געשטראָמט אהין און אהער. אַזוי איז דאָס שטענדיק געווען אין די דאָזיקע לעצטע וואָכן. איין לעבן איז אין זיי געווען, דער איד פלעגט ענטפערן אָן

ווערטער מיט מעשים אַף פראגעס און פארלאַנגען, וואָס קאַרל אַלכסנדר האָט געשטעלט אן ווערטער; עס איז געווען, ווי ער וואלט אַריינגעטעמען די לופט, וואָס יענער האָט אַרויסגעאָטעמט; זיי זיינען געווען טיילן פון איין קערפער, צונויפגעקניפט אַף ניט פאַנאַנדערצונעמען.

אַלץ ווילדער האָט דער איד צעבלאָזן דעם פירשטס פינסטערע, תאווהדיקע בײנקשאַפט נאָך יענעם טאָג, ווען דאס לאַנד וועט אריין ווי א גלגול אין אים און וועט מער נישט זיין נאָר ער, אַריינגעטריבן אים אין זיין ענלעכקייט צו א גאָט, אין זיינע צעלאָזענע צעזאַרישע חלומות, אַריינגעברענט אים אין בלוט גאָר זיין פלאַמענדיק, פאַנאַטיש פייער. דער פאַרסמטער פירשט האָט געריק געזוכט באַשטעטיקונג, פרישן, ווילדערן אימפעט אין דעם פארבאַהאַלטן ווייסנדיקן בליק דעם אידנס. נאָר טיילמאלס, אַף אײנציקע מאָמענטן, פלעגט ער זיך אופכאַפן פון זיין פיבער־זיך באַטראַכטן, וואו אהין קאָן דאס פירן אט די מאָדנע, כישופדיקע קאמפּאניע. עס איז געווען א גרויל גאָר ניט צו באַשרייבצו האבן, צייט מען לעבט, אַזאַ אומהיימלעכן מיטוויסער פון דיין בלוט און פון דיינע פארבאָרגנסטע סודות. מען האָט אליין קוים געוואוסט, וויפיל טריבס, גיפטיקס מען טראגט גאָר אונטן אין האַרצן, מען שטופט דאָס אַראָפּ, ווען עס שפּאַרט אַרויס צו דער ליכטיקער שיין, מען איז זיך אַליין דערין ניט מודה. און נאָך מער אַן אַנדערער, וואָס אין אים איז אַזוי פיל אַריבערגעוואַקסן פון דיין אייגענעם חושך, — עס האָט גאר ניט געקאנט געמאלט זיין, אַז אַזאַ איינער איז פאראן אין טאָג, אין ליכטיקייט, אז אַזאַ איינער לעבט. איצט באַדאַרף ער אים האָבן, דער פּראָיעקט קאָן ניט אויסגעפירט ווערן אן אים; די היינטיקע זיצונג האָט דאס ווידער אַמאל דערוויזן. אָבער איז ער אויסגעפירט, דעמאלט וועט ער אים שטום מאכן, פאַרגראָבן וועט ער אים אין די טיפסטע קאזעמאטן פון א פעסטונג, ווי מען לאָזט ניט אַרויס צו דער ליכטיקער שיין דאס ווילדע, דאס פארדארבנדיקע, דאס גרונט־שלעכטע פון אייגענעם האַרצן.

ער האָט געוואָרפֿן אַ בליק אַפֿן אידן, פול מיט חשד, מיט שנאה. צי ווייס ער שוין ווידער אמאל ניט זיינע געדאנקען? „זאָל ער, בכן, אָנשרייבן דעם רעסקריפּט. ווי ער געפינט איין פאַר גוט!“ האט ער אים שטריינג באַפוילן, זיס האט זיך פאַר־נויגט העפלעך, הכנעהדיק פארן שווער אָטעמענדיקן, צעהיצטן הערצאג. אָבער אין זיינע אויגן האט זיך געוואלקנט טונקעלער, הוזקדיקער, וואָלפישער, ניצחונדיקער אויסקוק.

דאָס לאַנד האָט זיך געוואַלגערט קרעכצנדיק אין שפּאַנונג און פאַרקלעמטקייט ניט אריבערצוטראָגן. עס איז געווען קלאָר, אַז די קאַטוילישע זיינען באַלד פאַרטיק מיט זייערע הכנות און אַז אין דער נאָענטסטער צייט וועלן זיי ארויסטרעטן. אומעטום זיינען געווען קלאָרע סימנים, אַז עס גרייט זיך עפּעס א סכנה; דאָס זיינען שוין ניט געווען קיין השערות, נייערט פאַקטן, וואָס האָבן אַפילו בײַ דעם רואיקסטן געקאָנט אָפּנעמען יעדן ספק. נעבן די גרענעצן האָט זיך אומעטום געקליבן פרעמד מיליטער, בייעריש, ווירצבורגיש. די עלפער-קאָמיסיע האָט געהאַט גענויע ידיעות, אַז דעם הערצאָג איז געווען צוגעזאָגט הילף-חיילות פון ווירצבורג אליין נײַנצען טויזנט מאַן; זייער אוואַנגאַרד איז שוין געשטאַנען אין מערגענטהיים, דער רעזידענץ פונם דייטשמייסטער-אָרדן, האָט געוואַרט דאָרט אַף באַפעל צו מאַרשירן ווייטער. אויך אין לאַנד גופא האָבן זיך געמערט זעלנער, וואָס האָבן גערעדט פרעמדע דיאַלעקטן, בייעריש, פרענקיש. זיי האָבן מאַרשירט בײַנאַכט אין קליינע אָפּטיילונגען, די הערצאָגלעכע שלעסער און פאַרטן האָבן געפּלאַצט פון זעלנער. אַלע פעסטונגען, אַספּערג, נייפן, אוראַך, האָהענטוויל, דאָס שטאַרקע שלאָס טיבינגען זיינען געוואָרן צוגעגרייט געמאַכט לויט דער קונסט פון דער מאָדערנסטער סטראַטעגיע: צוואַנג-אַרבעטער האָבן, אַרבעטנדיק טאָג און נאַכט, אויסגעבעסערט דעם שלעכטן וועג קיין אַספּערג. אַ גלענצנד אָרגאַניזירטער קוריערן-דינסט האָט געזאָרגט פאַר דער פאַרבינדונג צווישן די איינציקע פעסטונגען. די פולווער-מילן פון לאַנד, קודם כּל די גרויסע פאַבריק פון האַנס זעמינגער, האָבן געאַרבעט טאָג און נאַכט, צו פּראָדוצירן שיס-און צינד-מאַטעריאַלן. אין טראַנספּאָרטן אָן א צאָל זיינען געפירט געוואָרן האַרמאַטן, אַמוניציע. דאָס פאָלק, ווען עס פלעגט זען די סודותפולע וואָגנס, האָט זיך דערציילט, אַז דאָרט געפינען זיך פאַטשערעס צוליב דער צוגעגרייטער באַקערונג; אין דער אמתן זיינען דאָרט געווען נאָר קוילן.

איינער פון די קוריערן, אַ געוויסער בילהובער, האָט זיך פאַרטשעפּעט ניט ווייט פון נירטינגען אין א געשלעג מיט יאָהאַנס קראַוז, דעם זון פון שטוטגאַרטער שטאָט-קצב. דערבײַ האָט דער

יונגער בירגער אפגענומען באַם קוריער זיינע דעפּעשן, פּאַפּירן,
וואָס אין זיי איז געשטאַנען מכח דעם פרעמדן מיליטער, וואָס
דאַרף אָנקומען, אַזוי אַז די בונדישע פּלענער פון די קאַטוילישע
זיינען אַרויסגעשפּרונגען צו דער ליכטיקער שיין. דער הערצאָג
האָט געוואָלט לאָזן אַרעסטירן דעם קראַוז. אָבער יענער איז שוין
געווען אַנטלאָפן אין דער פרייער רייכשטאָט רייטלינגען און אין
אַ פּאָר טעג אַרום אין דער פרייער רייכשטאָט עסלינגען, וואו עס
האָט זיך געהאַט צונויפגעקליבן אַ גרעסערע קאָלאָניע עמיגראַנטן
פונם הערצאָגלעכן געביט.

קראַוז האָט איבערגעגעבן די קאָמפּראָמיטירנדיקע דעפּעשן
דעם בירגערמייסטער פון שטוטגאַרט. די פּאַרלאַמענטאַרישע קאָ=
מיסיע האָט זיי געלאָזט איבערדרוקן און פאַרשפּרייטן צווישן פאָלק.
דער דאָזיקער באַווייז, אַז די אמונה שטייט דירעקט אין סכנה,
האָט אויך די רעאַקציע אַרויסגעבראַכט פון זייער רו. אומעטום
האָבן זיך געבילדעט קרייזלעך און געהיימע חברות אויף צו באַשיצן
די רעליגיע, בירגער און פּויערים האָבן זיך בשתיקה פאַרזאָרגט
מיט געווער, די באַהאַרצטע צעכן פון די שוסטערס און בעקערס
אין דער הויפּטשטאָט האָבן אַנטליען פון זייערע צעך=ברידער אין
עסלינגען שראָט=און שטיי=ביקסן; אַפילו פון שטוטגאַרטער צייכהויז
זיינען עטלעכע מאָל פאַרשוואונדן גרעסערע ראַמשן געווער, און
מען האָט ניט געוואוסט, ווי אַזוי, אָבער די שטילסטע קליינבירגער
האָבן פּלוצים גענומען רימען זיך פאַר זייערע גוטע פרייַנט
מיט זייער באַהאַלטן געווער. אַזוי שטאַרק האָט עס געווירן, אַז
דער הערצאָג האָט געמוזט פאַרשטאַרקן זיין פּערזענלעכע גוואַרדיע
און דעם פּרינץ=יורש אַוועקשיקן קיין אויסלאַנד, צו זיין זיידן, דעם
פירשט טורן און טאַקסיס, אין קייזערלעכן נידערלאַנד. פאַרשטייט
זיך, אַז בײַ אַזעלכע תנאים האָט קאַרל אַלכסנדר געקלערט וועגן
אַן איבערגוואַלדיקער, מעטאָדישער אַנטוואַפענונג אין גאַנצן לאַנד:
ער האָט צוגעגרייט אַן עדיקט, וואָס האָט באַפוילן אַזאַ אַנטוואָ=
פענונג אונטערן אויסרייד, אַז עס האָבן זיך געמערט געוואַלד=גנבות
אין די הערצאָגלעכע וועלדער. אָבער דאָס טראָגן געווער האָט
געהערט צו די גרונט=רעכט פון די בירגער. איז געווען פאַרפעס=

טיקט אין דער קאָנסטיטוציע; האָט מען געוואָלט אויסמיידן א בירגער־קריג, האָט מען געמוזט וואַרטן מיט דער פּובליקירונג פון עדיקט ביזן דורכפירן די מלוכה־איבערקערעניש.

נאָר איין זאַך וויניקסטנס האָט דער הערצאָג געקאָנט פּועלן: אָפּשטעלן די מיליטערישע מושטירונגען בײַ דער שטוט־גאַרטער רייטנדיקער בירגער־גוואַרדיע. קאָמאַנדיר פון דער דאָזי־קער שטאַרקסטער מיליציע־גרופּע אין הערצאָגטום איז געווען מאַ־יאָר פאָן ריידער, יענער וואָס האָט געהערט צום קרייז פון קאַרל אַלכסנדרס אינטימסטע מקורבים. ער איז געווען א גוטער פּראָ־טעסטאַנט און גלייכצייטיק רעמכינגענס בעסטער העלפער בײַם אָרגאַניזירן מיליטעריש דעם קאַטוילישן פּראָיעקט. דער טעמפּער. באַגרענעצטער מענטש האָט געהאַלטן, אַז די געפּלאַנטע מלוכה־איבערקערעניש איז דורכאויס א גערעכטע, האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס מען איז דאָ אַזוי אופגערעקט, האָט געזען אומעטום נאָר העצעריי און בייזן רצון. אויב דער הערצאָג האָט געוואָלט האָבן מער רעכט פאַר די קאַטויליקן—איז וואָס איז דער אומגליק? דאָס לאַנד איז גרויס, פאַראַן אָרט גענוג פאַר קירכן. קאָנסטיטוציע? פּאַרלאַמענט? שטותעריי. אָנשטעל־מאַכעריי, פּוילקייט פון א המון, וואָס וויל מער פרעסן און וויניקער אַרבעטן. וואָס שרייען דאָרט די חברה־לייט? ער איז דאָך, טייטל נאָך אַ מאָל! אַ גוטער פּראָ־טעסטאַנט, און פאַרט האָט אים דאָך קיינער קיין מאָל ניט פאַר־משפּעט אין מינדסטן, האָט דאָך איטלעכער געקאָנט גיין אין קירך, ווען און ווי אַזוי זיין האַרץ גלוסט, און די בריטע קאָל־נערס — אַזוי פלעגט ער רופן די פּרעלאַטן און פּאַסטאָרס — האָבן געהאַט, כלעבן, גרויסע מיילער גענוג, און דער הערצאָג און זיין קאַבינעט האָבן זיי לחלוטין ניט געטשעפּעט. די וועלט איז דאָך אַזוי פּשוט. מען מוז נאָר האָבן אַ ביסל גוטן ווילן, זיין געטריי, זיין בראַוו און קודם כל פּאָלגן דעם פירשט. וואָס גאָט האָט באַשערט. מערקווירדיק איז געווען, אַז פונדעסטוועגן, נאָך אַלע אַזעלכע רייד, ניט געקוקט אַף זיין אינטימער פריינטשאַפט מיטן הערצאָג, הגם ער איז געווען איינער פון די אָנפירערס אין קאַ־טוילישן פּראָיעקט, איז הער פאָן ריידער געווען שטאַרק באַליבט

באַם פֿאָלק. מען פֿלעגט אומעטום דערציילן זיינע האַמענטע, באַנאַלע וויצן, מען פֿלעגט לאַכן און אָנקוועלן פֿון אַנעקדאָטן, וואָס פֿלעגן ארויסווייזן אַ געוויסע גראָב־יונגישע פֿריינטלעכקייט. בכל אופֿן האָט דאָס פֿאָלק, ווי דאָס טרעפֿט אַ מאָל, ארופֿגעוואָרפֿן, אָן אַ קענטיקן פֿאַרוואָס, גאָר זיינע סימפּאַטיעס אפֿן דאָזיקן מאַסיוון מענטשן מיטן נידעריקן שטערן, מיטן האַרטן מויל, מיט די שטענדיק באַהענטשקעטע הענט, מיט דער ברוטאַל הייזעריקער שטים. ער איז אָן ספֿק געווען דער פּאָפּולערסטער מיליטער־מאַן אין שטוטגאַרט. נאָר אַ דאַנק זיין באַליבטקייט האָט די אָפּשטעלונג פֿון די מושטירונגען פֿון דער שטאָטישער רייטער־אָפּטיילונג נית געבראַכט צו אומרוען.

בינתים איז אימלעך ווינקעלע פֿון שטאָט געלעגן אין פֿאַרשטיקטער שפּאַנונג. די אויבערשטע קירכן־פֿאַרוואַלטונג האָט באַשטימט אַ וואָך תשובֿה און תפֿלה פֿאַר דער געמיינדע. אַ סך האָבן געמאַכט זייער צוואה. אין יענעם זונטיק האָבן זיך אַזעלכע מאַסן געשטופּט צו געניסן דאָס הייליקע ברויט, אַז די קירכן האָבן געמוזט בלייבן באַלויכטן אַ שטיק אין דער נאַכט אריין. דער פּאַרלאַמענט האָט אָרגאַניזירט אַ שאַרפֿן אויסקוק־דינסט, פּאַנאַנדערגעשיקט רייטערס איבערן לאַנד אין אַלע זייטן, אויסצופֿאָרשן, צי קומט נית אָן פֿרעמד מיליטער. און באַלד טאַקע האָט מען געקראָגן אַ ידיעה פֿון אימספֿן. אַז דעם בישקופֿס אַוואַנגאַרד אין מערגנטהיים האָט פֿאַרלאָזן דאָס געביט פֿון דייטשן אָרדן און האָט זיך געלאָזט אין דער ריכטונג עלוואַנגען, דאָס געמלעכע האָבן דערציילט דעפּעשן פֿון דער גרענעץ פֿון האָהענלאָהע.

אין יענעם זונטיק האָט דער שטאָטישער דעקאַן יאָהאַן קאָנראַד ריגער געפּרייזדיקט מיט אַזאַ ברען און כח, ווי נאָך קיין מאָל נית. מעשה נביא האָט ער גערעדט וועגן דעם חטא פֿון די וואָס צעברעכן די הייליקע לוחות פֿון עוואַנגעלישן גלויבן און קריסטלעכער פֿרייהייט. ער האָט באַוויזן פֿאַר גאָר דער וועלט, וואָסער גוואַלדיקע אחריות פֿאַר גאָט און וועלט און רוימישער אימפּעריע עס לאַדן אָף זיך ארויף די יעניקע, וואָס דערוועגן זיך

צו טאָן אַזאַ זאַך. דערנאָך האָט ער מיט דונער און גבורה געוואַרנט, אַז אַפילו אין האַנט פון שוואַכן ווערן די נישטיקסטע כלי זיין מעכטיק און שטאַרק, וויבאַלד גאָט פירט אים. און צום סוף האָט ער, אויספּרייטנדיק פאַר דער מיט גרויס כוונה צוהאָרכנדיקער געמיינדע גאָר דעם סאַמעט פון זיין גלאַטן, טונקל קלינגענדיקן קול, גערופן צו תשובה און התבוננות מיט גרויסע, שטאַרקע ווערטער, אַזוי אַז די געראַמע קירך איז פול געוואָרן מיט כליפּען און ציטערניש.

אין דער גאַנצער שטאָט האָט מען גערעדט וועגן דער דאָזיקער דרשה. דער נצחון פונם קאָנקורענט האָט מוראדיק פאַרדראָסן דעם רעגירונגס־ראַט יאָהאַן יאַקאָב מאָזער, און אין איינער אַ נאַכט אָן שלאָף האָט דער פּובליציסט באַשלאָסן פון זיין זייט צו ריידן צום פאָלק. אָבער ער וועט זיך דאָס ניט מאַכן אַזוי גרינג און וואָלוול ווי דער פּרידיקער. ער וועט ניט באַנוצן די הייליקייט פון הויז ווי אַ שיין פאַר זיך ווי יענער. ניין, ער וועט ריידן צו די בירגער אַף אָפענעם, פרייען פלאַץ, אָן מורא פאַר דעם הערצאָגס משרתים. ער האָט אַרומגעשפּאַנט אַהין און אַהער איבערן חדר, אָנגעמערקט זיך די רעדע, מיט שטאַרקע, גרויסע זשעסטן, אויסגעקיילעכדיקט די ווערטער, וואָס האָבן באַדאַרפט מאַכן שטורעמען הערצער. האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גראַקכוס, אַ האַרמאָדיוס אָדער אַריסטאָגיטאָן, אַ מאַרקוס יוניוס ברוטוס, האָט געוואָרפן מיט אַ באַוועגונג פון אַ סטאַטוע אַראָפּ די פאַלבן פון אַן איינגערעדטער טאָגע.

ער האָט זיך אַלץ מער און מער צערייצט, בלוט האָט אים אָנגעשפּאַרט אין קאָפּ, אַ שווייס האָט אים באַשלאָגן. האָט ער געזוכט די סיבה פון אָט דער ווארעמקייט אין דער שלעכטער פאַרדייאונג, אפשר האָט ער צו וואַרימעס געכאַפּט אַן איבעריק גלעזל נאַליווקע, אַזוי אַז די פאַרשלאָפענע געדערים האָבן גאָרניט געוואָלט דינען. האָט ער זיך דורכגעשמועסט איבער דער שוועֶרעניש מיט זיין פרוי, ווארום ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון היגיענע, און די באַזאָרגטע פרוי האָט אים איינגעגעבן גלאָבער־זאַלץ. דערנאָך האָט ער זיך ווידער גענומען צוגרייטן זיין רעדע, און אַ

דאַנק די שטאַרקע באַוועגונגען האָט די רפואה געהאַט די געוואונשענע ווירקונג.

אַפן צווייטן טאָג האָט ער צונויפגעקליבן אַרום זיך פינסטער און ערנסט אַ המון מענטשן, אַ כּך פאַרזאַמלונגען און דעמאָנסטראַציעס האָבן די לעצטע טעג געמוזט צעטריבן ווערן; באַלד האָבן זיך באַוויזן הערצאָגלעכע וואַך-אָפיצערן, פאָליציי-כאַפּערס, זשאַנדאַרן. דער פובליציסט האָט געשפירט, מען כאַפּט אים אַבזוריות-דיק און מען שלעפּט אים אין דער אייביקער נאַכט פון די קאַזעמאַטן. אָבער ער האָט צוזאַמענגענומען גאָר זיין מוט און האָט אָנגעהויבן רעדן, ווי איינער, וואָס דאָס לעבן האָט פאַר אים קיין ווערט ניט. נאָר דאָ איז אים געוואָרן פוסט אין בויך, עס האָט גענומען קנייפן און שטעכן. צי דאָס האָט געווירקט די רפואה פון נעכטן, צי עס האָט די נאַטור צעבראָכן די איבערגעוואַלד אָנגעשפּאַנטע גבורה: ער האָט געמוזט אָפּטרעטן, אונטער די חוזקדיקע אויגן פון דעם הערצאָגס מענטשן, און דעם קאָנקורענטס כּבוד האָט ער ניט דערגרייכט. בכדי דאָס דאָזיקע צונויפגעקליבענע פייער זאָל ניט אינגאַנצן אַוועק לאיבוד, האָט ער אַפן צווייטן טאָג געהאַלטן די דאָזיקע רעדע אין אַמאַראַנט-קאָלירענעם קאַבינעט פון מאַריע אויגוסטע פאַר איר און פאַר מאַגדאַלען סיבילע. יענע אין געזעסן פּראַסט, באָרוט און אַ ביסל בעל-הבתיש, מאַריע אויגוסטע אָבער, ווייס און לופטיק אין נעגליזשע, האָט געבלעטערט דעם מערקיר גאַלאַן, פלעגט פון צייט צו צייט בשתיקה מיט אַ שמייכל פון אַ קונדס אָנרייצן איר פיצל כינעזיש הינטל אַף דעם רעדנערס פיס; נאָר יענער, וואָס האָט, אמת, אַ ביסל צוגעשוויצט, האָט זיך ניט געלאָזט אַראָפּשלאָגן פון זיינע רעיונות.

אין איר נויט און איינגעניש האָט די בירגערשאַפט באַשלאָסן צו שיקן נאָך אַ מאָל אַ דעפוטאַציע צום הערצאָג. אויסטענען זיך מיט אים ערנסט, אָבער מיט עניוות פון אונטערטאַנען. בכדי ניט צו רייצן קאַרל אַלכּסנדר, האָט מען געשיקט ניט קיין מיטגלידער פון דער עלפער-קאָמיסיע, וואָס זייער אָנבליק אַליין וואָלט אים שוין געקאָנט אַרויסברענגען פון די כלים. נייערט דריי שטילע, יוסטע בירגער, בכבודיק און מיושב אין געמיט. זיי זיינען געפאָרן

קיין לודוויגסבורג, וואו דער הערצאָג האט געמאַכט זיינע הכנות. איידער זיי זיינען אַוועק אין שלאָס אַריין, האָבן זיי צוגעביסן און גענומען אַ גלאָז וויין אין דער אכסניא. איינער האָט געזאגט: „דאָס איז אַ קליינע שטאַרקונג פאַר אַזאַ אַ שווערן גאנג". „ווען דעם הערצאָגס געמיט איז אזוי טריב, ווי דער היינטיקער טאָג", האָט געזאָגט דער צווייטער, „דעמאָלט שיינט פאַר אונז קיין זון ניט". „אַלץ איז אין גאטס האַנט!" האָט געזאָגט דער דריטער.

פאַר דער טיר פון זאַל, וואו קאַרל אלכסנדר האָט זיי באַדאַרפט אופנעמען, איז געזעסן איינגעקאַרטשעט אָטמאַן, דער שוואַרץ־ברוינער. ער האָט געהערט פאַרשטיקט די גרימצאָרנדיקע, הייזעריקע שטים דעם פירשטנס: „כופרים, רוצחים, מורדים במלכות!" דערנאָך טריט, וואָס זיינען פאוואליע שטיל געוואָרן, און עטלעכע מינוט ארום האָט ער געזען די לייט צוריקגיין, צוערשט צוויי, דערנאָך באַלד דעם דריטן. ער האָט זייער גוט געזען, ווי זיי זיינען געווען איבערגעשראַקן און מבולבל. ער האָט זיי נאָכגעקוקט מיט זיינע גרויסע, ברוינלעכע חיה־אויגן, און ער האָט געשמייכלט טיף און בשתיקה. האַסטיק זיינען די מענער אַראָפּ די טרעפּ, אריינגעשפרונגען אין קאַראָטע, וואָס האָט אַף זיי געוואַרט, האָבן אפילו ניט געהאַט קיין צייט אופצוהייבן אַ הוט, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן. בעתן פאָרן זיינען זיי געזעסן און געשוויגן, נאָר דער עלטסטער האָט איין מאָל ארויסגעזיפצט אפן קול פון גרויס באַדריקונג אַ תפלה: „גאָט צבאות, פון דער טיפעניש שרייען מיר צו דיר, שיק אונז אראפּ הילף פון דיינע בערג". אין שטוטגאַרט האָבן אַ סך געוואַרט, ווען די דעפּוטאַטן וועלן קומען צוריק. אַז זיי האָבן געזען זייערע פנימער, זיינען זיי זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ און מיט פאַרקלעמטע הערצער.

גאָר אַנדערש ווי דאָס הערצאָגלעכע געביט האָבן פּראָטעסטירט קעגן די קאַטוילישע אינטריגעס די פרייע שטעט. באַזונדערס אין עסלינגען האָט מען קאַרל אַלכסנדר איטלעכן טאָג עפנטלעך געזידלט און אויסגעלאַכט. דאָ איז געווען אַ גרעסערע קאָלאָניע עמיגראַנטן פון דעם הערצאָגס געביט, אונטערדריקטע,

באַגזלטע, פאַרטריבענע. יאָהאַנעס קראַוז איז געווען אַנטלאָפן אַהין. דער יונגער מיכאל קאָפּנהייפער איז דאָ געזעסן, דער זקן קרים-מאָף אַדם שערטלין, וואָס נאָר די שנאה האָט אים געהאַלטן אַף די פיס. אָט דער פרעסנדיקער שפּאָט פון די אַלע, וואָס האָט אַלע געדערים אין לײַב געקאָנט איבערכערן, זייערע גיפטיקע, גלי-ענדיקע, שאַמענדיקע רייד. פאַר מורא האָבן זיך באַהאַלטן אין זיי-ערע הייזער די עטלעכע אָנהייגער דעם הערצאָגס: קאַטויליקן, וואָס זײַנען דורכגעפאָרן, האָבן שוין אַ מאָל געקראָגן אָנגעמקלט די ביינער. דעם עקספּעדיציע-ראַט פישער, דעם פאָטער פון סאָפיע פישער, זיס׳ געוועזענער מעטרעסע, וואָס איז צוליב זײַנע געשעפטן געווען אין עסלינגען, האָבן יונגע לײַט געוואָלט לינטשן, נאָכדעם ווי זיי האָבן אים אין אכסניא געהאַט אונטערגעטראָגן קעצישע מו-זיק; נאָר מיט מי האָט די שטאָט-וואַך געקאָנט באַשיצן אים. וואָס מען האָט אים געהאַט אַרויסגעריסן פון בעט אַ שלאָפנדיקן, אַ האַלב-נאַקעטן האָט זי דעם פעטן מאַן, וואָס האָט זיך געטרייסלט מיט אַלע אבֿרים, אַרויסגעפירט אויסער דער שטאָט.

צו אַ סקאַנדאַל און אַן אָפענעם קאָנפליקט מיטן הערצאָג איז געקומען אין דעם זונטיק פון דער תשובה-וואָך. מיט אַ נאַכט פריער האָבן יונגע בחורים צוגעבונדן צום שאַנד-סלופּ צוויי שטרויענע ליאַלקעס, וואָס זײַנען געווען באַצייכנט ווי דער הערצאָג און זײַן הויף-ייִד, און צוגעשריבן דערצו מיאוסע, גראָבע זידל-ווערטער; די פּאָליציי האָט זיך געמאַכט ניט זעענדיק. דעם גאַנצן זונטיק האָט די גאַנצע שטאָט, פון זקן ביזן אינגסטן שנעק, זיך ניט געקאָנט זאַט אָנקוקן אָט דאָס שאַנד-ווערק, געלאַכט, געוואָיעט, געלצעוועט, געשריען, געפּייפט, געקוואַלן און געהאַלטן זיך בײַ די זײַטן. דערנאָך, פאַרנאַכט צו, האָט מען אָנגעצונדן אַ שײַטער-הויפן, געבונדן דערויף מיט פּאַראַד די ליאַלקעס, אַרומגעלייגט אַרום זיי אַ פּאָר פון יענע בילדער, וואו עס איז געווען אויסגע-מאָלט דער הערצאָג, ווי אַזוי ער נעמט אײַן מיט די זיבן הונ-דערט בעלגראַד, די בילדער פאַרשמירט מיט בלאָטע, און דאָס גאַנצע צולעצט מיט פּאַראַד אונטערגעצונדן. מיט פלאַקער האָבן געברענט די ליאַלקעס, מיט ווילדע קולות האָט געגוואַלדעוועט

דאָס פאָלק, פאַר גרויס התפעלות זיך געדרייט, געשטופּט, געקרימט זיך אין קוויטשענדיקן, סאָפּענדיקן פאַרגעניגן.

צווישן המון איז געשטאַנען דער יונגער מיכאל קאָפּנהייפער, די שטאַרק בלאָע אויגן אין ברוינלעכן פּנים האָבן געברענט אין התלהבות: אָ, אַזאַ סוף אף אַלע טיראַנען! צווישן המון איז געשטאַנען דער אַלטער קריסטאָף אדם שערטלין, טונקל האָט געכריפּעט אים פון האַלז אַרויס, זיין שטעקן האָט געקלאַפּט אָן דער ערד, ריטמיש ווי אין טאַנץ, זיין מומיע-ברוינער, צעברעקלטער פּנים איז געווען ווילד באַזונגט פון שנאה. צווישן המון איז געשטאַנען, שיין און פרעמד, די פרוי פון יאָהאַן אולריך שערטלין, די פראַנצויזין. זי איז געווען אָרעם געקליידט; איר מאַן איז שוין געווען אין גאַנצן אַראָפּ, פאַרשכורט, בדיל הדל, זי אָבער האָט געטראָגן דעם קאָפּ מיטן קורצן, רויטן מויל, אַזוי הויך ווי אַלע מאָל. פון די לענגלעכע אויגן האָט זי געוואָרפן שטאַלצע בליקן אַפן שרייענדיקן, קוויטשענדיקן פאָלק, וואָס האָט פאַרברענט די ליאַלקעס און געקרימט דעם רוקן פאַר דעם אָריגינאַל. איר שכנה האָט צו איר גערעדט; זי האָט א קוק געטאָן אַף איר פרעמד, מיט ביטול, האָט גאָרנישט ניט געזאָגט, פאַרלאָזן פאַמעלעך דעם פּלאַץ, מיט געפּיילטע, געמאָסטענע, האָפערדיקע טריט.

אין גרויסן, ניכטערן, פוסטן חדר פון בעאטאַ שטורם זיינען געזעסן ארום דער בלינדער הייליקער מאַגדאַלען סיבילע, יאהאַן קאָנראד ריגער, דער פריידיקער, זיין ברודער עמנואל, דער עקספּעדיציע=ראט, דער מאַגיסטער שאָבער. מאַגדאַלען סיבילע האָט געטראָגן א העכט=גראָע קלייד, פון זייער טייערן שטאָף און זייער פּשוט גענייט. זי איז געוואָרן בעל=הבתישער, די שטאַרק בלאָע אויגן טעמפּער, די ברוינלעכע באַקן שלאַבעריקער, אַלע גלידער אָפּגעלאָזענער. עטוואס פעט און צופרידן איז זי געזעסן, א בירגערלעכע פרוי, און האט אופמערקזאם צוגעהערט, ווי דער דעקאַן דערציילט פון זיין דרשה, פון איר שטאַרקער ווירקונג, און ער האָט איבערגעחזרט גאַנצע שטיקער פון איר, איצט נאָך מיט מער געניטקייט און הילך.

באַשיידן אין זיין ווינקעלע איז געזעסן יעקב פּאָליקאַרפּ שאָבער, דער ארימער געפּלאָגטער מענטש, וואס האט געליטן מחמת זיין צווייזייטיקער לאַגע בא זיסן, מחמת דעם קאַמף פון זיין געוויסן. האט דאָ געוואלט געפינען א ביסעלע רו פון דעם שטורעם אין זיין ברוסט. ער האָט געהאט אנגעשריבן א שיר, וואו ער האט זיך פאַרגליכן מיטן טויטן מאַן פון יאָהאַנאַ דער משוגענער. די פירשטין האט איר מאַן אַרומגעפירט אין א טרומנע איבער אַלע מדינות, אנשטאט דעם האַרץ האט זי געהייסן אַריינשטעלן אַ זייגער, וואָס האט מיט זיין טיק=טאַק באַדאַרפט מאַכן דעם איינדרוק פון לעבן. אַזוי האט בא אים כסדר געטיקטאַקט דאס געוויסן; נאר דאָ באַ די שטילע, פרומע ברידער און שוועסטער האט ער געפונען אַ ביסעלע רו. ער האָט געקוקט פון זיין ווינקל אַרויס אפן פריידיקער, וואס האט ארומגעשפּרייזט אהין און אַהער, דעקלאַמירנדיק, פול מיט זיך. ער האט פון אים אוועק געקוקט אף דער בלינדער הייליקער, וואָס איז געזעסן איינגעקאָרטשעט זאַנפט, גראָ, אָן קאָליר און האט זיך צוגעהארכט. ער האט פון איר אוועק געקוקט אַפן עקספּעדיציע=ראט עמנואל, וואס איז מיט פאָרכצומקייט געווען אנגעהאנגען אן די לעפצן פון זיין גרויסן, באַטייטיקן ברודער. ער האט אבער געזען פון זיין ווינקעלע, ווי בא גאר דער יראת הכבוד האט דאס אויג פון

מאָגערן, באַשיידענעם מענטש, וואס ניט געקוקט אף זיינע גרויסע וואָנסעס האט ער געהאט דעם פּנים פון א נעבעך, זיך פּאַוואָליע אפּגעשיידט פון ברודער, אַריבערגעגליטשט זיך צו מאַגדאַלען סיבילע, געבליבן קלעפּן חידוש אונטערמעניק אף איר, וואס איז געזעסן מיושבדיק, כמעט מעשה מאַטראָנע, די גרויסע עטוואס פעטע און דאך קינדערשע הענט פויל אַראָפּגעלאָזן אין ברייטן שויס פון דער העכט-זילבערנער קלייד. ער האט געזען דעם דאזיקן הכנעהדיק גלוסטיקן בליק, ער האָט אויסגעטייטשט דעם דאָזיקן בליק און פּאַוואָליע האט ער געזען א וועג לכל הפּחות א ביסעלע גרינגער צו מאכן די פּיין פון זיין געוויסן דורך א שווערער מצווה. צי האט ער דען ניט געהאַט א זיכער רעכט אף דער דעמואזעל פאר זיין ערלעכער און הכנעהדיקער פארערונג אט די לאַנגע יאָרן אין הירזאו? ער וועט זיך אבער אָפּזאגן, ער וועט, ווי שווער דאס זאל אים אויך זיין, איינצאמען זיינע פארלאַנגען, ער וועט מוותר זיין און לאָזן דעם הער און ברודער עמנואל ריגער אין גאַנצן פריי דעם וועג.

דערווייל האָט דער דעקאַן געהאט געענדיקט זיין דרשה און זיין דערציילונג, און דאָ האט פּאַסירט גאָר אַן אויסטערלישע זאַך. מאגדאַלען סיבילע האָט געזאגט, און דאס מיט גרויסער פּשוטקייט, אָן מינעלעך און קונצן, אזוי ווי א זאַך, וואס פאַרשטייט זיך ממילא, אז זי האָט, אויפגעמונטערט דורך דעם ביישפּיל פונם ליבן ברודער יעקב פּאָליקאַרפּ שאָבער, אויך געמאכט לידער און איצט וועט זי פירלייענען אירע שירים פאר די ברידער און פאַר דער פרומער שוועסטער. און זי האָט פירגעלייענט אירע ניט באַפליגלטע, נודנע, באַנאַלע, פּוסט און אָן טעם מאָראַליזירנדע גראַמען. די הערער האָבן אָבער ניט באַמערקט די פּוסטקייט פון די דאָזיקע שירים, זיי האָבן זיך געלאָזט פשוט און ערלעך פארכאַפּן פון זיי, און באַ דעם עקספּעדיציע-ראט עמנואל ריגער זיינען פאר ווייכהאַרציקייט און פארערונג גערונען טרערן איבער די וואָנסעס.

דערנאָך, אַז זיי זיינען אַוועק, האָט דער מאַגיסטער באַגלייט

דעם עקספּעדיציע=ראַט. יענער האָט אף זיין ניכטערנעם, אומבאַהאָלפענעם שטייגער געזונגען די שבחים פון מאַגדאַלען סיבילע. דעמאָלט האָט שאַבער זיך אָנגענומען מיט האַרץ, אַ שלוק געטאָן און האָט אָנגעזאָגט, שטאַרק גערירט, דעם אַנדערן, זיין החלטה, אַז ער איז מוותר. דעם עקספּעדיציע=ראַטס בלאַסע אויגן זיינען פייכט געוואָרן, מיט זיין דינער שטים, וואָס איז מחמת אופרעגונג כמעט געווען געליימט, האָט ער געפרעגט דעם גוטן פריינט, צי ער מיינט, אַז דאָ איז פאַראַן עפּעס אַ מעגלעכקייט; אויב ער וועט צו איר אופהויבן די אויגן, צי וועט אָט די גרויסע, געהויבענע, גערימטע פרוי ניט אָפּווענדן זיך נשתומם און פאַרחידושט און דערצערנט איבער אַזאַ העזה? אָבער שאַבער האָט אים געטרייסט. און ער איז געווען גליקלעך.

מאַגדאַלען סיבילע האָט אויסגעהערט זיין אָנבאָט וואָס ער האָט אַרויסגעשטאַמלט. ערנסט, אָבער ניט ברוגז, זי האָט געבעטן צייט אף אַ ישוב=הדעת. דערנאָך האָט זי זיך אַוועקגעזעצט, צו ענטפערן אין גראַמען. צו זיצן אַזוי באַם שרייב=טיש, וואָרטן אף גראַם און ריטמוס, זיינען איצט געווען אירע בעסטע שעהן. דאָס האָט געטראָגן, דאָס האָט געהויבן, דאָס האָט זיך געשיקט. ערגעץ וואו, פאַרנעפּלט, האָט זי געטראַכט: אין אָנהויב איז געווען דאָס וואָרט; דאָס וואָרט איז גאָט. ווי וואויל איז זיך צו לאָזן טראָגן פון פליסנדיקן וואָרט, שווימענדיק אף גראַם און גלייכמאָס אין חלום אָן אַ ברעג, אינטערטוקן זיך אין גאָט. די וועלט איז אָן אַ סדר, אָן אַ מאָס און האַלט, איז ווילד, נאַריש, אָן אַ זין, שמוציק, דאָ איז זין און האַלט און ריינקייט, דאָ גליטשט מען זיך לייכט איבער אַלע שטורעמס, איבער זומפּן און אָפּגרונטן, פלושקענדיק, פאַרחלומט. די היץ, וואָס האָט פריער פאַרסמט איר דאָס בלוט, איז איצט אומשולדיק=לעבלעך און בנעימותדיק אויסגעדעמפט אין דעם גלאַטן, וויגנדיקן אַרויף און אַראָפּ. די שפּיצן און די טיפענישן פון דער וועלט האָבן זיך אויסגעגליכט אין פלאַטשיקע, זייער קאָרעקטע אלכסנדרינער.

אַזוי איז זי אויך היינט געזעסן, צו ענטפערן עמנואל רי=

גער. אירע געדאַנקען און שלאַבעריקע געפילן האָבן זיך זאַנפט געהוידעט אַרויף און אַראָפּ און האָבן זיך אויסגעקײַלעכט סוף כל סוף אין אַ פילווערטערדיקער, אויספירלעכער, שלעכטער, ערנסטער פּאָעמע צו אַ יאָ, וואָס האָט צוערשט געקלונגען אײַנגעהאַלטן, אָבער דערנאָך אַלץ פעסטער. די גראַמען האָבן אָנגעשאָטן לאַנג און בפּרוטרוט אַלע אַרגומענטן פאַר און קעגן, האָבן זיך געחקירהט איבער פרײַהייט און אחריות־געפיל, האָבן געריימט געזעץ, אָרדנונג, שטילקייט, געפעסטיקטע באַגרענעצונג.

אמת, בעת זי האָט געשריבן אָט די דאָזיקע קלוגע, געלאַסן אָרנטלעכע חקירות, איז געווען איין רגע, ווען עס האָבן איר פּלוצים פאַרפעלט גראַם און ריטמוס. אַ מוראדיקע, נודנעדיקע מידקייט האָט אירע גלידער געליימט, זי האָט געזען אַרויסטאַרטשענדיקע, פליענדיקע אויגן אָנגעשטעלט היים אַף איר, האָט דערשפּירט זיך חניפהדיק באַגאָסן מיט דורכדרינגענדיקער, גרונטיקער שטים, אַזוי ווי מיט מחיהדיק לעבלעך וואַסער, און אַף סעקונדעס האָט זי דערזען, וואָס פאַר אַ נעבעכדיק פּוסטער סוראָגאַט עס איז איר נאַרישע שפּילערײַ אין פּאָעזיע. אָבער באַלד האָט זי אָפּגעשטופּט דאָס דאָזיקע אײַנזעעניש ווי אַ מיאוסן נסיון, און מיט אַ זיך פאַרפינסטערנדיקער עקשנות, מיט אַ כמעט פאַנאַטישער דבקות צו ניכטערקייט האָט זי געענדיקט שרײַבן דעם שיר.

דער דאָזיקער שידוך פון דער דעמואַזעל ווייסנזיי, הגם מען האָט נאַטירלעך שוין געהאַט באַמערקט איר פאַרבירגערלעכונג, האָט אַרויסגערופן פאַרוואונדערונג. דעם הערצאָג האָט געאַרט, וואָס איצט וועט אַזאַ נאַרישער קליינער פּעדאַנט און נידעריקער באַאַמטער אַף שטענדיק אים ירשען. קיין קנורע פונדעסטוועגן איז ער קיין מאָל ניט געווען, און האָט איר געשאָנקען אַ כלה־מתנה דעם מאַיאָנטעק ווירטינגהיים, וואָס איז געווען באַרימט מיט זײַנע גרויסאַרטיקע אויבס־קולטורן. אַפילו זיס האָט זיך אופגעכאַפּט פון יענעם שטענדיקן געפילן־טומל, וואס אין אים איז ער געווען אײַנגעזונקען, אַזוי איז די וועלט: נאַריש, קליין, פּוסט, זויערלעך, נישטיק וויזט זיך אַרויס אין גרונט אַלץ, וואס

האָט צוערשט און פון דרויסן געגלאַנצט אַזוי מיט כח און זיס=
קייט. צי האָט, אגב, קאַרל אַלכּסנדר אויך די דאָזיקע ניט אריינ=
געטאַפּטשעט אין בלאָטע און אין וואָכעדיקער נידעריקייט? טו
נאָר א קוק! דאָס איז ער, אמת, ניט אויסן, אָבער ער וועט
דאָך באַפרייען די ערד פון א געפערלעכער חיה רעה, אויב ער
וועט טאָן, וואָס עס באַפעלט אים זיין אייגענער אינטערעס און
געזעץ. אפילו דער מינדסטער געדאַנק איז אים ניט ארויף, אז
ער איז אויך שולדיק אין מאַגדאַלען סיבילעס ירידה. די קליאַט=
שע אַסיאַדאַ האָט ער געהייסן זאָטלען, מיט גרויס פּאַראַד און
גלאַנץ איז ער אוועקגעריטן אין שלאָס פון מאַגדאַלען סיבילע.
א טונקעלע, ווילדע גרויסקייט איז אַרויסגעגאַנגען פון אָט דעם
מענטשן, וואָס האט בימער און צעשפּאָלטן נאָך דאָס לעצטע
מאָל געלאָזט שפּילן גאַר זיין גאַלאַנטקייט אנטקעגן דער פרוי.
מאַגדאַלען סיבילע האָט נאָר פּאַמעלעך און ערשט אין טעג ארום
זיך באַפרייט פון דער צעטומלעניש פון אַט דעם גראַטוליר=
וויזיט.

און די הערצאָגין האָט געזאָגט צו וויסנזיי — פלינק און
אַ ביסל שפּאָטיש זיינען די ווערטער געקומען פונם קליינעם,
רויטן, פוכקען מויל: „איר זייט, קענטיק, ליבע עקסעלענץ, ניט
צופרידן מיט דעם אויסדערוויילטן פון מאַגדאַלען סיבילע?” און
פלוצים, צוגעקערט צו אים דעם חנעוודיקן, עקדישדיקן פּנים, וואָס
האָט אונטער דעם שטראַליק שוואַרצן האָר מאַט געלויכטן אין
קאַליר פון אַלטן, איידעלן מירמל=שטיין, האָט זי א שמייכל גע=
טאָן מעשה קונדס: „האט זי דען, א שטייגער, גאַר באַדאַרפט
חתונה האָבן מיט אונזער הויף=איד?”

„יאָ, דורכלויכט”, האָט געזאָגט וויסנזיי. „הונדערט מאָל
ליבער”. און עס האָט געקלונגען פונם מויל פון דעם פיינעם,
ליבנסווירדיקן הער אַזוי בּיטער און כעסדיק און ווי אַן אויסגע=
שריי, אַז די הערצאָגין האָט טשיקאַוו און א ביסל צעטומלט א
קוק געטאָן און נאָך א קורצן שטיל שווייגן גענומען ריידן פון
עפּעס אנדערש.

אין פאדער=צימער האָט דער קאַמערדינער נייפער צוגע= שלאָסן די טיר הינטער זיסן, וואס איז אַריין אין הערצאָגס קאַ= בינעט. באַלד הינטער דעם פינאַנס=דירעקטאָרס רוקן איז דער שטייפער און ערנסטער לאַקייען=פּנים אזוי איבערגעאַנדערשט געווארן, אַז עס איז אים ניט געווען צו דערקענען: אין אים איז געווען אזוי פיל ברוטאַלער, קלאָציקער, אָנמעכטיקער גרימצארן, אַז עס האָט געקאָנט אנווארפן אַן אימה. דער איד! שטענדיק דער איד! איין מאָל, אמת, האָט דער הערצאָג, בשעת נייפער האָט אים אויסגעטאָן, געשליידערט און געשפריצט שוים אין ווילדן צארן: אין פעסטונג וועט ער אים אריינזעצן, דעם אידן, דריי יאָר וועט ער אים לאָזן שלייפן קוילן און דערנאָך אים אופהייננען. אָבער וואָס האָט דאָס געהאָלפן! רעגירער פון לאַנד איז געווען און גע= בליבן דער איד. דער הערצאָג האָט זיינע עצות געזידלט, געלויבט די אַנדערע: איז עס אָבער געקומען צום שפּיץ, האָט ער געטאָן דאָס, וואס דער איד האָט געהייסן.

אין אַנדערן עק פּאָדער=צימער איז געזעסן איינגענורעט אף אַ טעפיך דער שווארץ=ברוינער. ער האָט גוט געזען, ווי דעם קאַמערדינערס פּנים האָט אַף איין רגע אראָפּגעווארפן די ליווריע, און גאָר אין זיך האָט ער אנגעקוואלן איבער דער האַמעטנער נאָ= קעטקייט פון זיין קריסטלעכן חבר. ער איז אָבער געבליבן שטום, איינגענורעט פויל אין זיך מעשה חיה, מיט פארשלאָסענעם פּנים.

דערווייל האָט זיך פארן הערצאָג געהאַלטן זיין פּירטראַג. פון היינט אין צוויי טעג ארום ווילן די פאַרשווארענע ארויסטרעטן; אַלע הכנות זיינען פאַרענדיקט. אָפיציעל האָט דער הערצאָג באַ= דאַרפט אָפּפאָרן, צוערשט בכדי ווי דער פעלדמאַרשאַל פון דער אימפעריע צו אינספּיצירן די פעסטונגען קעל און פיליפּסבורג, דערנאָך בכדי צו וויזן זיין קראַנקן פוס דעם דאַנציגער מעדיקער הולדעראָפּ, דעם גרעסטן אָרטאָפּעד פון דער צייט. פאר דער צייט וואס ער וועט ניט זיין האָט דער הערצאָג באַשטימט אַ רע= גירונג, וואָס דאַרף אים פאַרטרעטן: די מיניסטאָרן שעפער, פפאו, דעם מלוכה=ראט לאוין, די גענעראַלן רעמכינגען און ריידער, אונ= טערן פארזיץ פון דער הערצאָגין, — וואס האָט זיך געשפּירט

זייער חשוב אין דער דאָזיקער ראָלע. די דאָזיקע רעגירונג האָט באַדאַרפֿט דורכפֿירן די מלוכה־איבערקערעניש פֿאַר דער צייט, וואָס דער הערצאָג וועט ניט זיין; פֿאַרנעמען אַלע סטראַטעגישע פּונקטן אין לאַנד, און דערנאָך פֿאַרעפֿנטלעכן אַ געזעץ, אַז די קאַטוילישע רעליגיע קריגט פֿולע רעכט, אַז די בירגער ווערן אַנטוואָפֿנט, אַ סך פּאַראַגראַפֿן פֿון דער קאָנסטיטוציע ווערן בטל. עס ווערט אויפֿגעמאָנט דער ווידוי־שטייער, אַז גאָר דאָס זילבער מוז אָפּגעגעבן ווערן אין דעם הערצאָגס מטבע־גיסעריי און כדומה נאָך אַזעלכע זאַכן.

זיס האָט נאָך אַ מאָל געמאַכט אַ סך הכל פֿון גאַנצן פּלאַן און אויסגעטייטשט, אַז דער עיקר איז, דער פּראָיעקט זאָל אויסגעפֿירט ווערן אין גאַנצן אָן קאַמף, אָן שטער אין איין נאַכט. קאַרל אַלכּסנדר פֿאָרט אַוועק פֿון זיין לאַנד ווי אַ קאָנסטיטוציאָנעלער הערצאָג, און אין עטלעכע שעה אַרום ווערט ער צוריקגערופֿן ווי אַן אַבסאָלוטער סוווערען. פֿאַרשלעפּט זיך אָבער די אויספֿירונג, עס כאַפּן זיך אַריין שטערונגען, קאַמף, בלוט־פֿאַרגיסונג, דעמאָלט איז אַלץ פֿאַרפֿאַלן, דעמאָלט זיינען געווען גערעכט די אָפּגעהיטע און די שרעקעדיקע. וואָרום מער ווי מען האָט די קאָנסטיטוציע פֿאַרבויגן לאָזט זי זיך ניט בויגן; מיט גאָר דער יעזואיטישער קונסט לאָזט זיך מער ניט פֿון איר אַרויספּלפּולן. בלייבט נאָר איין ברירה, זי צו צעברעכן, אָבער דאָס קאָן מען ניט טאָן פּאַוואָליע, דאָס מוז דערגרייכט ווערן מיט איין קלאַפּ. זאָל דאָס ניט אָפּגליקן אין גאַנצן, דעמאָלט האָט דער פֿאַקט אַליין, וואָס עס איז אויסגענוצט געוואָרן געוואַלד, דערוויזן, אַז מען פֿילט זיך אומגערעכט; דעמאָלט וועט אָנפֿאַלן דער גאַנצער עוואַנגעלישער בונד, די גרעניצן פֿון דער קאָנסטיטוציע וועלן איינגעשטעלט ווערן נאָך ענגער און פֿעסטער. אויב עס זאָל קומען צו אַ קאַמף, האָט די קאָנסטיטוציאָנעלע פּאַרטיי צו פֿיל און צו מעכטיקע אָנהייגער אין דער אימפּעריע. זאָל אָבער אָפּגילטן דער פּלוצימדיקער אָנפֿאַל, וועלן אים אַלע מוזן אָנערקענען, די מיט הנאה, יענע מיט סקריפּעדיקע ציין. פֿריער איז ער געווען קעגן דעם, מען זאָל אַרויסטרעטן מיט געוואַלד, ווי די אַנדערע האָבן געוואָלט; איצט איז

אָבער געבליבן נאָר איין וועג: אָפּן, מיט כח, אויסשטרעקן די האַנט און נעמען, רויט אָדער טויט.

מיט צווינגענדיקער לאָגיק, זאַכלעכקייט, וויסנשאַפטלעכקייט האָט זיס דאָס נאָך אַ מאָל דערקלערט דעם הערצאָג. און דערנאָך איז ער אַריין אין היץ און האָט גענומען שילדערן, ווי אַזוי, שוין ניט צו ריידן פון די פּראַקטישע סברות, עס וואָלט צו=נישט געוואָרן די אידיי, די גרויסע אידיי פון דער געמלעכקייט פון דער פירשטלעכער ממשלה, אויב זי וואָלט צוערשט צעפּיצלט און צעברעקלט געוואָרן דורך מחלוקתן און פּראָצעסן און קליינע לעבערלעבע געשלעגן מיט דער בירגערלעכער גוואַרדיע. דאָ איז באמת געווען נאָר איין גאַנג: אַלץ אָדער גאָרנישט. אָדער דאָס הערצאָגטום גייט צוריק בדרך הטבע צו זיין הערצאָג, אָדער דער דאָזיקער שטאָף איז צו שלעכט, אַז די גרויסע אידיי זאָל אין אים קאָנען לעבן און ווירקן.

אין שפּאַרנדיקן, שטיקענדיקן גרימצאָרן איז געשטאַנען קאַרל אַלכסנדר. דער איד איז גערעכט ווי שטענדיק, און גוט האָט ער דאָס געזאָגט. אָבער ווי טיף ער האָט אין אים אַריינגעקוקט! אַוועק, אַוועק מוז ער, אַף אייביק אין פינסטערניש זאָל ער פאַרשווינדן! און וואָס האָט ער דאָ געזאָגט: דער דאָזיקער שטאָף איז צו שלעכט פאַר דער גרויסער אידיי? וואָסער שטאָף? עס איז דאָך בשום אופן ניט געווען מעגלעך, אַז דער פּראָיעקט זאָל פּלאַצן; אָבער פונדעסטוועגן: וואָסער שטאָף איז צו שלעכט? דאָס לאַנד? אָדער — די עצה האָט ער געהאַט, די עצה, אט דער איד? — אָדער ער, דער פירשט? אוודאי האָט ער די עצה! הינטער זיין העפלעכן, הכנעהדיקן פּרצוף האָט געשטעקט חוזקדיק, אופריייצנדיק דער עזותדיקער, אַקסל=ציענדיקער, שטעכנדיקער ספק. אָ דער אומפאַרשעמט חוצפּהדיקער מורד במלכות! ער איז דאָך הונדערט מאָל ערגער ווי די איינגעשפּאַרטע בונט=מאַכערס פון פּאַרלאַמענט! דאָס זיינען געווען איינגעקשנטע בהמות! אָבער דער דאָזיקער שמייכלענדיקער, העפלעכער איז קלוג, און זיינע אָפּלאַכערישע, אומפאַרשעמטע ספקות דרינגען אַריין ווי סם אין דער נשמה אַריין.

אַוועק זאָל ער! צו נישט ווערן! אף אייביק אין פינסטערניש. מוז ער אַוועק!

„האָבן איַער דורכלויכט שוין באַשטימט דעם פּאַראָל?“ האָט געפרעגט די אומבאַוועגטע, זאַכלעכע שטים דעם אידנס.

„יאָ“, האָט קאַרל אַלכסנדר געזאָגט, קורץ, שטריינג, מיליטעריש. „עס הייסט: אַטטעמפּטאָ“.

פאַרחידושט האָט זיך אַ קוק אויף געטאָן מיט אַ קליינעם, לויבנדיקן שמייכל. „אַטטעמפּטאָ! איך שטעל זיך איין!“ דאָס איז געווען אַ חוצפּהדיקער, אַ דרייסטער, אַ כמעט געניאַלער וויץ. „אַטטעמפּטאָ! איך שטעל זיך איין!“ האָט געזאָגט עבערהאַרד אין באָרד און האָט דער ערשטער דייטשער פירשט געגעבן זיין לאַנד אַ קאָנסטיטוציע. „אַטטעמפּטאָ, איך שטעל זיך איין!“ איז געווען די גרויסע אופשריפט אפן צינן דעם דאָזיקן פירשט, אפן צעדערשטאָם, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון קרייץ-צוג. אַזוי איז זיין בילד געהאַנגען אומעטום אין הערצאָגטום. מיט אָט דעם מוטיקן שפּראָך האָט ער אָפּגעטאָן פון זיך אַ גרויסן טייל פון זיין מאַכט און אָפּגעגעבן עס צוריק דעם פאָלק. אַפילו ווער אין לאַנד עס האָט קיין איין וואָרט לאַטיין נישט געקענט, דאָס דאָזיקע „אַטטעמפּטאָ!“ האָט ער פאַרשטאַנען; וואָרום עס איז געווען דער יסוד פון דער קאָנסטיטוציע און פון גאָר דער בירגערלעכער פרייהייט. און דאָס איינציקע „אַטטעמפּטאָ! איך שטעל זיך איין!“ האָט איצט קאַרל אַלכסנדר אויסגעקליבן פאַר אַ פּאַראָל, גראָד בכדי צו צעברעכן אָט די קאָנסטיטוציע, וואָס זיין עלטער-פאָטער האָט באַגרינדעט, צוצוכאַפּן ווידער די מאַכט פאַר זיך, איינצושטעלן אָנשטאָט דער אויסגעבילדעטסטער דעמאָקראַטיע דעם נאַקעטן אַבסאָלוטיזם. צו אַלדי רוחות! דערצו איז נויטיק אַ מוט אַ גייסט. דער דאָזיקער קאַרל אַלכסנדר איז פאָרט אַ מהות!

געהויבן, פול מיט הנאה-געפיל, וואָס האָט געשפּאָרט פון ברוסט אַרויס, איז זיך געגאַנגען אַהיים. ער האָט דעם מענטשן געמאַכט צו דעם, וואָס ער איז. ער האָט אין אים אָנגעצונדן דאָס ליכט, אויסגעקנאָטן פון היציקן, תאוותדיקן, ברוטאַלן שטיק פלייש אַ פירשט. אָ, זיין וועג איז געווען דער ריכטיקער. ווי אומ=

געלומפּערט און ווי פֿראָסט דאָס וואָלט געווען דעמאָלט צו כאַפּן אים פֿאַרן גאַרגל. איצט האָט ער זיך זײַן קרבן אָפּגעפּיטערט, האָט אים דערהײבט, געמאַכט אים חשוב און ווערטפֿול. אָנגענומען אַן אויסגעהונגערטע בהמה וויל ניט דער כהן ניט גאָט. דער קרבן, וואָס זײַן בלוט ברענגט ער איצט, האָט אַ האַפֿט.

ער איז אַרומגעגאַנגען איבער זײַן אַרבעטס־קאַבינעט אַהין און אַהער, אַ געוועקטער, אַן אופֿגעלעבטער. אַלע ליכט האָבן געברענט, אויך אין די דערבײַיִקע צימערן. וואָס האָט רבי גבריאל געזאָגט? יעדן געדענק־טאָג. וואָס איר באַשטימט פֿאַרן טויטן, שטײַגט ער אַרויף, אַרום יעדער בילד, וואָס איר הײליקט אים, שוועבט ער אַרום, הערט צו יעדער וואָרט, וואָס קלינגט פֿון אים. מיט אַלע געדאַנקען האָט ער גערופֿן די טויטע און מיט בלוט און געוויין האָט ער גערופֿן; אָבער זי איז ניט געקומען, נאָר אין חושך און נעפּל האָט ער געקאָנט זי שפּירן. איצט וועט ער איר צוגרייטן אַ קרבן־טאָג, אַז זי וועט מוזן אַרופֿשטײַגן. ער וועט איר ברענגען אַ קרבן ניט נאָר דעם גוף פֿון דאָזיקן הערצאָג, נייערט אויך זײַן נשמה האָט ער צוגעגרייט, אַז זי זאָל זיך שיידן מיטן גוף גראָד אין יענעם מאָמענט, ווען זי וועט אין איר האָפֿערדיקייט לאָזן בליאונג אַרויסשפּראָצן. און די נשמה פֿון האָפֿערדיקן וועט אײַנגעקערפּערט ווערן אין פֿײַער; אין פֿײַער וועט זי צעפּיצלט ווערן, טויזנט־פֿאַכיק צעריסן אין איטלעכער סעקונדע, דורך אַ נײַער אײביקייט. שטײַג אויף, נעמי! שטײַג אויף, קינד, מײַן קינד, מײַן בעסט, מײַן ריינסט, ליליע אין טאָל; שטײַג אַרויף! אַ מצבה פֿון שערבלעך פֿון אַ צעוואָרפֿענעם קעניגרײַך שטעל איך דיר אַוועק, אַ פֿירשט בין איך דיר מקריב, אַ נשמה לאָז איך אײַנקערפּערן אין אײביק פֿאַרצוקנדיקן פֿײַער! אַזוי רוף איך דיך, נעמי, מײַן קינד! שטײַג אַרויף! טויב אין פֿעלזן־שפּאַלט, אַף פֿאַרבאָרגענעם שטאַפּל! לאָז מיך זען דײַן געשטאַלט, לאָז מיך הערן דײַן שטים! ווײַל דײַן שטים איז זיס און דײַן געשטאַלט ליבלעך.

ער איז געבליבן שטיין. נו יאָ, דאָס האָט דאָך נאָך באַדאַרפֿט געשען. ער האָט ניט געוואָלט, בשום אופֿן האָט ער ניט געוואָלט, עס זאָל אויסווײַזן, אַז ער פֿאַרקניפּט זײַן אונטערנעמונג

קעגן קאַרל אַלכּסנדר מיט אַ וואָסער עס איז פּערזענלעכער זיכערונג אָדער גאָר מיט אַ טובת הנאה פֿאַר זיך, ניט פֿאַר אַנדערע און ניט פֿאַר זיך אַליין האָט ניט געטאָרט זײַן אַפֿילו דער מינדסטער חשד דעריבער. אויב עס זאָל דערבײַ אַרויסקומען אַ נוצן פֿאַרן לאַנד, איז דאָס אַ טפֿל־זאַך, ניט מען שטרעבט דערצו, ניט מען מײַדט דאָס אויס; פֿאַר זיך אַליין, לכל הפּחות, האָט ער געוואָלט פֿון לכתחילה אָן צעשטערן יעדער מעגלעכקייט פֿון אַ געווינס. ער לעבט, בכדי אופֿצוהאָדעווען דאָס האַרץ פֿונם דאָזיקן פֿירשט קאַרל אַלכּסנדר פֿון ווירטעמבערג, עס זאָל ווערן פֿעט און הויך, און אַז עס וועט זײַן אָנגעדראָלן פֿון פֿעטס, צו צעדריקן דאָס. צוליב אָט דעם קריבן און אויסלייזונג לעבט ער. וואָס דערנאָך וועט זײַן, — אַ ווי ווײַט דאָס איז און ווי נישטיק.

ער האָט געהייסן רופֿן צו זיך דעם מאַגיסטער שאָבער. יענער איז געקומען, אַ דערשראָקענער, אופֿגעוועקט פֿון שלאָף, מיט מורא, דער פֿינאַנס־דירעקטאָר זאָל ווידער ניט אַרופֿלייגן נײַע פּײַן אַף זײַן געוויסן. אומגליקלעך, אין אַ לאַנגן שלאָף־ראָק, וואָס האָט זיך נאָכגעשלעפּט, — וואָרום זיס' באַפֿעל האָט אים קיין צײַט ניט געלאָזט, — איז ער געשטאַנען פֿאַר זײַן בעל־הבית מיט קײַלעכדיקע, איבערגעשראָקענע קינדערשע אויגן. זיס איז שוין לאַנג ניט געווען אַזוי מונטער, צופֿרידן, גוט געשטימט. ער האָט זיך נאָכגעפֿרעגט אָפּן מאַגיסטערס שירים, ווי אַזוי די אַרויסגאַבע פֿאַרציט זיך אַזוי לאַנג, דאָס געלט איז דאָך אָנגעוויזן געוואָרן דער דרוקערײַ נאָך מיט וואָכן צוריק. „ווי האָבן אײַער דורכלויכט באַוויליקט צו שלאָפֿן?" האָט געפֿרעגט דער פּאַפּוגאַי עקיבא. דער מאַגיסטער האָט אַ ביסל צוגעשטאַמלט, ער זיצט שוין איבער די קאָרעקטורן, אין צוויי, דרײַ וואָכן אַרום וועלן די שירים זײַן פֿײַן אָפּגעדרוקט. זיס, פּלוצים אָפּגעווענדט דעם שמועס, האָט אים אַרופֿגעלייגט די האַנט אַפֿן אַקסל, פֿאַרקרימט די ליפּן צו אַ דורכגעטריבענעם שמייכל און אַ זאָג געטאָן, מיט אַ וואונק, מעשה סוד: „ער איז, טײַוול נאָך אַ מאָל, אַ שלעכטער פּראָטעסטאַנט, מאַגיסטער." און אַז דער פֿאַרציטערטער האָט גענומען עפּעס שטאַמלען, וואָס מען האָט ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, האָט ער ווײַ־

טער גערעדט; „איך מוז מיין אידישער בעל־חשבונדיקער מאָראַל
וואָלט מיר אַף זיין אָרט געזאָגט: פעלש איך אין דעם אידן, פעלש
איך אין איין איינציקן, און דערצו נאָך א אידן; פעלש איך אבער
ניט אין אידן, דעמאָלט פעלש איך אין א מיליאָן עוואַנגעלישע
נשמות. און דעמאָלט וואלט איך אַוועק צו שטורם אָדער צו יע־
גער אָדער צו עמיצן אַנדערש פון דער עלפער קאָמיסיע און
וואלט דערציילט די מעשה פון אַלף ביז תיו. איך מוז זאָגן, מאַ־
גיסטער, פון זיין געטריישאַפט און פון זיין האַלטן אַ סוד שטינקט
שוין צום הימל ארויף".

יעקב פאָליקאַרפּ שאָבער איז געשטאַנען און געציטערט אין
שיין פון די ברענענדיקע ליכט, האָט ניט געסמייעט אָפּצוואווישן
דעם מוראדיקן שוויס, וואס האָט אים געטריפט איבערן גראָען,
דיקן קינדערשן פנים, אָנגעשטעלט די קיילעכדיקע, פאַרגלייזטע
אויגן אפן אידן. „איצט האַלט ער מיך מסתמא פאַר משוגע?"
האָט יענער געפרעגט אין אַ ווײַלע אַרום, גוטמוטיק. „ניין, מאַ־
גיסטער, איך בין לחלוטין ניט משוגע", האָט ער געזאָגט, ווידער
נאָך אַ שטיל שווייגן, טרוקן. „אָדער לכל הפחות ניט מער ווי
איטלעכער אַנדערער."

עס איז געווען טויט שטיל אין ליכטיקן חדר. אין דרויסן
האָט געטופּעט דער טראָט פון נאַכט־וועכטער. זיס האָט זיך אַני־
דערגעזעצט, אויסגעקרימט זיך ווי גרינג פרירנדיק, הגם די חדרים
זיינען געווען שטארק אָנגעהייצט, און עס האָט אויסגעזען, ווי ער
וואָלט גאָר געהאַט פארגעסן דעם מאַגיסטער שאָבער, וואס איז
געשטאַנען אין א מאָדנע איינגעקניטשטער, אומבאַקוועמער האַל־
טונג. אומגעריכט האָט ער ווידער אָנגעהויבן: „איך וויל אים
אַרויסהעלפן פון זיין דילעמע. זאָל ער גיין צו די הערן פון פאר־
לאַמענט. זאָל ער זיי זאָגן: די צייט איז די נאַכט אף דינסטיק,
דער פּאַראָל: אַטטעמפּטא. און אויב די הערן ווילן אויסמיידן בלוט־
פארגיסונג, אַזוי אַז דער גאַנצער פּראָיעקט זאָל אראָפּפאַלן ווי א
מאַריאָנעטקע, ווען מען צעשניידט דעם דראָט, זאָלן זיי מאָנטיק
אין אָוונט שיקן אַ דעפּוטאַציע קיין לודוויגסבורג. דער מאַמעלוק

וואַרט אַף זײ באַם זײַטיקן אַרײַנגאַנג פֿון לינקן פֿליגל און ברײנגט זײ צום הערצאָג".

ווי זים האָט דאָס אזוי גערעדט זאַכלעך און מײַשה געשעפֿט, איז שאָבער געשטאַנען, און די אויגן פֿון קאָפּ זײנען אים שיער נים ארויסגעשפּרונגען: ער האָט זיך אנגעשטריינגט צו הערן, האָט גאָרנישט נים פֿארשטאנען און איז געווען אופגערעקט. „מײן תנאי איז", האָט זים ווײַטער גערעדט מיט דער זעלביקער זאַכלעכער קאַלטקײַט, „און אַף דעם דאָזיקן תנאי מוז ער מיר געבן אַ תקיעת כף, אַז קײן מאָל וועט קײן לעבעדיקער נפש נים דערגײן, אַז איך האָב דאָס אים געזאָגט צי גאָר געשיקט".

„עקסעלענץ", האָט שאָבער צולעצט ארויסגעשטאמלט, „איך פֿאַרשטײ דאָס נים, איך פֿארשטײ דאָס לחלוטין נים. איך בין אזוי גליקלעך, וואס דער אויבערשטער האָט אײך מעורר געווען און וואס איר ווילט מציל זײן דעם עוואנגעלישן גלויבן. אָבער אויב דער פּראיעקט פֿון די כופרים יועט טאַקע האָבן זײן ווײסטן סוף און מען וועט נים ווײסן, אַז דאס האט איר אים באַגראָבן, וועט דאך די לאַנדשאַפֿט, זאָלט איר מיר מוחל זײן, אײך דעם ערשטן מאַכן אַ קרימינאַל־פּראָצעס. איך בין נים שטאַרק באַהאַוונט אין ענינֵי פּאָליטיקע, אָבער דער הערצאָג וועט אײך דעמאָלט נים קאָנען שיצן".

„ניין, דער הערצאָג וועט מיך נים שיצן", האָט זים געזאָגט טרוקן. „ס'מאַכט נים אויס, מאַגיסטער", האָט ער ווײַטער גערעדט זאַנפֿט, מילד, כמעט פֿאָטערלעך, „די געשיכטע איז שטארק מטיקאַוו. אַ קאַטוילישער הערצאָג וויל מאַכן אַן עוואַנגעליש לאַנד קאַטויליש און אַ איד גײט בעסער אַף דער תליה, אַבי נים צוצולאָזן דאָס. דערפֿון קען ער זיך קײן גראם נים מאַכן, זאָל ער אפֿילו זײן אַ גרויסער פּאָעט".

אַ צעטומלטער, די קני אָפּגעשוואַכט, מיט נאָכשלעפּנדיקן שלאָף־ראָק, האָט יעקב פּאָליקאַרפּ שאָבער זיך גערוקט נאָך אָט דעם שמועס איבער די טונקעלע קאָרידאָרן פֿון הויז. ביז אין דער פֿרי האָט אים ארומגעטריבן אין צימער אהין און אהער. ער האָט נים געזען קלאר, אלץ איז געווען פֿול רויך און נעפּל. אָבער

אײנס איז געװען געװיס: גאָט האָט אים פֿאַרט אױסדערװײלט. ער האָט זיך געשלעפּט איבערן צימער, אָן רו. די פּאָלעס און די פֿרענז פֿון שלאָף־ראָק האָבן געקערט די דיל. די אַלטע שװאַרץ־גראָע קאַץ האָט זיך אױפֿגעכאַפּט, איז אים נאָכגעגאַנגען, זי איז געװען א געפּיעסטעטע אלטע קאַץ און האט געװאלט, ער זאָל זי נעמען אױפֿן האַנט אָדער אין בעט אַרײן, װי אַלע מאָל, און האט געמיאוקעט. אָבער ער איז געגאַנגען אַהין און אַהער און האט זי ניט געהערט.

דער איד, אז דער מאַגיסטער איז פֿון אים אװעק, האט אױסגעשטרעקט די גלידער, אַנטפּלעקט די שטאַרקע צײן. פֿאַרן בילד פֿון הערצאָג אױף זײן שרײבּ־טיש — קאַרל אלכסנדר האָט דערױף מיט דער אײגענער האַנט אױפֿגעצײכנט א זײער לײַטזעליקע אױפֿשריפֿט אין זײן גראַבּן כתב — איז ער געבליבּן שטײן, געזאָגט שטילערהײט: „אַדיע, לואי קאַטאָרז! א גרינגן װעג, דײטשער אכילן!" און נאָך א מאָל, װילדער: „א גרינגן װעג, דײטשער אכילן! אַדיע, לואי קאַטאָרז!"

ער האט מער ניט געטראַכט פֿון קינד. דאָס איז געװען אן עסק נאָר צװישן אים און קאַרל אלכסנדר, אָן קינד. ער איז געשװאומען אױף א טונקעלן, װיאָלעט־רױטן ים פֿון שנאה, װאָס האט אױסגעפֿילט הארץ און מוח. װי ער רױשט! װי ער שטורעמט אין די אױערן און אין דער נשמה! װי עס שמעקט װילד און נחת־דיק פֿאַרטױבּנדיק די חושים! ער האט געהערט דעם װילדן געשרײ פֿון דעם אױף טױט אָפּגענאַרטן פּירשט. האט געזען דעם בלוטיקן בּליק פֿון דעם מענטשן, װאָס ער האט אים אַרױסגעשלאָגן פֿון האַנט דאָס דערגרײכעניש פֿון א שטאַרקן, שטורעמדיקן לעבּן גראָד אין דעם מאָמענט, װען ער האט געװאָלט אָפּאָטעמענדיק צומאַכן די פֿינגער. א מחיה איז, צו שטעלן דעם קני אױפֿן שונאס בּרוסט. זיס און אַ מחיה איז, צו לײגן די פֿינגער אױפֿן שונאס גאַרגל, בּעת דער מױל זײנער װיל כאַפּן גאָטס ליבּע לופֿט און קאָן ניט, צוצודריקן, פֿעסטער, נאָר פּאַװאָליע, דאָס אױג ניצחונדיק אַנגעשטעלט אױפֿן זיך אױסלעשנדיקן אױג דעם אַנדערנס. דאָס הײסט לעבּן! צוליבּ דעם האָט געלױנט צו לעבּן!

אין זיין ווילדן, קראַנקהאַפֿטיקן חלום האָט זיך אַריינגעשטעלט פֿלוצים אַ לעבעדיקער מענטש. אָטמאַן, דער שוואַרץ־בּרוינער. ער האָט זיך פֿאַרנויגט, מודיע געווען, דער הערצאָג האָט געגעבן דעם גענעראַל רעמכינגען דעם באַפֿעל. — וואָסער באַפֿעל? — די רשימה. — אַך אַזוי, די רשימה פֿון די וואָס מען דאַרף אַרעסטירן, וואָס זיס האָט צונויפֿגעשטעלט פֿאַרן הערצאָג. אָבער אַז קאַרל אַלכסנדר זאָל אים לאָזן מעלדן אין מיטן נאַכט אַזאַ נישט־וויכטיקע זאַך? ס'קאָן נישט געמאָלט זיין. געוויס האָט דער שוואַרץ־בּרוינער עפּעס מער ממשותדיקס, אַ סוד צו דערציילן. אויפֿמערקזאַם האָט זיס אים אָנגעקוקט אין פֿאַרשלאָפֿענעם פּנים. דעמאָלט האָט יענער אָנגעהייבן אויסצורעכענען נעמען. יאָהאַן געאָרג אַנדרעאַ, יאָהאַן פֿרידריך בּעלאָן. נו יאָ, די רשימה צו אַרעסטירן, פֿיין זויבער צונויפֿגעשטעלט נאָכן אַלף־בּית. אָבער וואָס איז דאָ דער מער? דאָס ווייס ער דאָך, ער האָט דאָך אַליין צונויפֿגעשטעלט די רשימה. דער שוואַרץ־בּרוינער האָט ווייטער אויסגערעכנט: פֿרידריך לודוויג שטעפֿלען, יאָהאַן היינריך שטורם, יוסף זיס אָפּנהיימער. זיס האָט קיין איין ריר זיך נישט געטאָן. אויך דער שוואַרץ־בּרוינער, פֿאַרענדיקט די רשימה, האָט מער קיין וואָרט נישט גערעדט, פֿאַרנויגט זיך, אַוועק.

געבליבן אַליין, האָט זיס אַ פֿייף געטאָן דורך די ציין, כמעט מיט פֿאַרגעניגן, אַ שמייכל געטאָן. אויסגעצייכנט, צו האָבן נאָך די דאָזיקע באַשטעטיקונג. עס איז אים אמת געפֿעלן געוואָרן. אַן אמתער ווייצלינג איז ער, דער דאָזיקער קאַרל אַלכסנדר. וואָלט ער לכל הפּחות געגעבן רעמכינגען אַ ספּעציעלן באַפֿעל אים צו אַרעסטירן. אָבער אַזוי, אים פּשוט אַריינצושטעלן אין דער אַלגעמיינער רשימה, אין זיין אייגענער רשימה, וואָס ער האָט אַליין צונויפֿגעשטעלט, דאָס איז — סווערען ווייציק איז דאָס. ער האָט געזען זיי ביידע, דעם הערצאָג און רעמכינגען, ווי זיי זייַנען געזעסן צוזאַמען, איינגעבויגן איבער דער רשימה, ווי אַזוי דער הערצאָג האָט מיט זיין הילצערנעם, גראָבן כתב אָנגעפּאַטשקעט: יוסף זיס אָפּנהיימער, פֿינאַנס־דירעקטאָר. און דערנאָך

ווי זיי האָבן זיך אָנגעקוקט איינער דעם אנדערן, דער פירשט און זיין גענעראַל. אָן ווערטער, דער הערצאָג ביז צושמייכלענדיק, רעמבינגען אָנקווענדיק פון דער דערלעבטער נקמה. גוטער קאַרל אלכסנדר! וואויל געגעדיקער, גרויסמוטיקער פירשט! אָט זיצסטו און שפּאָטסט אָפּ פון דיין נאַרישן אידן, וואָס האָט צוערשט דיר אַראָפּערלאַנגט פון דער בלויער לופט די קרוין און וואָס צום לוין דערפאַר ווערסטו אים שפּעטער אריינזעצן אין פעסטונג. אָהאָ! צו שפּעט אופגעשטאַנען, דורכלויכט! דיין איד זיצט מיט איין שטאַפּל העכער, האָט שוין אַרופגעוואָרפן די פּענטע ארום דיין האַלז און לאַכט זיך אויס פון דיין שפּאָט. דו פירשט! דו גרויסער האַר און העלד! דו בעל-תאוהניק און נאַרישער לעמעך, דו מיידלשענדער און קצב און אויסוואָרף!

אָן רו, אין כוואַליעדיקע געדאַנקען, האָט ער געשפּרייזט. דערמאָנט זיך, ווי ער האָט איינמאָל געשפּילט מיט א הונט, אַן אויסגעהונגערטן, אים צוגערוקט דאָס פרעסעכץ און צוגענומען איטלעכס מאָל, ווען יענער האָט דאָס געוואָלט כאַפּן, ביז דער הונט האָט אים שאַרף איינגעביסן אין האַנט. ער האָט נאָך געזען די זודיקע שנאה, דעם רויטן, בלוטיקן גרימצאָרן אין אויג פון געררייצטן און ווידער כסדר אָפּגענאַרטן בעל-חי. מיט דיר שפּיל איך א ווילדערע שפּיל, קאַרל אלכסנדר! בא דיר רייס איך אַרויס א געשמאַקערן ביסן. צי זיך אויס אין דער לופט, ווי אַ חיה צום שפּרונג אף איר פאַנג! שטעל אויס דיינע זשעדנע אויגן! כאַפּ, פירשט! כאַפּ צו, מיין הער הערצאָג!

נאָך צוויי טעג, אפילו ניט קיין צוויי טעג; מער ניט פינף און פערציק שעה. ער האָט טיפער געשמייכלט, געשפּרייזט איינער אליין דורך די העל-באַלויכטענע זאַלן, שטייף און ווייס זיינען געשטאַנען די ביוסטן פון סאָלאָן, האָמער, אַריסטאָטעלעס, פון משה און שלמה, אונטער די קליינע פּאַגאָדעס האָבן מתפלל געווען באַצאָפּטע כינעזער, פיל-פיגוריק האָט געשטורעמט אף דער סטעליע מערקורס נצחון, פון די וויטרינעס האָט אַרויסגעשטראַלט די טייערע צירונג, און אין זיין באַגילטן שטייג האָט געקרעכצט דער פּאָפּוגיי עקיבא: „באָן זשור, מאַדאַם!" און „מאַ ווי פור מאָן

סוועריעו!" נאָר דער איינזאמער, וואָס האָט און רו ארומגעשפאנט איבער זיינע ליכטיקע זאַלן, האָט גאָרנישט געהערט. גארנישט געזען, איז געווען ביז צום ראנד אָנגעפילט מיט זיינע געדאנקען, בילדער, זעאונגען.

דער מאַמעלוק, אַז ער איז אין דער זעלביקער שעה געקומען צוריק אין שלאָס אריין און האָט זיך אויסגעשטרעקט אין הערצאָגס שלאָף־צימער אף זיין מאַטראַץ אין ווינקעלע האָט געהערט, ווי קאַרל אלכסנדר האָט געקרעכצט אין שווערע חלומות, געוואָרפן זיך, געכאָרכלט.

עס איז שוין געווען שפעט אין אוונט, ווען מורנו רבי גבריאל אָפּנהיימער פאַן סטראַאַסן איז אָנגעקומען אין האַמבורג אין הויז פון זיין גוטן פריינט מורנו רבי יונתן אייבשיץ. דאָס הויז איז געווען פול מיט באַזוכערס, אָנהייגער זיינע, וואָס זיינען געקומען פרעגן עצות, און הגם די תלמידים האָבן מיט זיי איינגעטענהט, אַז דער רבי איז אריינגעטאָן אין זיינע ספרים, פאַרטיפט אין לערנען, אַז עס איז גאָר קיין אויסקוק ניטאָ, ער זאָל זיי אויפנעמען, האָבן זיי דאָך ניט געוואָלט אָפּטרעטן, געהאָפט, אַז זיי וועלן לכל הפחות זוכה זיין צו זען זיין פּנים. אַ סך זיינען געווען געקומען פון דער ווייט, בכדי אים צו זען, פון דעם רבינס פריערדיקע קהלות, פון קראָקע, מעץ, פּראַג, אָבער אויך נאָך פון פיל ווייטער, פון דער פּראָווינס, אַפילו פון שוואַרצן ים. וואָרום דער נאָמען פון רבי יונתן אייבשיץ, דעם האַמבורגער רב, האָט געקלונגען ווייט איבער דער וועלט.

אָבער אויך פאַרהאַסט איז ער געווען און גערודפט מיטן שאַרפסטן געוויער איבער גאָר דעם אידישן ישוב. אָ, ווי האָט דאָס מורנו רבי יעקב הירשל עמדין, דער רב פון אמסטערדאַם, אים אויסגעלאַכט, צעריסן, צעצופּט אים מיטן קאַלטסטן שפּאָט, אים געשטעמפּלט פאַר אַ שונא ישראל, פאַר אַ פיינט פון תּלמוד, פון די רבנים, פון דער אמתער אמונה. רבי יונתן אייבשיץ: דער נאָמען האָט געשפּאָלטן די כנסת ישראל; אין אַלע שולן און בתי-מדרשים, אין אַלע ועדים און צוזאַמענפאָרן האָט מען מלחמה געפירט אַרום דעם נאָמען, שבחים און ברכות און קללות און חרמות.

ווער איז ער געווען, דער דאָזיקער מאַן? איז ער געווען אַ תלמודיסט אַ קנאי, וואָס האָט ניט געוואָלט אָפּטרעטן אַף אַ האָר פון די תרי״ג מצוות, וואָס האָט זיך געממיתט פאַר אַ קוצו של יוד, וואָס האָט מיט געבייזער באַשיצט דעם הויכן צאַם פון דער תורה שפּאַן נאָך שפּאַן? צי האָט אים זיין פילאָזאָפישע, היסטאָרישע, מאַטעמאַטישע, אַסטראָנאָמישע וויסנשאַפט געהאַט צעפרעסן דעם רעכטן גלויבן, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט די איינגעשטעלטע ווערטער און מעשים, געמאַכט אים פאַר אַן אָפּ-

שפּאָטער פון די רבנישע מנהגים? צי גלויבט ער באמת אין דער קבלה, ווי אַ פאַרבאַהאַלטענער תלמיד פון דעם משיח שבתי צבי, צי באַנוצט ער טאַקע די קבלה, צו בענטשן און צו שילטן און צו באַווייזן מופתים אין נאָמען פון דעם דאָזיקן משיח? פאַרוואָס זשע פאַרשילט ער עפנטלעך די תלמידים פון שבתי צבי און לייגט זיי אַריין פייערלעך אין חרם? און פאַרוואָס ווידער שיקט ער זיינע זין צו די פראַנקיסטן אין פוילן, צו די פאַנאַטישע תלמידים פון יענעם מסופדיקן משיח? צי שרייבט טאַקע דער דאָזיקער פרומער, אָרטאָדאָקסישער רב בריוו צו די פראַנצויזישע קאַרדינאַלן, די יעזואיטישע פּאַטערס אין רוים, מיט דער בקשה, זיי זאָלן אים מאַכן פאַר אַ צענזאָר פון די אידישע ספרים? צי איז דאָס חוזק, אָדער וואָס באַטייט דאָס, וואָס ער לאָזט מיט יאַ כיון פאַרטיידיקן זיין רבנישע כשרקייט קעגן אַלע אַזעלכע חשדים גראָד דעם העלמשטעטער פּראָפעסאָר קאַרל אַנטאָן, זיינעם אַ געוועזענעם תלמיד, אָבער איצט אַ קריסט און אַפּאָלאָגעט פון דער קריסטלעכער עוואַנגעליע?

טיף האָבן זיך פאַרנויגט די תלמידים פון רבי יונתן, אַז רבי גבריאל איז אַריין. „שלום עליכם, רבי" האָבן זיי געזאָגט, און די פאַרשלאָסענע טיר פון רבי יונתנס חדר האָט זיך אויפגעעפנט. מילד איז געזעסן אין שיין פון לאָמפּ פון זיין חדר רבי יונתנס אייבשיץ, דער קליגסטער און דער דורכגעטריבנסטער פון אַלע מענטשן. פריינטלעך, קאָקעטיש, מיט אַ שטילן שפּאָט איבער זיך און מיט הנאה האָט ער אַרויסגעשמייכלט פון זיין מעכטיקער מילך-ווייסער באָרד, מער ברייט ווי לאַנג, וואָס איז לויטן שמייגער פון די מקובלים געווען נאָר אַ ביסל געשפּאָלטן, אַנטקעגן דעם אָן-באָרדיקן, פאַרברוגזטן, שטיינערנעם אורח. אַלץ אין אים איז באַ אַרויסגעשטעלטער ווערדע געווען קיילעכדיק און בנעימותדיק. פון שווערסטער זייד האָט זיך געטוליעט, טייער אָן אַ שיעור, זיין לאַנגע זשופּיצע; זייער קליין, האָט זיך אַרויסגערוקט פון ברייטן אַרבל אַ ווייסע, געכאָוועטע האַנט צום שלום עליכם. אונטער דער גוואַלדיקער, ווייס פליסנדיקער באָרד האָט פריינטלעך געשמייכלט דער פּנים, כמעט ראָזע און גאָר ניט

צעקאָרטשעט. נאָר איבער דער בנעימותדיקער, קלײנער נאָז און די מילדע, קלוגע, דורכגעטריבענע און דאָך טיפע ברױנע אױגן זײנען געװען אײנגעקאַרבט אױפרעכט אינם װײסן, פלײשיקן, ארױסגעשטאַרצטן שטערן די דרײ קנײטשן, װאָס האָבן אױסגע־פורעמט דעם אות שין, דעם אנהױב פונם הײליקן נאָמען שדי.

„זאָל זיך אָף מיר ניט מתרעם זײן און ניט צערינען מײ; ברודער און מײן האַר!" האָט ער באַגריסט דעם אורח אין לשון קודש. ער האָט געשמײכלט און אין זײן שמײכל איז געװען װײסן און שװאכקײט און קאָקעטערײ און באװאוסט פון זינד און אפילו א ביסל פאַלשקײט. אָבער קודם כל א מאַגישע, באַרואיקנדיקע פרײנטלעכקײט.

נאָר אָף רבי גבריאל האָט דער דאָזיקער כישוף ניט געװירקט. פון די פיל צו גרױסע טריב־גראָע אױגן איבער דער קלײנער פלאַטשיקער נאָז האָט ארױסגע־שפּארט א פארשטיקטער טרױער אָן א ברעג, און פון דעם שװערן, ברײטן, ניט הױכן שטערן איבער די געדיכטע ברעמען האָט זיך אױסגעשפּרײט א שװערע, קלעמענדיקע עצבות. רבי יונתן אײבשיץ אָבער האָט ניט געהאַט ברעה צוצולאָזן צו זיך אַזאַ עצבות. „צי האסטו", האָט ער געפרעגט שטיל, כמעט מונטער, „צי האסטו, גבריאל, געלײענט די פּאלעמיק־שריפט פון דעם בעל כרתי ופלתי און יערות דבש?" דאָס זײנען געװען די װיכטיקסטע װערק פון יעקב הירשל עמדין, דעם רב פון אמסטערדאַם, זײן פארברענטסטן שונא. „איצט האָט דער װאװילער איד ארױסגעלאָזן קעגן מיר למזל צװעלף פּאַסקװילן, אַנטקעגן די צװעלף שבטים פון ישראל". האָט ער װײטער גערעדט, און זײנע ברױנע, קלוגע, דורכגעטרי־בענע אױגן האָבן געלאַכט מיט שפּאָטישן נחת, „יעקב הירשל פון אמסטערדאם איז געװאָרן א צװעלף־עקיקער". מיט דער קלײ־נער, געצאָװעטער האַנט האָט ער געבלעטערט די גרױסע דפים פון דעם ספר. „א טרוקנקײט, נעבעך!" האָט ער געזאָגט מיט אַ רחמנות־פּנים. „אַלץ מוז קלאָר זײן, אַלץ מוז ליכטיק זײן, אַלץ מוז טאָג זײן! ער שפּירט ניט, אָט דער אױסגעדאַרטער אתרוג, ער פאַרשטײט דאָס ניט, אַז אַ פאַרטריקנטע בלום איז הײ און

טויג נאָר פאַר אן אָקס. ער שיקט בריוו צו כל תפוצות ישראל! באַווייזט, אַז דער זהר איז ניט עכט. אַז עס קאָן ניט זיין, אז רבי שמעון בן יוחאי זאָל האָבן אים געשריבן. שרייט: פעלשונג. אַזוי ווי דאָס זאָל גיין אין דער פען, ניט אין דער נשמה, וואָס פירט די פען". און ער האָט געשאָקלט שפּאַטיש און אַמוזירט דעם מילדן קאָפּ מיט דער רויזיקער, ווי מילך פליסנ־דיקער באָרד,

אָבער רבי גבריאל האָט זיך ניט אַריינגעלאָזן אין זיין טאָן.
„פאַרוואָס האָסטו אַריינגעלייגט אין חרם די תלמידים פון שבתי צבי?" האָט ער געפרעגט מיט זיין ברומענדיקער שטים. „פאַרוואס בייגסטו זיך און קרימסט זיך און לייקנסט אָפּ? פאַרוואס לאָזטו זיך פאַרטיידיקן פון א גוי דורך נאַרישע און אומגעלומפּערטע דרייערייען? פאַרוואָס זאָגסטו זיך ניט אָפּ פון דיין שטעל? איז דאָס דען אַזוי וויכטיק, אַז דו זאָלסט זיין רב אין האַמבורג און דיין שטוב זאָל זיין פול מיט מענטשן? פאַרוואס האָסטו" — און אין זיין שטים איז געווען קלאָג און סטראַשען — „זיך אַליין אַריינגעלייגט אין חרם?"

יונתן אייבשיץ האָט אַרויסגעלאַכט א קליין, בנעימותדיק געלעכטער'ל פון זיין מילדער באָרד אַרויס. „לאָז געמאַך, גבריאל" האָט ער געזאָגט. „דו ביסט אין די צוויי יאָר ניט געוואָרן זאַנפטער, איך בין ניט געוואָרן שטרייַנגער. איך וואָלט געקאָנט זאָגן: איז דען ניט אַלץ איינס, צי איד צי גוי אָדער מוסלים, אַבי ער ווייס פון דער אויבערשטער וועלט? איך וואָלט געקאָנט זאָגן: אמת, קאַרל אַנטאָן, מיין תלמיד, האָט זיך געשמדט; אָבער צי איז דען ניט פאַראַן מער שותפותדיקס און בינדונג צווישן אים און מיר, איידער צווישן מיר און רבי יעקב הירשל עמדין, וואָס איז אַן ערלעכער איד און א שאַרפער, געבענטשטער קאָפּ, אָבער צום באַדויערן אן איינגעשפּאַרטער וואָכעדיקער מענטש, וואָס איז שטאָק־בלינד פאַר דער אויבערשטער וועלט און שטאָק־טויב פאַר איר שטים? איך וואָלט געקאָנט זאָגן: דער משיח שבתי צבי איז אַליין געוואָרן א מוסלים, כדי צו ראַטעווען דעם פּרינציפּ. די אידיי, און זיין תלמיד פראנק האָט זיך געשמדט;

אויב אזוי, פאַרוואָס טאָר איך ניט אַנטאָן די מאַסקע פון א תּלמודיסט א בעל־פּלפּול, כּדי מיט דרויענדיקע לעפּצן און מיט א שמייכל אין האַרצן אַרויסצולאָזן קללות און חרמות קעגן זיך אַליין? איך וואָלט געקאָנט זאָגן: שיין איז צו שטאַרבן על קדוש השם; עס איז אָבער א סך שווערער, צו שטיין א צווייטייטיקער צוליב דער אידיי.

דאָס אַלץ וואָלט איך געקאָנט זאָגן, אָבער איך זאָג דיר דאָס ניט, גבריאל". ער איז אופגעשטאַנען און איז גרויס און פרייַנטלעך אין זיין ווידענער זשופּעצע געגאַנגען אַנטקעגן דעם אָנגעבּרוגזטן, דיקלעכן, פּאַרטרוּיערטן, אַלטפריינקיש געקליידטן מאַן. זייער ליבנסווערדיק, כּמעט מעשׂה האַרציקער אינגל האָט ער געזאָגט: „איך בין מודה, איך בין שוואַך און נאַריש און פּוסט. די שטערן האָבן מיר אָנגעצייכנט א גוטע מערכה, האָבן מיך געמאַכט פאַר א כּלי חכמה, איך וואָלט געקאָנט זיין א צינור, וואָס דורך אים האָט געקאָנט גיין רייכע שפע פון דער אויבערשטער וועלט אין דער אונטערשטער אַראָפּ און גאָטס אָטעם. בין איך אָבער א שלעכטע כּלי, א חרס הנשבר. איך ווייס און קיי־נער שפּירט עס ניט אַזוי לעבעדיק דורך אַלע אינגעווייד, ווי גוט עס איז צו שוועבן אין גאָט און ווי די אונטערשטע וועלט איז הבל און פאַרביטערט שוים און כאַפּן דעם ווינט. אָבער איך מוז אין איר אַריין, און ווידער אַריין, ווייסן איז חיות, ווייסן איז פון יענער זייט טאָן, זיין ווייסנדיק און באַרוט איז א סגולה קעגן נייע שלעכטע גלגולים פון דער נשמה; און טאָן איז ניט כּדאי, טאָן איז נאַריש און שמוציק און חיהש און דער נאָך־טעם איז אויס־געוועבט און זייער ביטער. אָבער איך מוז שטענדיק ווידער אַריין אין טאָן און אין הבל און אין טאַרעראַם! לאָז מיך זיין נאַריש, מיין ליבער! לאָז מיך זיין שמוציק און חיהש! לאָז מיך זאָרגן מער פאַר מיין באָרד, איידער פאַר מיין נשמה!" און מיט חוצפּה־דיקער ליצנות האָט ער פאַרענדיקט: „מיין נשמה וועל איך געפינען און לייטערן אין מילי מיליאָסן יאָרן; אָבער ווער איז ערב, אַז איך וועל א צווייט מאָל געפינען אַזאַ שיינע באָרד?".

לינד האָבן אַראָפּגעשטראָמט די דאָזיקע לעסטערונגען פון

די זיסע, חניפותדיקע און באַריידעוודיקע לעפצן פונם קלוגן און לייכטזיניקן פאַרלאָרענעם רב. דער אַנדערער אָבער האָט זיי אויסגעהערט, עצבותדיק, פאַרשטיינערט, אומבאַוועגט. ער האָט פּלוצים דערזען אַ פּייזאַזש. שטיין, מדבר־פּוסטקייט, צעשפּאָלטענער אייז. אַ צאַרט, שפּאַטיש לייכטן איבער דעם שאָטנדיקן וואַלקן, פּלי פון גייער, חושכדיקער תהו ובהו, ריזיקע שטיינער, צעוואָרפן איבערן אייז. כמעט געלייַמט פון בילד האָט ער דערקענט: עס איז דאָס זעלביקע דאָ און דאָרט. אַ פאַרבאָרגן געפיל האָט אים געטריבן אַהער פון דעם מאַן, וואָס ער איז געווען צוגעבונדן צו אים, צו אָט דעם אָ. בײַ די נאַקעטע, חצופהדיקע בריסט פון לילית איז יענער געלעגן; ער האָט אָבער געבענקט און געצויגן זיך צו דער אויבערשטער וועלט; בײַ די קדושים וטהורים, אין דער זילבערנער באָרד פון רבי שמעון בן יוחאי איז געלעגן דער, אָבער געלעכצט האָט ער נאָך די בריסט פון לילית. דאָס גלייַכע בילד, איינס קעגן אַנדערן. אָבער יענער איז געווען נענטער צו שלמות, ווי דער.

ער האָט ניט געענטפערט, אַז יונתן אייבשיץ איז צולעצט אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט נאָר געזאָגט: „עליכם שלום, מיין ברודער און האַר!" און איז אַרײַן אין זיין חדר, וואָס מען האָט געהאַט פאַר אים צוגעגרייט. יונתן אייבשיץ האָט געזען, ווי עס דערווייטערט זיך זיין קײַלעכדיקער, דיקלעכער, עטוואָס געקרימטער רוקן, דער מילדער, לייכטזיניקער שמייכל איז פאַוואָליע פאַרשוואונדן, און ניט געקוקט אויף זיין מילך־ווייסער באָרד האָט ער אויסגעזען ווינציקער חשוב און תקיף, בעת ער האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט בײַ זיינע ספרים.

מיד און נערוויז איז קאַרל אלכסנדר געזעסן אנגעלענט אין זיין קאַראַט. ער איז געפאָרן קיין לודוויגסבורג, בכדי צו פאָרן פון דאָרט קיין אויסלאנד און צו קומען צוריק, אז די איבערקע־רעניש וועט זיין פאַרענדיקט. ער האָט געהאַט פאַרבראַכט צוויי אָנשטריינגענדיקע קאַרנעוואַל־טעג. וואָס ער האָט געגעבן לכבוד דעם קייסערלעכן גראַף פאַלפי, ניט געקוקט אַף דער געשלאָסענער צייט; גראַף פאַלפי איז געקומען מיט א ספּעציעלער שליחות פון ווינער הויף, עס איז געווען גרויסער חסד און אויפמערקזאַמקייט מצד דעם קיסר. וואָס ער האָט דורך אָט דעם שליח מיוחד פון לכתחילה סאַנקציאָנירט די געפּלאַנטע איבערקערעניש מיט א וואונק. גאָר אין דער פרי האָט קאַרל אלכסנדר זיך געזעגנט מיט דער הערצאָגין. ער האָט די נאַכט פאַרבראַכט מיט איר, האָט פאַר איר אויסדערציילט אַלע זיינע פּראָיעקטן. גערימט זיך פאַר איר. אַז דאָס איז די לעצטע נאַכט, וואָס זי חלומט דורך ווי אַ קליינע דייטשע פירשטין; להבא וועט זי גערעכנט ווערן צווישן די אייראָפּייאישע סוועראַנען, און באַלד וועט זי מסתמא אנגערופן ווערן מיט אן אַנדער טיטול ווי מיט דעם שמאַטעדיקן דורכלויכט. היים און אופגערעקט האָט ער אריינגעשעפּטשעט זיינע פאַנטאַזיעס אין דער שיינער, נאַקעטער פרוי, זי האָט צוגעהערט האַלב שפּאָטיש, דערנאָך אָבער פאַרכאַפּט פון זיין היץ, האָט געענט־פערט אַף זיינע ברענענדיקע אומאָרימונגען מיט היץ ווי שוין לאַנג ניט. איצט מיד פון דעם געזעגענען זיך, לייכט פאַרמאַ־טערט, נערוויז און פיבערדיק איז ער געזעסן אָנגעלענט אין קאַראַט. געוויינטלעך איז ער געשטאַנען מיט אייז קאַלטן בלוט באַ איטלעכער אונטערנעמונג, איז אַפן שלאַכט־פעלד ניט געוואָרן נערוויז, אפילו ווען מען האָט אים דאָס פערד אַוועקגעשאָסן אונ־טערן געזעס. אָבער היינט, טויט און טייוול! גריבלט עס אים אין אַלע אברים, עס איז אים, ווי ער וואָלט געהאַט מוראשקעס אין די אָדערן. גוט נאָך, וואָס ער האָט געלאָזט דעם גראַף פּאַל־פי פאָרן אַף צו־פריער; האָט ער איצט געקאָנט לכל הפּחות זיין אליין. אויך דער שלימזלדיקער פוס ציט און רייסט און וויל ניט לאָזן צורו. קיין חידוש ניט. ס'איז דרויסן וואָס קאָן גאָר ערגער

ניט זיין. באַלד זון, באַלד גאָר רעגן, עס שנייט און עס דרייט, ביז עס שטעקט זיך ווידער ארויס די זון ביז צו פאַרבלענדן ליכטיק. דאָ איז געווען אַ מלחמה פון אַלץ קעגן אַלץ. א שטאַרקער, פייכטער ווינט האָט געבלאָזן, וואָלקן זיינען געפלויגן איבערן הימל ווי משוגע. דערצו האָט עס געברענט דאָרטן פאַרנט אין עגלאַסהיים, און דער שיין פון פייער האָט געשראָקן די פערד. א מטושטשדיק בילד איז דורכגעפלויגן קאַרל אלכסנדרס זכרון; אין אזא רייסנדיקן ווינט איז ער געשטאַנען, דאס איז געווען ניט לאַנג, ווי דאָרט די רויטע שיין האָט זיך געהאַט געקריגט א שטאַרק געפאָרבענע לבנה, פון אַ שוואַרצלעכן, פיינטלעך געשטימטן וואַלד איז געקומען עפּעס פאַרטומלענדיקס, רוהדיקס, א ווייס, טויט מיידל איז געלעגן אף דער ערד, צווישן בלומען, אין שטאַרקן ווינט. נאַריש געדעכעניש. ווי קומט דאָס אהער? ער האָט, כלעבן, צו טראַכטן וועגן וויכטיקערס.

סוף כל סוף אין לודוויגסבורג. אָבער אויך דאָרט ניטאָ קיין רו. קוריערן, מעלדונגען פון ווייטע גאַרניזאָנען, ער האָט אופגענומען שעפער, רעמכינגען, פפאו. ערגערניש. הערצעריי. זאָל לכל הפחות אופהערן די שלימזלדיקע דודעריי! אָבער ער אליין האָט דאָך געהאַט באַפוילן, אז פאַר די צימערן פון מוזיקאַלישן גראַף זאָל שפּילן דער אָרקעסטר פון טעאַטער. ער האָט מיט א מאָל דערשפּירט הונגער, האָט פאַרלאַנגט בוליאָן, האָט געוואָלט עס אויסזופּן מיט איין שלונג, איז עס אָבער געווען צו הייס, האָט ער א שליידער געטאָן די שאָל אָן וואַנט. דערצו נאָך דער יאָמערנדיקער פייערגלאָק פון וועגן דער עגלאַסהיימער שׂרפה. דער רייסנדיקער ווינט, די רויכערדיקע קוימענס. אומעטום אין שלאָס בראַזגען פענצטער, קלאַפּן טירן, ועל כולם דער אָרקעסטער. דער הערצאָג האָט אין ערגעץ קיין רו ניט געהאַט. די מוזיקער און קאָמעדיאַנטן האָבן בשתיקה געלצעוועט: עס טרייבט אים אַרום, ווי פאַר א פּרעמיערע. סוף כל סוף איז געקומען דער אָוונט.

אין שטוטגאַרט איז געווען שטיל דעם דאָזיקן אָוונט. אין ערגעץ האָט קיין ליכט ניט געברענט. נאָר אין דער פינסטער

האָט זיך געהערט טופּעריי פון אַ סך פיס, פאַרשטיקט בראַזגען פון אײַזן און האָלץ, שעפּטשען און באַוועגונג. די גאָרע בירגערשאַפט האָט געוואוסט, אַז די דאָזיקע שעהן זײַנען דער יום-הדין. שאַבערס מעלדונג האָט געווירקט. אַלע זײַנען געווען אָנגעגרייט, באַוואָפנט, פול מיט פאַרשטיקטער, פאַרקלעמטער שפּאַנונג, ניט אָן מורא, אָבער מוכן ומזומן צו קעמפן. קיינער אין שטוטגאַרט האָט ניט געשלאָפן אין דער דאָזיקער נאַכט, נאָר די קליינע קינדער. מען האָט געזאָגט, שטיל, מעשה סוד, צום הונדערטסטן מאָל דאָס זעלביקע, קללות, ווינטשעניש, מען האָט געפּרואווט, האַלב דערשראָקן, האַלב מיט גאווה, די געווער: און די נאַכט איז געווען פול גרייטשאַפט:

אין לודוויגסבורג האָט מען דערווייל געהאַט אָנגעצונדן אַלע ליכט. דער הערצאָג האָט געגעבן, איידער ער איז אָפּגעפאָרן קיין אויסלאַנד, אַ הויף-באַל לכבוד דעם קיסרס שליח, לכבוד די ווירצבורגער הערן. די געזעלשאַפט איז ניט געווען גרויס, עס זײַנען געווען נאָר די וואָס זײַנען געווען פאַרמישט אין דער מלוכה-איבערקערעניש. אַ סך מיליטער לײַט זײַנען דאָ געווען, ביידע רײַדערס, דער גענעראַל און דער מאַיאָר. לצעווענדיק האָט קאַרל אַלכּסנדר געהאַט אײַנגעלאַדן דעם ברומענדיקן מענטשן מיטן נידעריקן שטערן קיין לודוויגסבורג; די שטוטגאַרטער רײַטנדיקע בירגער גוואַרדיע, וואָס ער איז געווען איר קאָמאַנדיר, וועט אין דער הײַנטיקער נאַכט זיך באַגיין מסתמא אָן אים; אָן צו ענטפערן אויף דעם וויץ — וואָרום ער האָט זײַן שטעל בײַ דער שטאָטישער רײַטער-אָפּטײלונג גענומען זייער ערנסט — האָט דער מאַיאָר נאַריש און טעמפּ אָנגענומען די גענעדיקע אײַנלאַדונג, אויסגעצויגן מיליטעריש זײַן גראָבע, באַהענטשקעטע לאַפּע. דורכן זאַל האָט געוואָרפן אויגן דער בלאָ-רויטער, גייער-נאָזיקער, אויסגעדאַרטער פּנים פון דאָס באַרטעלעמי פּאַנקאָרבאָ פון איבער דעם ריזיקן אַלט-מאָדישן שפּיצן-קאָלנער אַרויס. אַרום זיסן האָט זיך אַרומגעדרייט דער יודישער וויסנזיי. ער האָט עפּעס אויסגעשמעקט, זײַנע קלוגע אויגן האָבן געצוקט, ער האָט געהערט דעם ריח פון שוועבל, פייער, שטורעם, אונטערגאַנג. זיס גופא האָט

אויסגעזען דעם אוונט ווי אין זיינע בעסטע צייטן, זיינע אויסגעשטאַרצטע, פליענדיקע אויגן זיינען געווען אומעטום. ער איז געווען גאַלאַנט, וויציק, זיגעריש, זיין זיכערע יום=טובדיקע שטימונג האָט זיך דייטלעך אויסגעשיידט אַנטקעגן דעם פלאַקערדיקן אומרו קאַרל אלכסאַנדערס. טיילמאָל פלעגן זיך אונטערטוקן אין זיינע אויגן די ברוינלעכע חיה=אויגן דעם מאַמעלוקס, וואָס ער האָט אים, דעם שטום זיך נויגנדיקן, געגעבן עטלעכע קורצע, שטילע באַפעלן. און עס איז דעמאָלט געגאַנגען ווי א ניצחונדיק פרעגן און ענטפערן פון איינעמס אויג אין אַנדערנס.

אין די ערשטע שעהן פון דער נאַכט האָבן אין שטוטגאַרט באַדאַרפט אַרעסטירט ווערן די אָנפירערס פון דער קאָנסטיטוציע=פּאַרטיי, און אין דער זעלביקער צייט האָט דאָס ווירצבורגישע און בייערישע הילפס=מיליטער באַדאַרפט אַריינמאַרשירן אין הערצאָגטום. ביז דער קוריער וועט קומען מיט דער מעלדונג, אַז דער פוטש איז דערווייל געגאַנגען לויט ווי עס איז געווען אָנגעמערקט, האָט קאַרל אלכסנדר געוואָלט בלייבן צווישן די געסט. און דערנאָך גיין שלאָפן מיט דער זיכערקייט, אַז עס האָט אָפּגעגליקט.

ער האָט געהייסן קומען אין זיין שלאָף=צימער די נייע זינגערין, די דעמוואַזעל טערעזאַ, א פריש, הייס=אויגיק, וואַרעם=הויטיק מיידל. די לעצטע צוויי יאָר האָט ער זיך געהאַט געוואוינט איטליכס מאָל, פאַר געזעגענען זיך צו אַ נייער פרוי, איינצונעמען אין אַפּראָדיזישן געטראַנק, וואָרום ער וואָלט עס ניט אַריבערגעטראָגן, אויב איטלעכע נייע פרוי וואָלט ניט געהאַלטן זיין מאַנסבילשקייט פאַר באַזונדערס שטאַרק; היינט, נאָך דער געזעגענאַכט מיט מאַריע אויגוסטע, האָט ער באַפוילן דעם שוואַרץ=ברוינעם צו פאַרגרעסערן די פּאָרציע.

דער קוריער מיט דער גוטער בשורה איז אַלץ ניט געקומען. דער אומרו פון דעם וואַרטנדיקן הערצאָג איז אַריין די געסט אין די ביינער, האָט געצוקט דורכן גאַנצן זאַל. אין דרויסן האָט דער שטורעם נאָך אַלץ געבושעוועט. דער רעגן האָט געקלאַפּט אין די שויבן, איין מאָל אויך א האָגל; דעם רויך פון די שלעכט ציענדיקע קוימענס האָט מען ניט געקאָנט פאַרטרייבן פון

די חדרים. עס האָבן אמת געברענט אָן א שיעור ליכט, מוזיק האָט געקלונגען, וואָס ווייטער רעשדיקער, פון די עלטסטע פעסער האָט מען געגאָסן די בעסטע וויינען, מען האט געהאַט אנגעטאָן די טייערסטע מלבושים, מען האָט געהאַט ארופגעצויגן אף זיך די יום־טובדיקסטע שטימונג; אבער מער ווי א פיבערדיקע ארויסגעקוועטשטע פרייליכקייט איז ניט ארויסגעקומען.

קאַרל אַלכסנדר איז געווען אַרומגערינגלט מיט געסט, האָט זיי געשטעלט קנאַקעדיקע גענעדיקע פראגעס, נאָר פלעגט פלוצים פארזונקען ווערן אין זיך, ניט דערהערן זייערע ענטפערס, בלייבן שטעקן אין מיטן. דער מאַמעלוק איז צוגעקומען שטיל, געמאָלדן, די דעמואַזעל טערעזאַ איז אין פריוואט קאבינעט. דער הערצאָג, אָן צו שעמען זיך, האָט געזאָגט: „דאס מענטש זאָל וואַרטן!" און געזעצט זיך מיט זיסן שפילן אין קאָרטן. דער מאַמעלוק האָט אים געבראכט, אין א זילבערנער שאָל, דאָס אפראדיזישע געטראַנק. איז געשטאַנען שטיל, הכנעהדיק. „האָסטו דאָס גענומען גענוג שטאַרק?" האָט געפרעגט קאַרל אַלכסנדר. „יא, דורכלויכט," האָט געענטפערט מיט זיין אָפגעריסענער, גלייכמוטיקער שטים דער מאַמעלוק.

קאַרל אלכסנדר האָט מיט איין זופּ פארשלונגען דאָס געטראַנק, געשפילט, האָט א סך געוואונען, איז געבליבן אומבאַטייליקט, ווי ניט קיין היגער. פאַנאַנדערגענומען די פּאָלעס פונם פּאַראַד־ראָק, איין האַנט באַלד אנגעשפּאַרט אָן דעם געלן הויז, באַלד שפּילנדיק נערוויז מיט דער גילדענער קייט, האָט ער געמאַכט לאַנגע הפסקות צווישן איטליכן לעז. „וואָס קומט ניט דער קוריער!" האָט ער געפיבערט. „דער שטורעם", האָט באַרואיקט זים. „דער צעווייקטער וועג". דער שוואַרץ־ברוינער איז ווידער געקומען, מיט זיין שטילן, שוועבנדיקן טראָט. געמאָלדן, די דעמואַזעל וואַרט נאָך אַלץ. „זאָל זי זיך דערווייל אויסטאָן!" האָט זיך דער הערצאָג צעשריען, „איך קאָן דאך ניט אַהערכישופן מיינע דעפּעשן".

א קרייז חניפהדיקע צוקוקערס זיינען געשטאַנען ארום די שפּילערס, באַגלייט די שפּיל מיט עטוואָס געקינסטלטע, גע-

קוועטשטע וויצן. דער הערצאָג האָט אופגעעפנט א גרעסערע קאָרט, צוגענומען ווידער א מאָל א גאַנץ בערגל דוקאַטן. „הײַנט מוזטו מיר אָפּגעבן, איד, א טייל פון דעם, וואָס דו האָסט מיך באַטערכעט", האָט ער געלאַכט. „הײַנט טו איך דאָס גערן", האָט געזאָגט זיס. און די מיאוסע שטים דעם מאַיאָר ריידערס האָט געברוקעט: „ווען עס גייט אַזוי פּנים צו פּנים, דעמאָלט איז דאָס באַטערכען דעם אידן שווערער. אַזוי פון דער ווייטנס מיט די פּאַפּירן און מיט די קונצן און ווען מען זעט דעם אַנדערן ניט אין פּנים, גייט דאָס גרינגער". אויך דעם קומענדיקן לעו האָט זיס פאַרלאָרן. דער הערצאָג האָט דערזען דעם אַרכיטעקט רעטי צווישן די געסט און האָט באַמערקט צו אים: „ווען עס גייט מיר אַזוי ווײַטער אין קאָרטן, דעמאָלט מאַכן מיר דעם אומבוי, וואָס ער פּראָיעקטירט פאַר דער גאַלעריִיע". דער אַרכיטעקט האָט זיך צעלאַכט הויך, חניפהדיק. אומגעריכט האָט דאָס באַרטעלעמי פּאַנקאָרבאָ געזאָגט מיט זיין פאַרדומפּענער, פאַרמוכלטער שטים: „דעם שטיין פאַרלירט ער ניט, דער איד". און אַלע האָבן מיט גלוסטעניש און פאַרחלומט אָנגעשטעלט די אויגן אָפן בריליאַנט אַף דעם פינאַנס־דירעקטאָרס פינגער און האָבן געזען, ווי די בינטלעך שטראַלן האָבן פון אים אַרויסגעשאָסן אין שטענדיקן, פאַרטומלענדיקן בײַט.

צולעצט איז דער מאַמעלוק ווידער געווען הינטער דעם הערצאָג, געמאַלדן: „מען איז דאָ". מיט געמאַכטער אָפּגעלאָזנקייט האָט קאַרל אַלכסנדר צונויפגעוואָרפן די קאָרטן, צוגערוקט צו זיסן דעם גאַנצן הויפן געוואונענע געלט: „נאַ, איד! די גאַלעריִיע לאָז איך שפּעטער בויען. דאָס בין איך אים מכבד". זיס, במעט גוטגינציק און אַמוזירט, האָט געטראַכט: „זע נאָר, שײַנקען לאָזט ער זיך ניט. באַצאָלט ווילבאַלד ער מיר, מיינט, אז איך האָב אים געבראַכט צום ציל, לייגט נאָך צו א מאַגאַריטש. דערנאָך פאַרשפּאַרט ער מיך אין די קאַזעמאַטן און נעמט צו אַי דעם לייִן אַי דעם מאַגאַריטש". אופמערקזאַם און דרינגלעך האָט ער אָנגעקוקט דעם הערצאָג, און יענער ווי געצוואונגען פון זיין בליק, האָט געזאָגט ווי כלאַחר יד: „קאָנסט מיטקומען". און זיי

זײנען געגאַנגען, דער שװאַרץ־ברױנער פאַראױס, דערנאָך הינקענ־דיק, סאָפּענדיק, רױט קאַרל אלכסנדר, צולעצט געפּעדערט, שטאָלץ, װײס, יונג דער איד.

צוערשט דורך די זיך נױגנדיקע לאָקײען פון די פּאָרזאַלן, דערנאָך דורך שטילע קאָרידאָרן, װאו עס איז געװען נאָר דער רײַסנדיקער אָטעם פון שטורעם, אין צװײטן פליגל פון שלאָס, אין דעם הערצאָגס פּריװאַטע חדרים. אַרבעטס־צימער, קלײנער צװישן־קאַבינעט, דאָס שלאָף־צימער מיט דער װאַרטנדיקער פּרוי. דער מאַמעלוק האָט אופגעריסן די טיר צום אַרבעטס־קאַבינעט. ניט דער קוריער איז דאָ געװען, װאָס אַף אים האָט קאַרל אלכסנדר געװאַרט, נײַערט פיר מענטשן, װאָס ער האָט זײ ניט געקענט. צװײ אַלטע, מיט אײַז־גראָע האָר מאָגער און דאַר װי פּעדער־פּאָן, די אַנדערע יאָדערדיק, מיט אַן אױסזען פון פּראַ־לעטאַריער. אַלע פיר זײַנען געװען שטום, האָבן זיך פאַרנױגט. די אינגערע שװער און האַמעטנע, די עלטערע האַסטיק און עמ־לעכע מאָל נאָכאַנאַנד, װילד באַשאָטנט און באַלױכטן פון די ליכט, װאָס האָבן געפלאַקערט אין דעם װינט ־ צוק פון דער אָפענער טיר.

דער הערצאָג, אפגענאַרט אין זײַן האָפענונג, האָט געשפּריצט מיט שױם פּאַר כעס און האָט גענומען שרײַען מיט אַ דערװאַר־גענער שטים אַפן מאַמעלוק: „ביסטו משוגע? לאָזט אַרײַן בײַ נאַכט, אין דער הײַנטיקער נאַכט צו מיר אַרײַן פּעװל־באַנדע?" מיט אַ בריק אים אַרײַנגעשלײדערט אין װינקל. „דער קוריער!" האָט ער זיך געריסן, „װאו איז דער קוריער"?

„מיר זײַנען ניט קײן פּעװל־באַנדע", האָט אײנער פון די פיר אופגעעפנט זײַן מױל שװערװאַגיק, מיט שנאה, „מיר זײַנען פון דער לאַנדשאַפט". קאַרל אלכסנדר איז צו אים צוגעלאָפן, האָט אָנגעכאַפּט דעם יאָדערדיקן, ברײט־פלײציקן מענטשן, גענו־מען אים טרײסלען: „װילט איר אָנפאַלן אַף מיר? מיך אװעק־הרגען? כופרים! רוצחים!" ער האָט געשריען און געגװאַלדעװעט אַזױ, אַז די זינגערין, װאָס האָט אַ נאַקעטע געװאַרט אין צװײטן חדר, האָט זיך פאַר שרעק באַהאַלטן טיף אונטער דער קאָלדרע

באַקרײַציקט זיך. „אָבער עס איז אויס מיט אײַך!“ האָט דער הערצאָג זיך געריסן אַף אַלע כּלים. „פאַרפוילן לעבעדיקערהײט לאָז איך אײַך, באַנדיטן! בונטאָווטשיקעס! כּופרים! הינט! מיט אײַערע פײַנע עלף פון דער קאָמיסיע שלײַדער איך אײַך אַרײַן אין די טיפסטע פון מײַנע קאַזעמאַטן!“

„עס האַלט ניט דערבײַ, הער הערצאָג“, האָט געזאָגט מיט אַ פײַנער העפלעכער שטים אײנער פון די אַלטע. „עס האַלט לחלוטין ניט דערבײַ“. און ער האָט זיך פאַרנײגט אַ סך מאָל. „עס איז אַזוי, זאָל אײַער דורכלויכט אַלגענעדיקסט מוחל זײַן, אַז קײנער איז הײַנט אין שטוטגאַרט ניט אַרעסטירט. עס װעלן אויך זײַער װײניק פון בײַעריש און װירצבורגיש מיליטער אַרײַנמאַרשירן, און די װאָס זײַנען „נגעקומען מיטן פאַראָל אַטטעמפּטאָ! זײַנען, זאָל אײַער דורכלויכט אַלגענעדיקסט מוחל זײַן, אַף דער העלפט עװאַנגעלישע ברידער. און הגם דער קאָמאַנדיר רײַדער איז דאָ, פונדעסטװעגן איז די שטאָטישע רײַטער־אָפּטײלונג דאָך גרײט און װעט די שטאָט האַלטן בּאַ אַלע אומשטענדן“.

זים אַלײן װאָלט ניט געקאָנט אויסטײַטשן זאַכלעכער, שאַרפער, מיט װײניקער װערטער, װי אַזױ דער פוטש איז פון גרונט אויס אױפגעדעקט און געפּטרט. אײדער אָט דער קלײנער מאָגערער מענטשל, װאָס האָט דערצײלט נאָך מער פּרטים מיט אָן אַ סוף פאַרנױגן און מחילה־בעטעניש, אָבער ער האָט ניט געקאָנט קומען צום סוף און צום שפּיץ פון זײַן רעדע; װאָרום דער הערצאָג האָט צוגעהערט נאָר די ערשטע זאַצן; דערנאָך איז אָבער געשען עפּעס אַ מוראדיקע פאַרענדערונג אין אים. די האַנט, װאָס האָט נאָך אַלץ געהאַלטן פעסט דעם געפּאַקטן, פּראָלעטאַריש אויסזעענדיקן דעפּוטאַט, האָט פּאַװאָליע אָפּגעלאָזט, דער פּנים איז געװאָרן בלאָ־רויט, פון דער ברוסט האָט זיך אַרויסגעריסן עפּעס אַ מאָדנע כריפּעניש, װי פון אַ פאַרװאונדעטער חיה, דער מויל האָט געכאַפּט שלינגען לופט, און מיט אַמאָל איז דער שװערער מענטש געלעגן אַף דער ערד, אין קראַמף און אין קרימעניש. די פיר בירגער, אַז זײ האָבן דאָס דערזען, האָבן זײ מורא געהאַט, מען זאָל אַף זײ ניט אַרופװאַרפן די שולד. דאָס

שלאָס איז געווען פול מיט שונאים, דער מאַמעלוק האָט זיי געהאַט אריינגעפירט אף א סודותדיקן, חשודיקן וועג דורך א הינטער טיר, אָן זיי צו מעלדן. האָבן זיי געציטערט, מען זאָל זיי ניט פייניקן אָדער גאר דערהרגען, האָבן זיי אַף דער גיך זיך אָפּגעטראָגן און זיינען געווען מלא שמחה, ווען זיי האבן אין שטורעם אין רעגן געפונען זייער קאָטש, וואָס איז געשטאַנען אָן א זייט, און זיינען ציטערנדיק פאר קעלט און אופרעקונג געווען ווידער אפן וועג קיין שטוטגאַרט.

דערוויל איז קאַרל אלכסנדר געלעגן אַף דער ערד, אליין מיט זיסן און מיטן שוואַרץ=ברוינעם. איבער דער מעכטיקער באַהאָרטער ברוסט האָט ער זיך געהאַט אופגעריסן די קליידער ביז צום העמד. ציטערנדיק אונטער די קאָלדרעס האָט זיך דאָס נאַקעטע מיידל אין צווייטן חדר צוגעהערט צום ווילדן, חיהשן כריפען, וואס איז ארויסגעקומען פון אים. מיט מאַטערניש אָן א שיעור האָט ער געשיקט זיין אויג, וואָס האָט געהאַלטן אין פאַרשטאַרט ווערן, מיט א ווילדער, אָן א גרענעץ מיט שנאה אנגעפילטער פראגע. און זיס האט אים געענטפערט: „יאָ, הער הערצאָג”.

דער איד האָט ניט געוואוסט, צי האָט ער דאָס אזוי געוואָלט אָדער ווי האָט ער געוואָלט, דער הערצאָג זאל אופנעמען די אופדעקונג און די מפלה פונם פוטש. ער האָט זיך אויך ניט געפרעגט, צי האָט ניט די איינגעמאַטערקייט פונם קאַרנעוואַל און דער אַפראָדיזישער געטראַנק גורם געווען צו אָט דעם בראָך, אָדער ער אליין האָט אים געבראכט מיט אַן אויסרעכענונג. ווי געטריבן האָט ער איינגעאָרדנט אלץ אזוי, ווי עס איז געשען, געפירט אַזוי, אַז דער דערהיצטער הערצאג האָט געפונען אַנשטאָט דער גליקלעכער בשורה וואָס ער האָט אַף איר געוואַרט, די אומגליקלעכע נאַכטישע דעפּוטאַציע. אַז ער וועט טרעפן, אַז ער וועט אַף שטענדיק פאַראליזירן און צעבּרעכן דעם זינען און דאָס האַרץ פון קעגנער, איז געווען געוויס. האָט ער נאָך, חוץ דעם, דערהרגעט אויך דעם גוף, איז דאָס ניט געווען אויסגערעכנט פון לכתחילה, אָבער בדיעבד מאַכט ניט אויס.

מיט אַלע כחות האָט ער ארופגעהויבן דעם שווערן גוף אָף א פּאָטער=שטול, באַמערקט ווי דרך אגב צום שוואַרץ=ברוינעם: „עס וואָלט געווען גוט ווען דו ברײנגסט דעם פּאַטער קאַספּאר". ווי ניט ווילנדיק איז דער שוואַרץ=ברוינער אַוועק און האָט געלאָזן דעם אידן אליין מיטן גוסס.

אָן אײז=גליווערדיקע האָט די זינגערין אין צווייטן צימער געהערט, ווי א שטילע שטים, געשפּאַנט אין א ווילדן געפיל ביז צו צעריסן ווערן, וויס ברענענדיק, האָט גערעדט צו דעם איצט שטומען הערצאג. די איינציקע ווערטער האָט זי ניט געקאָנט פאַרשטיין, אָבער זי איז געוואָרן פאַרשטאַרט פון דעם מאוימדיקן, פאַרסמטן טריאומף פון אָט דער הייסער, שעפּטשענדיקער שטים.

דער איד האָט געזאָגט אָט וואָס: „הערצאָג, גראָבער נאַרישער הערצאג! דו פּרא אדם, בהמהשער קאַרל אלכסנדר! איצט וואָלסטו וועלן פאַרמאַכן די אויערן, וואָס? וואָלסטו וועלן זאָגן תפלות און לאָזן זיך אַרײנטריפן פון דיין גייסטלעכן בוימלדיקע מחילה? אָבער איך ערלויב דאָס ניט. איך לאָז דיך ניט שטאַרבן, איידער דו הערסט מיך אויס. פאַרגלאָץ די אויגן, כריפּע ארויס פון די פולע לונגען; דו מוזט מיך אויסהערן. איך רייד גאָר שטיל, איך הויב מיין קול ניט אויף, אָבער דיינע אויערן און דיין חוצפּהדיק, רשעותדיק האַרץ זיינען דאָך פול דערמיט. און דו מוזט ליגן שטיל און טאָרסט ניט שטאַרבן און מוזט מיך אויסהערן.

יאָ, דאָס קינד איז אַנדערש געשטאָרבן. דו ביסט געלאָפן נאָך איר מיט געפילדער און כרוקען, דיין פאַרשאָלטענער, שטינקעדיקער אָטעם איז געווען איבער איר; אָבער זי האָט געקאָנט שמייכלען און זיין גרינג און טויזנט גוטע מלאכים האָבן אויסגעשטרעקט די הענט אנטקעגן איר. און דו ביסט געשטאַנען פאַר דער טויטער מיט דיין מבולבלען, נאַרישן קצב=פּנים, און אַזוי ווי איך האָב דיר אין דיין פּרצוף ניט אַרײנגעשפּיגן, האָסטו געמיינט, אַלצדינג איז גוט און אַזוי ווי ניט געווען. זע, קאַרל אלכסנדר, זע, דו נאַרישער, אידיאָטישער הערצאג, איך בין דיר דעמאָלט

ניט אַרײַנגעשפּרונגען אין דײַן חזירשן פּרצוף, אַזוי פּשוט האָב איך דאָס ניט געטאָן, איך האָב דיך פריער צורעכט געמאַכט, איך האָב דיך פּרעפּאַרירט, דו זאָלסט אויסזען ווי א מענטש, אַפילו ווי א פּירשט. וואַרפסט זיך? סאַפּעסט? יאָ, אַט ליגסטו, אַ טרויעריק, לעכערלעך שטיק פלייש, צום געלעכטער פאַר זיך און פאַר אַנדערע. וואָרום זע נאָר, דו גאָרנישט דו נארישער, דײַנע גרויסע געדאַנקען, אַז דו זאָלסט זיך ציען צו ווערן דער שוואַ־בישער לואי קאַטאָרז, דײַנע צעזאַר־חלומות, דאָס האָב איך דאָך אין דיר אַרײַנגעחלומט. דו ביסט דאָך אַלע דײַנע טעג געווען ניט מער ווי א קלײנער, רשעותדיקער, צופּעליקער הערצאָג און איך האָב דיך געלאָזט טאַנצן.

זאָלסט ניט אָנשטעלן אויף מיר דײַנע גרויסע אויגן. איך דריק זיי דיר נאָך ניט צו, איך האָב נאָך ניט געענדיקט. זע, גראָד דאָס ערגסטע פון מיר האָב איך אין דיר אַרײַנגעטריפט מײַן מיאוסטן זוימען. איך וואָלט געקאָנט פועלן, דו זאָלסט מיך אַרומגעמען פאַר גאָר דער וועלט און מיך אָנרופן ברודער; איך וואָלט נאָר באַדאַרפט דיר ווײַזן די פּאַפּירן, אַז איך בין א זון פון הײַדערסדאָרף, יאָ פון דעם באַראָן און מאַרשאַל און קריסט. אָבער דאָס האָב איך געהאַלטן פאַר מײַן ערגסטן טייל און האָב עס אינגאַנצן אַרײַנגעגאָסן אין דיר און האָב דיך געלאָזן טאַנצן און דיך אָפּגעפּיטערט, ביז דו ביסט געוואָרן צײַטיק".

ער האָט אָפּגעלאָזן פונם גוסס, פאַרזונקען אין זיך; דערנאָך האָט ער ווידער אָנגעהויבן, מילדער: „יאָ, עס האָט מיך געצויגן צו דיר, איך וואָלט געקאָנט זײַן דײַן גוטער פרײַנט. אָבער דו, ווען דו האָסט נאָר דערשפּירט אַזוינס, האָסט זיך געשטעלט אַנטקעגן און האָסט געבורטשעט, און נאָר מײַן שלעכטס האָסטו אויפגענומען און געלאָזט דאָס אַרויסשפּראָצן און בליען. דו גרוי־סער האַר און העלד, דו דײַטשער לואי קאַטאָרז! דו נישטיקער האָן און שוטה!"

אין קאָרידאָר האַסטיקע, אויפגערעקטע שטימען, דער דאָק־טאָר ווענדעלין ברײַער איז געקומען, דער קאָמענדירנער נײַפּער; דערנאָך אויך דער פאַטער קאַספּאַר, דער ווידוי־גײַסטלעכער; אים

איז נים געווען אזוי גרינג צו געפינען, ער איז געזעסן אין דער
קאָנדיטעריי מיטן ניבזהדיקן, קלוג=פּנימדיקער ווירצבורגער געהיים=
ראַט פּיכטל, וואָס האָט זיך נים געהאַט אָנגענומען פונם אומרו
פון אַלע הויף=לייט. איז זיך געזעסן בהרחבהדיק, פייערנדיק
לכתחילה דעם נצחון פון דער דאָזיקער נאַכט, און האָט געזופט
א סך שאָלן פון זיין ברוינעם קאַווע=געטראַנק. איצט זיינען אַלע
געקומען צו לויפן, גענומען זיך דרייען האַסטיק, אומבאַהאָלפן, אַן
טעם ארום דעם גוססדיקן, האָבן צעטומלט אויסגעפרעגט זיסן,
וואס האט געגעבן כלאחר=ידיקע ענטפערס און האָט זיך באלד
אומבאַמערקטערהייט אָפגעטראָגן פונם טומל ארום דעם שטאַרבנ=
דיקן הערצאָג. אין צווייטן צימער האָט זיך אָנגעטאָן די זינגערין.
די שטילע הייסע, אין שנאה פאַרביסענע, טריאומפירנדיקע שטים,
האָט זיך איר אריינגעקלעפּט אין אויער, באַגאָסן זי מיט אימה;
בלאַס, ציטערנדיק פאַר קעלט, אופגעטרייסלט פון גרויס=אויגיקן
פּחד, האָט זי קוים מיט צרות ארופגעוואָרפן אף זיך די קליידער.
איז געלאָפן האַסטיק, מיט אַראפּגעלאָזענעם קאָפּ איבער די קאַרי=
דאָרן, די אומהיימלעכע שטים הינטער זיך, האָט אופגעאטעמט
פריי ערשט, ווען זי איז געשטאַנען פאַרן טויער פון שלאָס, אין
שטויסנדיקן ווינט.

דער דאָקטאָר וועגדעלין ברייער האָט געוואלט לאָזן דעם
הערצאָג צו דער אָדער. אבער עס איז דערצו נים געקומען. דער
מאַמעלוק, געקומען צוריק מיט זיי, איז שטיל גאָר נאָענט צוגע=
טראטן צו דעם מאַן אין פאָטער=שטול; מיט געשפּאַנטער,
אכזריותדיקער זאַכלעכקייט האָט ער באַקוקט די פארקראמפּטע
הענט, דעם אופגעשוואָלענעם בלאָ=שווארצן פּנים, די ארויסגע=
שטעקטע צונג, די שרעקלעך גיִעפנטע, שטאַרק ארויסגעשפּרונגענע
אויגן. דערנאָך האָט ער געזאגט מיט זיין טונקעלער, אויסטערליש
אָפגעריסענער שטים אזוי פלוצלונג, אַז אַלע זיינען געווארן פאַר=
ציטערטע — דער גרעסטער רוב האָבן אים בכלל קיין מאָל
נים געהערט ריידן —: „ער איז טויט". דער דאָקטאָר וועג=
דעלין ברייער האָט געהאַט די ברירה נאָר צו קאָנסטאַטירן דאס
זעלביקע.

בעת דער דאָקטאָר האָט ארויסשלעפנדיק די הוילע שטים ערגעץ פון דער טיפעניש פון ברוסט, געפרוּווט נאָך אַרויסשטאַמלען די סיבה פון דעם טויט: די ניכפּה, — שטיל און מיט חוזק האָט געקוקט דער שוואַרץ=ברוינער אף דעם צעטומלטן, פאַרהאָרעוועטן, וויכטיק=טועריש מענטשן — האָט מען שוין געשעפטשעט אין די קאָרידאָרן, האָט מען זיך אָנגעזאָגט אין די פּאָרצימערן, דער צערעמאָניע=מייסטער האָט אויסגערופן אין באַלזאַל: „דער הערצאָג איז טויט!״ די מוזיק איז תיכף אַנטשטומט געוואָרן, די אומגעהויערע, לײמענדיקע אימה, די בלייך געוואָרענע צעקרימטע פּנימער אומעטום, דאָס אַרומשמייען אַהין און אַהער נישט צו וויסן וואָס=ווען, דאָס אַרומלויפן דערשראָקן פון איינעם צום אַנדערן, דאָס באַהאַלטן=זיך אין=די=ווינקעלעך, דאָס פאַרשעמטע זיך=ניט=מאַכן=וויסנדיק פון די אויסלענדישע געסט, די ווינער, די בײערישע, די ווירצבורגער הערן, די אָפיצערן זיינען געשטאַנען אַרום ווי נאַרישע, גרויסע רשעותדיקע רויב=חיות, וואָס הינטער זיי האָט זיך אומגעריכט צוגעמאַכט א פּאַסטקע, אַזאַ פאַרשאָלטענער צופאַל גראָד אין דעם מאָמענט האָט איטלעכן איינציקן געקאָנט קאָסטן ניט נאָר שטעלע און פאַרמעגן, נייערט אַפילו דאָס לעבן. אַפילו דער קליינער געהיימראָט פיכטל איז ארויס פון די כלים; יאָרן צענדליקער לאַנג האָט ער זיך באַהערשט פאַר זיך אַליין און פאַר גאָר דער וועלט; איצט האָט ער מיט א מאָל געקראָגן אַ האַרטן, פאַרביסענעם יאַדיענדיקן פּנים פון אַ פייער און האָט זיך געשאָלטן שטיל און מיט ווערימדיקן מויל. ערשט אין א צען מינוט אַרום איז ער ווידער געקומען צו זיך, אַזוי אַז ער האָט געקאָנט טראַכטן קאַלט און זאַכלעך. ער האָט זיך באַטראַכט, אַז די צוואה וואָס ער האָט געהאַט אַרויסגעריסן באַם טויטן, וועט אים דאָך שוין ניט נוצן אף גאָרנישט; עס איז נאָר געבליבן איבעריק, די גאַנצע מאַשינעריע תיכף אָפּצושטעלן, ווי ווייט מעגלעך אָפּמעקן אַלע שליאַדן, וואָס פירן פון ווירצבורג, און זיך אַרויסצודרייען פון עסק אף א גוטן אופן, ניט קאָמפּראָמיטירט.

זים איז דערווייל געשטאַנען אין א פאַרבאָרגענעם זייטיקן

קאַבינעט. אים איז נאָרנישט אָנגעגאַנגען, דער גאַנצער הו־האַ פון דער אַלגעמיינער אופרעקונג האָט צו אים נישט דערגרייכט. דער שטורעם האָט זיך געהאַט אַ ביסל איינגעשטילט. דער איד האָט גאָרנישט געהערט, גאָרנישט געמערקט, אַלץ אַרום אים איז פאַרזונקען. ער האָט געוואַרט. איצט, אָט באַלד, וועט זיך באַווייזן דאָס קינד, זיין אַרום אים ווי די ליבע לופט, אַריינשטראָמען ליבלעך אין אים, מאַכן אים גרינג און שוועבנדיק. ער איז געזעסן, שטיל, מיט אַן אָפּגעלאָזענעם, כמעט נאַרישן שמייכל און האָט געוואַרט.

זי איז נישט געקומען. גאָרנישט איז געקומען. ער האָט געשפּירט, אַז מיט איטלעכער רגע, וואָס פליסט אוועק, ווערט ער קעלטער, ליידיקער, שווערער. און פּלוצים האָט ער געוואוסט, אַז זי וועט קיין מאָל נישט קומען. ער האָט געזען דעם הערצאָג, דעם שוואַרץ־בלאָען, צעקרימטן פּנים, די אַרויסהייענגענדיקע צונג, די אַרויסגעשפּרונגענע אויגן פון קאָפּ. אַ חלשות האָט אים אָנגעכאַפּט. ער האָט זיך דערשראָקן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען מער, ווי אַזוי דאָס האָט געקאָנט אים אָנפאַלן, טראָגן הויך, וואָס האָט דאָס רבונו של עולם, געהאַט צו טאָן מיטן קינד? דאָס קינד איז געווען ווייס, באַרוט, לבנה־שטיל. און זיין עסק מיטן הערצאָג, דער וויאָלעט־רויטער ים, זיין ברויזן, זיין ווילדער ריח, — ווי איז ער דאָס געווען אַזוי פאַרבלענדט, אַז ער האָט געמיינט, ער קאָן דורך דעם קומען צום קינד? אין געוואָרגענער מורא האָט ער געזוכט צוזאַמענהאַנגען, האָט זיך אַליין נישט פאַרשטאַנען מער. זיין שמועס מיטן שטאַרבנדיקן קאַרל אַלכסנדר, דאָס איז געווען אַ ווילד שטורעמען, נישט קיין שוועבן און באַפרייט ווערן. און איצט איז ער געווען פאַרדומפּט, טרויעריק פון חלשות און ווייטער אוועק פון קינד, ווי ווען עס איז פריער.

עס האָט אים אַ ווייע געטאָן אין אַקן, פייכט־קאַלט. ער האָט אופגעהויבן דעם רוקן, אַ דורכגעפראָרענער, אַזוי ווי צו שיצן זיך. אַ פּנים האָט אים אַריבערגעקוקט איבערן אַקסל. דאָס איז געווען זיין אייגענער פּנים.

ער האָט זיך אופגעטרייסלט, איז אופגעשטאַנען, דער שטורעם האָט זיך ווידער אָנגעהייבן; ער האט פעסטער צוגעמאכט די פענסטער. עס איז געווען א שטים אין ווינט. איז געווען אין זיין אויער, געווען אין צימער, א מיאוס קלינגענדיקע, טרויעריקע שטים, דעם פעטערס שטים. זי איז ניט געווען שטאַרק, זי האט אָבער אנגעפילט דעם צימער אין גאנצן, זי האָט אָנגעפילט דאס שלאס, די גאַנצע וועלט איז געווען פול פון דער דאָזיקער שטים. איצט האט ער געוואוסט אף געווים: ער איז געגאַנגען פאלש. אַלץ וואס ער האָט געקלערט, געטאָן, געטראַכט, זיין עסק מיטן הערצאג, זיין גאנצער קינסטלעכער טורעם און טריאומף, אלץ איז געווען פאַלש און בלאָנזשעניש.

און אַ מאדנע זאַך: פון דער דאזיקער איינזעעניש איז ער ניט געוואָרן פאריאושט אָדער דערצערינט. ניין, אזוי איז געווען גוט. ווידער האָט ער זיך געזען שפּרייזן אין יענעם שטומען, שאָטנדיקן קאַדריל. רבי גבריאל האָט געהאַלטן זיין רעכטע האנט, דער הערצאג זיין לינקע האנט. זיי האָבן זיך געשליינגלט, געשטעלט זייערע פאַ, זיך פארנויגט. אָבער איצט איז ניט געווען קיין פּיין אין אָט דעם פארנעפּלטן, אן קאלירנדיקן בילד. ווארום אָט האבן זיך די הענט זייערע פריי געלאזט, די טאנצנדיקע האָבן אנגעקוקט איינע דעם אנדערן, שטיל, ערנסט, אן פריינטשאַפט. זיי האבן דאס לעצטע מאָל צוגעשאקלט איינער דעם אַנדערן מיטן קאָפּ, דערנאך זיינען זיי זיך צעגאַנגען איטלעכער א י זיין זייט.

א פארמאטערטקייט אָן אַ מאס איז אנגעפאלן אף אים. קיין מאָל אין זיין לעבן איז ער ניט געווען אַזוי אויסגעליידיקט פון ממשותדיקער, קערפּערלעכער שוואכקייט און מידקייט. אַזוי דאַרף עס זיין, ווען מען זיצט אין א לעבלעכער וואַנע און מען לאזט גאָר פאמעלעך ארויסשטראָמען דאָס לעבן פון געעפנטע אָדערן, אָט דאס צעשמעלצן, ווייך ווערן, איינפאַלן אין אים. אָט דער זיסער, ציענדיקער, גלוסטיקער ווייטאק, וואס פרעסט, רייסט, צענעמט אַלע אברים. דאָס זיך אַוועקלאָזן, פאלן, געטראגן זיין. אָט דאס ניט וועלן, אט דאס זיך לאזן רייבן צום ערשטן מאל, אט

דאס גן־ערנדיקע, און ווילנדיקע זיך גליטשן, אויסשטראמען. אזוי ווי זיין בלוט וואלט ארויסגעפליסן און מיט דעם גאר זיין דראנג און גלוסט, ער האט געפילט, ווי ער זינקט איין אין גליקלעכער, ווייטאקדיקער און־סופיקער אפשוואכונג.

אזוי האט אים געפונען אין א קורצער צייט ארום דער אלטער קלאפנדיקער ליכט־אויסלעשער, וואס איז געקומען אויסלעשן די ליכט אין קאבינעט. דערקענט דעם בלאסן, אויסגעשטרעקט ליגנדיקן מאן, האט ער זיך דערשראקן, געלאזן פאלן דעם שטאנג מיטן לעש־היטל, אויסגעשריען: „יעזוס, דער הער פינאנס־דירעקטאר!" יענער האט זיך פארמאטערט א הויב געטאן און געבעטן, ער זאל אים ברענגען וואס צו עסן, אלץ איינס וואס, עס איז אים ניט גוט פון הונגער. דער אלטער, געפלעפט, האט זיך באקרייציקט, איז באלד אוועק, געבראכט עסן. זיס האט גענומען זשעדנע עסן מיט די הענט און האט געזאגט דעם אלטן, ער זאל זיך ניט לאזן שטערן אין זיין ארבעט. יענער האט געשטאמלט, דאס געשיקט זיך ניט, ער קען דאך ניט לאזן דעם הער פינאנס־דירעקטאר אין דער פינסטער. — אבער זיס איז אים אריינגעפאלן אין די רייד: זאל ער נאר אויסלעשן זיינע ליכט און זאל אים ניט ארן פאר מיר". א צעטומלטער האט דער אלטער זיך גענומען פאר זיין ארבעט. דער שטורעם האט זיך ווידער אמאל צעבושעוועט און צעוואיעט. זיס האט געגעסן, געקייט, געשלונגען. דער אלטער האט זיך געאיילט פארענדיקן זיין ארבעט, איז ארויף אפן לייטער, האט געלאשן, געווארפן אויגן פון א זייט אפן פינאנס־דירעקטאר. יענער האט כסדר געגעסן, געשלונגען, געסמאקטשעט. צולעצט האט ער געזאגט. מיט א מערקווירדיק פרייליכער שטים: „זאל ער זיין הארץ ניט אנהייגען אן מענטשן! דאס שטייט דאך אין עוואנגעליע, וואס? „איך פארשטיי ניט אייער עקסעלענץ", האט דער אלטער אויסגעשטאמלט. „ס'מאכט ניט אויס", האט געזאגט זיס, קייענדיק דעם לעצטן ביסן, „זאל ער מיר צולייכטן". דער קאבינעט איז געבליבן אין דער פינסטער; געפירט פון דער קליינער לאמטערנע דעם

אלטנס, האט זיס געשפּאנט דורך פינסטערע זאלן צו דעם הויפּט־טייל פון שלאס.

דא זיינען געזעסן, אין א זייטיקן חדר, די אנפירערס פון קאטוילישן פּראיעקט. גענעראלן, מיניסטאָרן. עס זיינען געווען לויטער ווירטעמבערגער צווישן זיך. די ווירצבורגער און די בייע־רישע הערן, דער שליח פון דער אפּאסטאלישער מאַיעסטעט, זיי האבן אלע, אך ווי פלינק! גענומען דעם וועג, נים געקוקט אפן שטורעם און רעגן; אפילו דער אסטראָלאָג פונם פירשט־פּריאר פון איינזידעלן איז אף דער גיך נעלם געווארן צוזאמען מיט זיין פענסטער־שוויס. קאָלבעס, דרייעקן, פילפיגוריקע העמדה, הגם ער האט געהאט איינגעפונען לויט די שטערן, אז די שעה איז די ריכטיקע, איצט זיינען די שוואבישע הערן געזעסן, בלאַס, שוויצנ־דיק, א שווינדל אין קאָפּ. האבן פרייער אופגעאָטעמט, אז זיס איז אריין, אָנגעקוקט אים מיט געשפּאנטער האפענונג: ער וועט ארויסראטעווען.

דער איד האט געלאזן גיין גרינג, רואיק כמעט שמייכלענ־דיק זיינע ברוינע אויגן איבער דער צעטומלטער געזעלשאפט. דערנאָך האט ער געזאגט צום מאסיוון מאַיאָר ריידער, וואס איז געזעסן נאך מער גלאמפּיש ווי די איבעריקע. „איר זעט נים גע־נוג קלאָר, הער מאַיאָר, וואס עס איז צו טאָן בא אט דער מאָדנער סיטואַציע?" ער איז צוגעגאַנגען גאר נאענט צו אָט דעם מענטשן, וואס האט געקוקט טעמפּ ווי אַ גולם, און האָט געזאָגט זייער פריינטלעך: „ארעס־טירט מיך: און ווער עס וועט נאָר האָבן די איבערהאַנט, בלייבט איר אלץ גאַנץ". דאָס האָט ער געזאגט גאָר גרינג, העפלעך, כמעט ווי אין פריינטלעכן שמועס.

געפּלעפט האָבן געקוקט די הערן. דערנאָך איז עפּעס אופּ־געקומען אין זייערע אויגן, אַ הארטער, שלעכטער בליאַסק. עס איז נים געווען קלאָר, וואָס איז דער איד אויסן; אבער איינס איז געווען געוויס: ווען מען כאַפּט אים, ווען מען זעצט אים אוועק, דעמאלט איז פאראַן איינער, וואָס איז געשטאַנען גאָר אויבן אָן, וואָס צו אים האָבן אַלע געקאָנט קודם כל אויסלאָזן זייער גרימ־

צאָרן, וואָס אף אים האָבן געקאָנט אַרופגעלאָדן ווערן אַלע צרות. אַ לאַנגע מינוט איז געווען טויט שטיל אין חדר. אַלע, כמעט מיט די זעלביקע ווערטער, אין זעלביקן סדר, האָבן געטראַכט די נעמלעכע געדאַנקען. און אַלע האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין דער החלטה: יאָ! דעם אידן מוז מען כאַפּן! דאָס איז דער ראַטונעק! דער איד מוז הײנגען!

אַף אַזאַ שטײגער איז פאָרט עפּעס געטאָן געוואָרן. אַף אַזאַ שטײגער איז מען פאָרט ניט געזעסן מער אין אָט דער דריקנדיקער, נאַרישער, מיאוסער שרעק. מען שטעלט זיך, צו אַל די טערקן, אויך אַרײן אין שלאַכט־פעלד: וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ נאַרישער, טינופדיקער, שמוציקער, הינטיש־פּאַסקודנער געפיל, וואָס מען האָט זיך געלאָזט אין אים אַרײַנאָגן, וואָס איז אַזוי עקלדיק אַרופגעקראָכן איבער האַרץ און מאָגן. אַ מחיה, וואָס מען קומט איצט אַף אַזאַ פײַנעם שטײגער אַרויס פון אָט דעם חזירשן צושטאַנד. אין אײן מינוט וועט מען האָבן אָט די גאַנצע פּאַסקודנע, קלאָגעדיקע, שלימזלדיקע דעפּרעסיע הינטער זיך און פאַרגעסן.

און דאָ איז שוין דער מאַיאָר רײַדער אופגעשטאַנען. ער איז געווען, פאַר זיך און פאַר די אַנדערע, אין גאַנצן פּאַטריאָט, קריסט, סאָלדאַט. מאַסיוו, כאַראַקטער־פול, פאַרזיכערט אין זיך אף זײַן רעכט און זײַן אָרנטלעכקײט, איז ער צוגעגאַנגען צו זיסן, אָרופגעלײגט אים די מיאוסע, באַהענטשקעטע לאַפּע אפן שלאַנקען, עלעגאַנטן אַקסל, געעפנט שווער דעם האַרטן מויל: „אין נאָמען פון דער הערצאָגין און פון דער קאָנסטיטוציע: איך אַרעסטיר אים, אידי.

אין אײן אײנציקער רגע איז די קלעמענדיקע שטילקײט צעגאַנגען אין רעשדיקער, זיגערישער, חיהשער געברומערײ. דער איד האָט געשמײכלט שטיל, אײנזאַם, זײער ווײט. דורך קויטיקער זידלערײ, שטופּנדיק אים און בריקענדיק מיט די פיס, האָבן די הערן זיך געסטאַרעט ניט אַרײַנצולאָזן דאָס בילד פונם דאָזיקן שמײכל אין זײער נשמה.

פארלאג „ביכער פאר אלעמען", ריגע.

ביז איצט זיינען דערשינען:

ליאן פייכטוואנגער: „געלט און מאכט" („יוד־זיס", 1. טייל) היסטארישער ראמאן פון אידישן לעבן. איבערז. דורך מ. ראזומני.

ליאן פייכטוואנגער: „אידן". („יוד־זיס", 2־טער טייל.) איבערז. דורך מ. ראזומני. אונטער דער רעדאקציע און מיט א נאכווארט פון ז. קאלמאנאָוויטש.

מאקס בראד: „די פרוי פון אונזער ביינקשאפט" (ראמאן). אידיש: ז. קאלמאנאוויטש.

יאראָסלאַוו האשעק: „דער בראווער סאלדאט שוויק אין דער וועלט־מלחמה" (1. און 2. טייל.) אידיש: ז. קאלמאנאָוויטש.

עריך־מאַריאַ רעמארק: אפן מערב־פראָנט איז רואיק". אי־דיש מ. ראזומני.

א בוך וואס יעדער איינער מוז לייענען, כדי צו באקומען דעם אמתן בילד פון דער שרעקלעכער וועלט־שחיטה. דער ערש־טער בוך נאָך דער וועלט מלחמה, וואס איז אין משך פון 3 חדשים זיך פאנאנדערגעגאנגען אין 600.000 עקז.

אינגיכן דערשיינען:

ליאן פייכטוואנגער: „טויט־שטראָף" („יוד־זיס", 4־טער טייל)

ש. אָרניץ: „אלץ צוליב קאַריערע", אידיש מ. קיטאי. ראמאן פון אידישן לעבן־שטייגער אין אמעריקע.